STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11171

GESHTALTEN UN GESHEENISHEN

Isaac Lewin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געשטאַלטן
און
געשעענישן

פון זעלבען מחבר

אין אידיש:

פון אַמאָל און היינט / געזאַמעלטע מאמרים און רעדעס
אין לאָדזער שטאָט־ראַט, לאָדז תרצ״ט.

חורבן אייראָפּע / געזאַמעלטע מאמרים, ניו יאָרק תש״ח.

נאָכ׳ן חורבן / געזאַמעלטע מאמרים, ניו יאָרק תש״י.

אידען אין אַלטען פוילען / בוענאָס איירעס תשכ״ב.

צו דער געשיכטע פון אגודת ישראל / עסייען און רעדעס,
ניו יאָרק תשכ״ד.

עברית:

**חומר לשאלת התכוננות וסידור המדינה היהודית
על־פי התורה** / ניו יורק תש״ח.

ר׳ ישראל שמואל קליהארא / ניו יורק תשכ״א.

לתולדות הגאון בעל „חוות דעת״ זצ״ל / ניו יורק תשכ״ב.

**תשובות הגאון בעל הב״ח והגאון ר׳ ליבא
בענין חרם דרבנו גרשם** / ניו יורק תשכ״ד.

לשאלת ה„גט מווינא״ / ניו יורק תשכ״ה.

על דבר תשובת מהר״ם מלובלין סימן קל״ח /
ניו יורק תשכ״ה.

שלש תשובות של הגאון ר׳ השיל זצ״ל / ניו יורק תשכ״ה.

תשובת מהרש״ל השני משנת של״ט בדבר זכויות השוכר /
ניו יורק תשכ״ו.

**תשובת הגאון ר׳ שמואל בן הגאון ר׳ פייבוש מקראקא
בדבר השם „פוריה״** / ירושלים תשכ״ט.

**תשובת הגאון ר׳ אברהם בן בעל „משאת בנימין״
בענין היתר עיסקא** / ניו יורק תש״ל.

אלה אזכרה / אוסף תולדות קדושי ת״ש־תש״ה,
שבעה כרכים, ניו יורק תשט״ז־תשל״ב.

געשטאַלטען און געשעענישען

עסייען און רעדעס

פון

הרב דר. יצחק לעווין

פאַרלאַג „אָרטאָדאָקסישע ביבליאָטעק"

ניו יאָרק • תשל"ח

PERSONALITIES AND EVENTS
Essays and Speeches

by

DR. ISAAC LEWIN

New York, 1978

Copyright © 1978 by
ISAAC LEWIN

Published by
"Orthodox Library," New York

Library of Congress Card Number 78-51039

בדפוס האחים שולזינגר

אינהאלט

הקדמה.. 7

געשטאַלטען:

הגאון ר׳ אהרן לעווין הי״ד...................................... 13
הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין –
די קרוין פון אגודת ישראל.. 39
די קדושה פון גער.. 49
דער מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילען און אַ
גאָלדען האַרץ – הגאון ר׳ אליעזר סילווער.......................... 55
צוויי פאַרשפרייטער פון אַ הייליג ליכט –
הרב ר׳ מרדכי שלמה פרידמאַן, באָיאַנער רבי
און הרב ר׳ משה יחיאל הלוי עפשטיין, אָזשאַראָווער רבי........ 61
הרב ר׳ נחום מרדכי פערלאָוו – נאָוואמינסקער רבי................ 68
הרב ר׳ אברהם משה באבד, סונדערלאנדער רב....................... 74
דער אמת׳דיגער עוסק בצרכי ציבור באמונה –
ר׳ אלימלך טרעס.. 80
דער רעטער פון אידען בעת׳ן חורבן –
ר׳ יצחק שטערנבוך.. 85
צוויי פירער פון פוילישען אידענטום –
ר׳ אלי׳ מאזור און ד״ר מאיר שמעון רייכמאן...................... 91

געשעענישען:

זעכציג יאָר אגודת ישראל.. 100
לגיונו של מלך.. 108
צעהן יאָר נאָכ׳ן ווארשאווער געטאָ־אויפשטאנד..................... 112
ווען שווארצע וואָלקענס האָבען באדעקט דעם האָריזאָנט.............. 120
אויף די חורבות פון פוילישען אידענטום........................... 126
די דריי לובלינ׳ס.. 150
אויפ׳ן אַלטען בית־החיים אין וואָרמס............................ 157

הקדמה

די זאַמלונג פון מאמרים, וועלכע איך גיב איצט איבער דעם ציבור, איז ביי מיר געווען אַקטועל שוין מיט אַ צייט צוריק. איך האָב געהאַלטען, אַז די מאמרים, וואָס זיינען געווען געשריבען וועגען אייניגע גרויסע פערזענליכקייטען, וואָלטען געדאַרפט ווערען געמאַכט צוגענגליך פאַר אַ ברייטערען קרייז פון לייענער. אויך די אָפּשאַצונגען וועגען דער אגודת ישראל און דעם אויפשטאַנד אין וואַרשאווער געטאָ פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי נישט לאָזען אונטערגיין. די איינדרוקען פון די נסיעות קיין פוילען און וואָרמס האָבען אפשר אויך אַ מעהר דויערענדען כאַראַקטער, בפרט, אַז זיי זיינען אילוסטרירט דורך בילדער. דאַריבער האָב איך באַשלאָסען אַרויסצוגעבען אַזאַ זאַמלונג און איך האָף, אַז דער אידישר לייענער-עולם וועט דאָס באַגריסען.

אויב מען וויל אַביסעל טיפער באַגרינדען די נויטיגקייט פון זאָגען אַ וואָרט פון אמת און קלאָרקייט וועגען אידישע געשטאַלטען און געשעענישען, דאַן איז נישטאָ קיין בעסערער אופן ווי אַ דבר תורה.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַמאָל אויפ׳ן באַקאַנטען פסוק אין תהלים, קאַפּיטעל קמ״ה, וואו עס ווערט געזאָגט: „קרוב ד׳ לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת״. עס פרעגט זיך: וואָס הייסט „אשר יקראוהו באמת״? זאָל דאָס מיינען, אַז ג־ט איז נאָהענט צו די, וואָס רופען איהם אויף אַן אמת? דאָס איז דאָך אייגענטליך זעלבסט-פאַרשטענדליך. וואָס לאָזט מען דאָ הערען?

און פונקט אַזוי שווער איז די אַלטע תפלה, וואָס דאָס אידישע פאָלק זאָגט שוין הונדערטער יאָהרען אין ראש-השנה

און יום־כיפור, די באַרימטע תפילה פון „ונתנה תוקף״, אין וועלכער ער ווערט געזאָגט:

„ונתנה תוקף קדושת היום, כי הוא נורא ואיום,
ובו תנשא מלכותך ויכון בחסד כסאך ותשב עליו
באמת – אמת כי אתה הוא דין ומוכיח ויודע ועד
וכותב וחותם וסופר ומונה ותזכור כל הנשכחות...״

ווי קומט עס, אַז מיר זאָלען זאָגען צו ג־ט ברוך הוא, אַז ער זיצט אויף זיין כסא „באמת״? וואָס דען? איז מעגליך אַנדערש? און וואָס הייסט דאָס, אַז מיר גיבען באַלד צו: „אמת כי אתה הוא דין ומוכיח״? דאָס וואָרט „אמת״ פאַר „כי אתה הוא דין ומוכיח״ איז דאָך לכאורה איבעריג.

אָבער מיר דוכט זיך, אַז „באמת״ ווערט סיי אין תהלים קמ״ה און סיי אין דער תפילה פון „ונתנה תוקף״ נישט געברויכט אין געוועגליכען זין. דאָס מיינט נישט: „מיט״ אמת, אָדער אויף אַן אמת. דאָס מיינט גאָר עפּעס אַנדערש.

אין דער העברעאישער שפּראַך ווערט דאָס אות „ב״ פאַר אַ שם טיילמאָל געברויכט כדי אויסצודריקען דעם מיין „וועגען״.

די גמרא זאָגט אין יומא כ״ב, אַז שאול המלך האָט ביי דער מלחמה מיט אגג׳ן „וירב בנחל״ (שמואל א׳, ט״ו ה׳), אָבער דאָס מיינט נישט פּשוט, אַז ער האָט זיך געשלאָגען **אין** נחל. לויט דער גמרא מיינט דאָס דאָרט: „**על עסקי** נחל״, דאָס הייסט **וועגען** נחל, ווייל שאול האָט געוואָלט וויסען, פאַרוואָס מען ברענגט אַן עגלה ערופה און וואַרפט זי אַריין אין נחל איתן (דברים כ״א ד׳) וועגען אַ יחיד – און ער דאַרף פאַרניכטען אַזויפיל נפשות?

מיט די דאָזיגע ווערטער פון חז״ל האָט מיין פאָטער זצ״ל הי״ד אַזוי הערליך ערקלערט דעם פסוק אין דער תורה: „שופך דם האדם באדם דמו ישפך״ (בראשית ט׳ ו׳) – טיילמאָל וויל דער מענטש פאַרענטפערן אַ מאָרד מיט דעם, וואָס דער ערמאָרדעטער איז נישט געוועזן ראוי צו בלייבען לעבען, ווייל

ער איז כלומר׳שט געווען שלעכט. דער מערדער זאָגט, אַז ער האָט שופך דם געווען „באדם״, ווען דער מענשליכקייט גאָר... זאָגט די תורה, אַז דאָס ווערט נישט אָנגענומען, ווייל נישט דער מערדער איז באַרעכטיגט צו משפט׳ן דעם ערמאָרדעטען, און דאַריבער איז – „דמו ישפך״. („הדרש והעיון״, ספר בראשית, מאמר ל״ה).

מיר דוכט זיך, אַז אין תהלים מיינט דאָס וואָרט „באמת״ אויך: **וועגען** אמת, „על עסקי אמת״. ג־ט איז נאָהענט צו די, וואָס רופען איהם **וועגען** אמת.

און אין דער תפילה פון „ונתנה תוקף״ זאָגען מיר צו ג־ט: „ותשב עליו באמת״ – דו זיצט אויף דיין שטוהל וועגען אמת. וועגען וועלכען אמת? דעם אמת – כי אתה הוא דין ומוכיח! דאָס איז דער יסוד. און דאַריבער זאָגט מען נאָכאַמאָל: „אמת, כי אתה הוא דין ומוכיח״, כדי צו ערקלערען וועלכען אמת האָט מען געמיינט ביים זאָגען „ותשב עליו באמת״.

איך געה איצט איבער צו מיין געדאַנק, אַז עס פאָדערט זיך אַ וואָרט פון אמת און קלאָרקייט וועגען געשטאַלטען און געשעענישען. יאָ, **וועגען** אמת דאַרף מען דאָס זאָגען. כדי די אמת־דיגע השקפה פון גדולים זאָל קומען צום אויסדרוק.

אָט מיט דער האָפנונג לאָז איך אַרויס דאָס איצטיגע בוך אין דער גרויסער וועלט: זאָל עס אָנווייזען וואָס האָבען געטראַכט און געטאָן די פערזענליכקייטען, וועלכע זיינען דאָ באַשריבען. און זאָלען די געשעענישען, וועלכע מיר באַהאַנדלען, דערמאָנען דעם נייעם דור, אַז עס איז דאָ אַן אַלטער אמת ביים אידישען פאָלק, דער אמת פון דת, דער אמת פון דער תורה.

מיט **דעם** אמת געהען מיר אונזער וועג דורך די געשיכטע.

יצחק לעווין

כסלו, תשל״ח

בילד פון דער 5־טער כנסי׳ גדולה אין ירושלים

הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין (רעדט), נאָוואָמינסקער רבי ר׳ נחום מרדכי פערלאָוו, הײנטיגער גערער רבי ר׳ בונם אַלטער שליט״א, הרב ר׳ אברהם משה באבד, הרב ד״ר יצחק לעווין, הרב ר׳ משה פײנשטײן, הרב ר׳ יעקב יצחק רודערמאַן.

געשטאַלטען



הגאון ר׳ אהרן לעווין הי״ד, פון רײשא

הגאון רבי אהרן לעווין הי״ד

1.

צו שרייבען אַ ביאָגראַפיע פון מיין אומפאַרגעסליכען פאָטער ז״ל, מיינט פאַר מיר צו איבערלעבען נאָכאַמאָל אַ טראַגעדיע, וואָס האָט נישט אירס־גלייכען. דורך מער ווי דריי צענדליג יאָרען זיינען מיר געווען אַזוי נאָענט פאַרבונדען. זיין לויטערע און ערהאַבענע פערזענליכקייט האָט אַזוי אויסגעפולט מיין גאַנצע עקזיסטענץ, אַז איך האָב מיר כמעט נישט געקענט פאַרשטעלען דאָס לעבען אָן אים. איבערגעבען זיינע שאַפונגען און ווערען אָנצייכענען זיינע אומפאַרגלייכליך־איידעלע כאַראַקטער־שטריכען, הייסט פאַר מיר ווידער אויפרייסען די וואונד, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרהיילט.

איך האָב מיט יאָרען צוריק געזאַמעלט דאָס מאַטעריאַל פאַר אַזאַ ביאָגראַפיע. אַלץ, וואָס האָט געהאָט אַ שייכות צו מיין פאָטער ז״ל, איז פאַר מיר געווען הייליג און טייער. נאַטירליך, איז פון דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב צונויפגעקליבען ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, גאָר נישט געבליבען. די טמא׳דיגע הענט, וואָס זיינען באַפאַלען דאָס אידישע פאָלק אין יאָר 1939, האָבען אַלץ פאַניכטעט. עס שטייט אָבער פאַר די אויגען די נאָבעלע פערזענליכקייט פון מיין פאָטער ז״ל אין די פאַרשיידענע תקופות פון לעבען. מיין פען איז צו שוואַך צו שילדערען זיין גרויסקייט. עס פעלט דאָס וואָרט צו באַשרייבען זיין איידעלקייט. איך וועל בלויז צוזאַמענעמען די פאַקטען פון זיין לעבען, כדי די קומענדיגע דורות זאָלן וויסען, וויאַזוי עס האָט זיך אַנטוויקעלט איינער פון די גרעסטע פירער פון אידישען פאָלק אין דער תקופה פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

2.

ער איז געבוירען געוואָרען י״ד חשון תר״מ (31 אָקטאָבער 1879) אין

פשעמישל. זיין פאָטער, ר׳ נתן לעווין, איז געווען דער איידעם פון ר׳ יצחק שמעלקעס, וואָס איז אין יענער צייט געווען פשעמישלער רב. זיין מוטער, הדסה, איז געווען די איינציגע טאָכטער פון געוואַלטיגען גאון, דעם מחבר פון „בית יצחק״, וואָס דער ערשטער חלק פון דאָזיגען זעקס־בענדיגען ריזען־ספר איז אַרויס אין דרוק אין יאָר תרל״ה.

ר׳ יצחק שמעלקיס שרייבט אין דער הקדמה צום ערשטען חלק „בית יצחק״, אַז ער וויל מיט דעם ספר פאַראייביגען דעם אָנדענק פון זיין איינציגען זון, ר׳ אהרן, וואָס איז נפטר געוואָרען גאָר אַלס יונגערמאַן און האָט געבעטען ביים פאָטער אָפּצודרוקען זיינע חידושי תורה. ביים סוף פון חלק אורח־חיים פון „בית יצחק״ געפינען זיך די דאָזיגע חידושי תורה אונטערן נאָמען „מנחת אהרן״. אַזוי־אַרום איז אייגענטליך דער „בית יצחק״ אַ מין מצבה פאַר ר׳ אהרן שמעלקעס.

אָבער נישט בלויז אַזאַ מצבה האָט מען אויפגעשטעלט פאַרן יונג־פאַרשטאָרבענעם גאון. ווען עס איז י״ד חשון תר״מ געבוירען געוואָרען אַ אינגל ביי דער טאָכטער פון ר׳ יצחק שמעלקעס, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבען „אהרן״, און מיט אים האָט זיך דער „בית יצחק״ געטרייסט נאָכן פאַרלוסט פון זיין זון. במשך 61 יאָר האָט דאָס אייניקעל ממשיך געווען די טראַדיציע פון גאון און ווייטער געשפּינען די גאָלדענע קייט פון תורה, וואָס האָט זיך געצויגען אין דער משפחה פון לאַנגע דורות.

אין דער הקדמה צום „בית יצחק״ אורח־חיים שרייבט ר׳ יצחק שמעלקעס, אַז זיין יחוס פון פאָטער׳ס צד גרייכט צוריק צום „תבואות שור״, צו ר׳ אלעזר רוקח און צום בעל „טורי זהב״. פון דער מוטערס צד שטאַמט ער אָפּ פון מהר״ם מלובלין, מהר״ם פּאַדוואַ און פון בעל „חכם צבי״. ר׳ נתן לעווין איז אויך געווען אַ גרויסער מיוחס (איינער פון זיינע זיידעס איז געווען דער ראַדעכאָווער רב ר׳ דוד יהודה, וואָס האָט מחבר געווען דאָס ספר „יד יהודה״ אויף פסחים).

ר׳ יצחק שמעלקעס האָט גאָר פרי אָנגעהויבען מחנך צו זיין זיין אייניקעל, וואָס האָט אַרויסגעוויזען אויסערגעוויינליכע כשרונות. אויך דער פאָטער, הגאון ר׳ נתן ז״ל, וואָס איז שפּעטער געוואָרען רב אין ראַהאַטין און אין רישא און איז געווען אַ געוואַלטיגער בקי און חריף, האָט פאַרפלאַנצט אין זיין עילוי׳שען זון תורה און חכמה. דאָס קינד האָט אָנגעהויבען צו שמ׳ען ווייט און ברייט. ווען ער איז געוואָרען בר־מצוה, האָט זיך די שטאָט פשעמישל פאַרזאַמעלט אין שול און דער יונגער עילוי

איז אַרויף אויף דער בימה און געהאַלטען אַ דרשה אין פּלפּול און אַגדה, וואָס האָט געמאַכט שטוינען אַלע, וואָס האָבען אים געהערט. עס איז אַפּילו פאַרבליבען וועגען דעם אַ געדרוקטע ידיעה. אין דער צייטונג „קול מחזיקי הדת״, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין לעמבערג דעם 21 חשון תרנ״ג, געפינט זיך אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פשעמישל, אין וועלכער עס ווערט איבערגעגעבען וועגען דעם געשעעניש. „די שול איז געווען פול־געפּאַקט פון נכבדים, וואָס זיינען געקומען הערען די בר־מצוה־דרשה פון הבחור היקר והנחמד החריף והשנון כ׳ אהרן לעווין נ״י, און זיינע ווערטער האָבען אויסערגעוויינליך אויסגענומען. יעדער איז געווען דערשטוינט איבער דעם ווי אַזאַ יונגער בחור האָט זיך נישט געשראָקען צו רעדען פאַר אַזאַ גרויסען קהל. נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיגט, האָבען אים אַלע פאַרזאַמעלטע געבענטשט פון האַרצען, אַז ער זאָל זיך ווייטער שטאַרקען אין תורה און גרייכען מיט זיין חכמה ביז אין די הימלען...״

עס האָט גענומען אַ קורצע צייט און דאָס געניאַלע אייניקעל פון „בית יצחק״ איז אויסגעוואַקסען צו איינעם פון זיינע באַדייטענדסטע תלמידים. די שטוב פון „בית יצחק״ איז געווען דער גרעסטער צענטער פון תורה אין גאַליציע. לומדות פון גרעסטען פאַרנעם האָט זיך פון דאָרט צעטראָגען איבער דער וועלט. און דאָס יונגע אייניקעל האָט באַלד פאַרנומען אַן אָנזעעוודיג אָרט צווישען די לומדים אַרום ר׳ יצחק שמעלקעס. אין יאָר תרנ״ה איז געדרוקט געוואָרען דער דריטער חלק פון „בית יצחק״ (יורה דעה, חלק ב׳), און דער יונגער ר׳ אהרן לעווין, וואָס איז אַלט געווען קוים 15 יאָר, האָט שוין געמאַכט די „מפתחות״ און געדרוקט זיינע אייגענע חידושי תורה (דף קס״ב) אין זיידענ׳ס ספר. אין די ווייטערדיקע חלקים פון „בית יצחק״ געפינען זיך נאַטירליך מערערע חידושי תורה פון גאונישען אייניקעל, וואָס איז געוואָרען די „רעכטע האַנט״ פון ר׳ יצחק שמעלקעס, דעמאַלט שוין לעמבערגער רב.

לעמבערג איז געווען אַ ריכטיגע מעטראָפּאָליע פון תורה. עס האָבען דאָרט געלעבט צאַלרייכע בני־תורה, חכמים, שרייבער. וואונדערבאַרע מוסדות האָבען עקזיסטירט אין דער דאָזיגער אַלטער קהילה. עס האָט געבליט אַ אידיש לעבען אין לעמבערג, די רעזידענץ פון גאַליציע, וואו אידען פון מזרח און מערב האָבען געשטראָמט אין מאַסען. דער צענטראַלער פונקט פון לעמבערג איז געווען די שטוב פון גאון הדור, ר׳

יצחק שמעלקעס, און אין דער דאָזיגער שטוב האָט זיך שטאַרק געשפּירט די השפּעה פון יונגען ר׳ אהרן לעווין. דער זיידע האָט אים ציטירט אין זיינע פּסקים. אַזוי, למשל, געפינט זיך אין צענטען חלק פון „שדי חמד״ (מכתב כ״ג) אַ תשובה פון ר׳ יצחק שמעלקעס, געשריבן אין יאָר תרנ״ו. אין יענער צייט איז ר׳ אהרן לעווין אַלט געווען 16 יאָר, און שוין ציטירט אים ר׳ יצחק שמעלקעס מיט אַ וויכטיגער לומדישער באַמערקונג.

ער איז געווען שוין דעמאָלט אַ דרשן נפלא. פון צייט צו צייט פלעגט ער דרשנען אין די לעמבערגער שולען. איין מאָל, ווען ר׳ אהרן לעווין איז אַלט געווען 19 יאָר, האָט זיינס אַ דרשה אין דער שול „קובע עתים לתורה״ אַזוי אויסגענומען, אַז מען האָט די דרשה אָפּגעדרוקט. דאָס איז דער קונטרס „דבר בעתו״, געדרוקט ביי ר׳ יוסף פישער אין קראָקע אין יאָר תרנ״ט (65 זייטען). אין דעם ספר פון 19־יאָריגען מחבר דערקענט זיך שוין דער גרויסער מייסטער פון שפּראַך און דרוש. דער סטיל איז לייכט און צוציענדיג. דער תוכן איז אויפצוקלערען, פאַרוואָס די אידען זיינען געשיקט געוואָרען קיין מצרים איידער זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרען דורך משה רבינו. וואונדערבאַרע געדאַנקען וועגען כאַראַקטער פון אידישען פאָלק זיינען אַנטהאַלטען אין דער דרשה, וואָס איז געוואָרען באַרימט אין דער לומדישער וועלט. דער חלק ההלכה איז אויפגעבויט אויף דער סוגיא אין פּסחים דף כ״ח, און עס דערקענט זיך דאָרט דער יונגער אָדלער, וואָס האָט געגומען פליען אין הימלען פון דער הלכה.

ער האָט אָפט גערעדט ביי פאַרשיידענע געלעגענהייטען צוזאַמען מיטן זיידען, און עס האָט פּאַסירט, אַז נאָך אַזאַ געמיינזאַמען אויפטריט האָט ר׳ יצחק געפרעגט דעם לעמבערגער פּרנס און גביר ר׳ שלמה בובער (וואָס האָט אַרויסגעגעבען די מדרשים), וואָס ער זאָגט צום אייניקעל׳ס דרשה, ר׳ שלמה בובער האָט געענטפערט מיט אַ פּסוק: „הכה שאול באלפיו ודוד ברבבותיו״ (שמואל א׳ יח, ז׳). דער „בית יצחק״ האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז די תשובה האָט אים געוואַלטיג הנאה געטאָן. ווייל דער אויפגייענדער שטערן פון זיין אייניקעל איז פאַר אים געווען מער ווי דער גרעסטער אוצר.

ר׳ אהרן לעווין האָט, חוץ זיין גאונות אין תורה, זיך אויך דערוואָרבען, מיט דער הסכמה פון זיידען, וועלטליכע בילדונג. ער האָט מייסטערהאָפט באַהערשט דיביידע אָפיציעלע שפּראַכען פון לאַנד: דייטש און פּויליש. ער האָט אָנגעהויבען שרייבען אַרטיקלען אין די

דאָזיגע שפּראַכען און אויך אָפּגעלייגט, אַלס עקסטערניסט, פּריפונגען אין א לעמבערגער מלוכה־גימנאַזיע. די פּראָפעסאָרען האָבען געשטוינט, ווי גרינטליך ער האָט באַהערשט דעם מאַטעריאַל.

אין יאָר תרס״ב האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון חסידישען גביר ר׳ אליהו הירש פרידמאַן פון וויעליטשקע. נאָך דער חתונה האָט ער אַ קורצע צייט געוואוינט ביי זיין שווער, דעם איידעלען און אַריסטאָקראַטישען נדבן, וואָס האָט גע׳שמ׳ט אין גאַליציע מיט זיין חסידות און זיין ברייטהאַרציגקייט. זיין פרוי, די יונגע רביצין, דאָבע, איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלע שענסטע מידות פון אַ אידישער פרוי. עס זיינען אים געבוירען געוואָרען פיר קינדער: אַ טאָכטער, פּריווע, און דריי זין: דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות און זיינע צוויי ברידער, שמואל דוד און מרדכי.

צו דער חתונה האָט ר׳ יצחק שמעלקעס אים געגעבען סמיכה. אין היתר־הוראה האָט דער לעמבערגער רב געשריבען, אַז הגם אַ פאָטער קען נישט עדות זאָגען אויף זיין קינד און דאָס דאָזיגע אייניקעל איז ביי אים ווי אַ קינד, וועלכעס ער האָט אויפגעצויגען, אָבער „במילתא דעבידא לגלוי׳ שאני״. ער האָט אים פאַראויסגעזאָגט אַ געוואַלטיגע צוקונפט אין רבנות, צוליב זיין באַהערשען דעם ים־התלמוד און אַלע מקורות פון דער הלכה, און אויך צוליב זיינע פעאיגקייטען אַלס דרשן און עסקן. ווייטערדיגע סמיכות האָט ר׳ אהרן לעווין באַקומען פון קראָקעווער רב ר׳ חיים לייבוש האָראָוויץ און פון טשערנאָוויצער רב ר׳ בנימין ארי׳ ווייס.

3.

אין יאָר תרס״ד איז ר׳ אהרן לעווין געוויילט געוואָרען אַלס רב אין דער גרויסער גאַליצישער קהילה סאַמבאָר, וואָס האָט תמיד געהאַט גאונים אויף איר כסא הרבנות. שבת פרשת חוקת, י״ב תמוז תרס״ד, האָט ער געהאַלטען די ערשטע דרשה אַלס שטאָט־רב פון סאַמבאָר.

די ערוויילונג פון יונגען רב, וואָס איז נאָך קיין 25 יאָר נישט אַלט געווען, אין אַזאַ חשוב׳ער קהילה פון 10,000 אידען, האָט אויפגעשטורעמט גאַליציע. אין סאַמבאָר האָט געלעבט אַן אַלטער און וועלט־באַרימטער רבי, ר׳ אורי יאַללעס. דער ראש־בית־דין אין שטאָט איז געווען ר׳ איטשע טרוי, אַן אַלטער מורה־הוראה, ווייט באַקאַנט אַלס

למדן. וויאַזוי האָט אַ יונגער רב געקענט באַהערשען אַ קהילה מיט אַזעלכע גייסטיגע ריזען?

אָבער עס איז קוים פאַרשטריכען אַ קורצע צייט און עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז דער יונגער סאַמבאָרער רב האָט אַ פעסטע פאָזיציע. מיט זיין גאונות האָט ער באַלד כובש געווען די לומדים אין שטאָט. מיט זיינע מדות טובות האָט ער געוואונען דעם צדיק, רבי אורי׳לע. מיט זיין עסקנות האָט ער זיך באַליבט געמאַכט ביים המון־עם.

ער איז געקומען צו דער סאַמבאָרער רבנות מיט דער דערפאַרונג, וואָס ער האָט זיך קונה געווען אין לעמבערג. אין זיין גייסט האָט ער געהאַט אַן אויסגעאַרבעטען פראָגראַם פאַר די טעטיגקייטען פון אַ רב, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט אין דער ערשטער דרשה, וועלכע איז אַרויס אין דרוק אונטערן נאָמען „מטה אהרן״. במשך כמעט 40 יאָר האָט ער געהאַלטען אָט דעם פראָגראַם און זיך באַמיט אים צו פאַרווירקליכען.

אַלס יסוד האָט ער באַנוצט דעם מדרש תנחומא אין פרשת וישלח: „שלשה דברים עתיד אליהו להעמיד להן לישראל, צנצנת המן, צלוחית של שמן המשחה וצלוחית המים, ויש אומרים אף מקלו של אהרן״. אין אָט די פיר זאַכען, האָט ער געזאָגט, זיינען סימבאָליזירט די פיר וויכטיגסטע אַרבעטס־געביטען פון אַ רב. די „צנצנת המן״ איז די עסקנות, דאָס פאַרזאָרגען די אָרימע ברידער מיטן „מן״. די „צלוחית של שמן המשחה״ איז די אַרבעט אויפן געביט פון חינוך, אַלס לערער פון דער קהילה, וועלכע איז געזאַלבט מיטן „שמן התורה״. די „צלוחית של מים״ איז דער סימבאָל פון רייניגען די קהילה דורכן רב, וועלכער פירט זיינע ברידער אין ריכטיגען וועג. און דער „מקלו של אהרן״ איז דער סימבאָל פון שלום, צו וועלכען יעדער רב דאַרף שטרעבען אַלס יסוד פון זיין קהילה.

דעם הערליכען פראָגראַם, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט, האָט ער אָנגעצייכענט נישט נאָר פאַר סאַמבאָר,נאָר אויך פאַר אַנדערע שטעט, צו וועלכע זיין השפעה האָט באַלד גענומען גרייכען. ער איז געוואָרען איינגעלאַדען אין פאַרשיידענע קהילות און וואו ער איז געקומען האָט מען אים אויפגענומען מיט דרך־ארץ און ליבשאַפט. ווען ער האָט געהאַלטען, ביי אַ געלעגענהייט, אַ דרשה אין יאַראָסלאַוו, האָט מען אים באַלד אַנגעבאָטען די כסא הרבנות. ווען סאַמבאָר האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט די קהילה באַשלאָסען צו רופען יאַראָסלאַוו צו אַ דין־תורה. גערירט פון דער אַנהענגליכקייט, האָט דער סאַמבאָרער רב

באַשלאָסען צו בלייבען ביי זיינע ביז איצטיגע בעלי־בתים. ער האָט אויך צוריקגעוויזען אַ רייע אַנדערע רבנות׳ן, וועלכע זיינען אים אָפיציעל געוואָרען אָנגעבאָטען (צוו. אַנדערע פון דער גרויסער קהילה אין טשערנאָוויץ).

און סאַמבאָר האָט גוט אָפּגעשאַצט דעם רב. זיין פּאָפּולאַריטעט איז כסדר געשטיגען. ווען מען האָט געוויילט אַ שטאָט ראָט, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס איז געוויילט געוואָרען. ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען וועלכער עס איז טעטיגקייט אין שטאָט, האָט ער מיט אַלעם אָנגעפירט. ער איז געווען די „רוח החיה" פון אַלעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער קהילה.

דערביי האָט אים זיין עסקנות נישט אָוועקגענומען פון לערנען תורה. במשך אַכט יאָר האָט ער צוגעגרייט אַ גרויסען ספר אויף מסכת ברכות, „ברכת אהרן" (געדרוקט אין דראָהאָביטש אין יאָר תרע"ג), וואָס האָט געוויזען אַ נייעם וועג אין ערקלערען ש"ס: גאַנצע מאמרים, וואָס באַהאַנדלען באַזונדערע ענינים, פאַרבונדען מיטן לערנען גמרא. אין „ברכת אהרן" איז דאָ אַן אוצר פון תורה, אַ געזונטע לאָגיק, אַ דערשטוינליכע בקיאות. ער האָט מקשר געווען מאמרים, וועלכע זיינען אין פלוג נישט פאַרשטענדלעך, און די שוועריגקייט איז פּלוצים פאַרשוואונדען. טיילמאָל וואונדערט מען זיך: וואו זיינען עפּעס אַהינגעקומען די ספקות? אַזוי איינפאַך איז אַלץ געוואָרען. מען טרעפט אין „ברכת אהרן" די עמקות און חריפות פון זיין גרויסען רבי׳ן, דעם „בית יצחק", אָבער גלייכצייטיק זעט מען דעם מאָדערנעם סדר, וואָס דערפרישט דעם לערנער. די שפּראַך איז אַ לייכטע און פליסענדע.

וועגען די לייסטונגען פון רב אין סאַמבאָר וואָלט גאָר אַ סך געקענט געשריבען ווערען. מיר ווילען דערמאָנען נאָר איין היסטאָריש-וויכטיגען פּרט. קיינמאָל האָט סאַמבאָר נישט געהאַט קיין עירוב אַרום דער שטאָט, ביז עס איז געקומען ר׳ אהרן לעווין און האָט עס מתקן געווען. דער גאַנצער ענין און דער הלכה׳שער יסוד פון סאַמבאָרער עירוב געפינט זיך אין דער זאַמלונג פון תשובות „אבני חפץ", סימן כ׳.

4.

בערך אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין תרע"ג, איז

פלוצים גאַליציע געוואָרען איבעראַשט פון אַ ידיעה: דער סאַמבאָרער רב איז געוואָרען באַשטימט פון קייזער פראַנץ יאָזעף אַלס „קייזערליכער ראַט״.

דאָס איז געווען אַ טיטול, וועלכען דער עסטרייכישער קייזער האָט געגעבען דעם יונגען רב, כדי צו ווייזען, אַז מען שאַצט אָפּ אין וויען זיין עסקנות און זיין וויסען. צום ערשטען מאָל האָט אַ רב אין גאַליציע זוכה געווען צו אַזאַ כבוד. דאָס לאַנד האָט דערזען, אַז דער נייער שטערן הויבט אָן צו לייכטען.

און ווען עס איז אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה, אַ יאָר שפּעטער, האָבען זיך שוין באַוויזען די ממשות'דיגע רעזולטאַטען פון סאַמבאָרער רב'ס פּאָזיציע. די רוסישע אַרמיי האָט אין אָנהויב פון דער מלחמה געהאַט פאַרנומען כמעט גאַנץ גאַליציע. אַ שטראָם פון פליטים איז געלאָפען פון גאַליציע צו די מערב'דיגע פּראָווינצען פון דער עסטרייכישער אימפּעריע. אַ גרויסע מאַסע איז אָנגעקומען קיין וויען. דער מאַטעריעלער און גייסטיגער צושטאַנד פון די פליטים איז געווען זייער שלעכט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ שטאַרקע פּערזענליכקייט, וואָס זאָל נעמען אין איר האַנט די ענינים פון די אידישע פליטים.

די עסטרייכישע רעגירונג האָט באַלד געפונען אַזאַ פּערזענליכקייט צווישען די פליטים גופא: דער סאַמבאָרער רב איז אלול תרע״ד אָנגעקומען קיין וויען. אַלס „קייזערליכער ראַט״ האָט ער געהאַט אָפען פאַר זיך די טירען פון אַלע אַמטען. שנעל האָט ער אָרגאַניזירט די רבנים פון גאַליציע, וואָס זיינען געווען אין וויען. ער האָט אינטערווענירט ביי די מיניסטעריומס און איבערגעגעבען די פאַרלאַנגען פון די ליידענדע מענטשען. די רעגירונג האָט אים דאַן פאַרגעלייגט צו ווערען דער אָפיציעלער גייסטיגער אַפּוטרופּוס פון די גרויסע פליטים־לאַגערן אין ניקאָלסבורג, ברוק, פּאַהרליץ און גאַיאַ. ער האָט מסכים געווען. באַלד האָט זיך דערשפּירט עפּעס אַ נייער ווינט אין די לאַגערן. מען האָט אַנגעשטעלט שוחטים. מען האָט באַנייט די אַלטע שולען און געבויט נייע. די גאַליצישע אידען אין מערב־עסטרייך האָבען דערזעען, אַז מען זאָרגט פאַר זיי „אין די הויכע פענסטער״.

איינע פון זיינע גרויסע דערגרייכונגען אין יענער צייט איז געווען דאָס אַרויסנעמען הונדערטער רבנים און רבנים־קאַנדידאַטען פון מיליטער. צוליב זיין שתדלנות האָט די עסטרייכישע רעגירונג באַפרייט

פון מיליטער־דינסט אַלע רבנים־קאַנדידאַטען, וואָס האָבען געהאַט די געהעריגע סמיכה. עס זיינען באַשטימט געוואָרען צען רבנים, וואָס זייערע צייגנישען זיינען אַנערקענט געוואָרען דורך דער מאַכט. די דאָזיגע דערגרייכונג, וואָס האָט מציל געווען אַ גרויסע צאָל מענטשען, האָט דעם סאַמבאָרער רב געשטעלט ממש אין שפּיץ פון די רבנים אין דער מדינה.

אָבער ער האָט נישט געוואָלט בלייבען אין וויען און ווייטער זיך פאַרנעמען בלויז מיט שתדלנות. אים האָט געצויגען צו זיין קהילה און ווי נאָר זי איז באַפרייט געוואָרען פון דער רוסישער אָקופּאַציע, איז ער צוריקגעפאָרען. נאַטירליך, האָט ער שוין נישט געקענט זיך באַשרענקען אויף לאָקאַלע ענינים אַליין. דער גאַליצישער „שטאַט־האַלטער" (דעם קייזער'ס פּערזענליכער פאַרטרעטער) אין לעמבערג פלעגט אים איינלאַדען צו וויכטיגע ענינים. ער איז געווען באַזונדער טעטיג אַלס מיטגליד פון אַ צענטראַלער קאָמיסיע צו פאַרזאָרגען די מלחמה־יתומים אין גאַליציע. אין סאַמבאָר גופא האָט ער אויפגעשטעלט צוויי יתומים־הייזער.

עסטרייך האָט פאַרשפּילט די מלחמה און אין חודש אָקטאָבער 1918 איז אויפגעשטאַנען דאָס נייע פּוילען. אָבער סאַמבאָר איז געלעגען אין יענעם שטח, וואָס וועגען אים האָבען חדשים־לאַנג געקעמפט די אוקראַינער מיט די פּאָלאַקען. אויף יענעם שטח זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אידישע „נאַציאָנאַל־ראַטען", וועלכע האָבען, ביי די שווערע באַדינגונגען, פאַרטראַטען און פאַרטיידיגט די אידישע אינטערעסען. צווישען די ערשטע ביי דער דאָזיגער אַרבעט איז געווען דער סאַמבאָרער רב.

פּוילען האָט, סוף־סוף, אַריינגענומען מזרח־גאַליציע אין איר טעריטאָריע. דער רב פון סאַמבאָר, וועלכער האָט מייסטערהאַפט באַהערשט די פּוילישע שפּראַך, איז געשטעלט געוואָרען פאַר נייע אויפגאַבען. נישט נאָר גאַליציע, נאָר מיליאָנען אידען אין „קאָנגרעס־פּוילען", האָבען געדאַרפט האָבען אַ געניטען רעליגיעזען פירער פון גרויסען פאַרנעם. ווייזט אויס, אַז דער שם פון יונגען אָבער אַזוי אַקטיווען רב און גאון פון סאַמבאָר האָט שנעל דערגרייכט ביז וואַרשע. ווייל אין יאָר 1920 איז צו אים געקומען אַ דעלעגאַציע פון וואַרשעווער דאַזאָרעס מיט ר' לייבוש דאַווידזאָן און ר' ישעי' ראָזענבוים אין שפּיץ און אים

פֿאַרגעלייגט צו ווערן וואַרשעווער רב־הכולל. די דעלעגאַציע איז אַוועק פֿון דער באַגעגענונג פֿול מיט באַגייסטערונג; זי האָט אין אים געזען אַ ווירדיקען נאָכפֿאָלגער פֿון ר׳ בעריש מייזעלס. אָבער דער געדאַנק איז, צוליב דער קאָמפּליצירטער געזעצליכער לאַגע פֿון דער וואַרשעווער קהילה, נישט געוואָרן פֿאַרווירקליכט.

מיט יאָרן שפּעטער איז, נאָכאַמאָל געווען אַקטועל די פֿראַגע פֿון וואַרשעווער רבנות. מיין פֿאָטער ז״ל איז געווען דער איינציגער קאַנדידאַט און דער טערמין פֿון ווילען אַ רב איז שוין געווען אָפֿיציעל אויסגעשריבען. עס האָט אָבער פֿאַרפֿעלט איין שטימע צום קוואָרום און די זיצונג איז נישט צושטאַנד געקומען, ביי וועלכער מיין פֿאָטער האָט געדאַרפֿט ווערען אויסגעוויילט אַלס וואַרשעווער רב־הכולל. דענצמאָל איז ער שוין געווען דער שליח פֿון וואַרשעווער אידען אין פּוילישען פֿאַרלאַמענט. דער קאָנטאַקט צווישען אים מיט וואַרשע האָט זיך אָבער געהאַט אָנגעהויבען אין יאָר 1920, ווען עס איז צו אים געקומען די ערשטע דעלעגאַציע מיט ר׳ לייבוש דאַווידזאָן אין שפּיץ.

5.

מזרח־גאַליציע האָט צום ערשטען מאָל געשיקט אירע פֿאַרטרעטער צום פּוילישען סיים אין יאָר 1922. דענצמאָל האָט סאַמבאָר אויסגעוויילט איר רב אַלס סיים־דעפּוטאַט.

אין סיים האָט ער באַלד גענומען אַרבעטען מיט פֿולען שוואונג. ער איז, צוזאַמען מיט אַנדערע דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען פֿון דער „אגודת ישראל״, אַריין אין אַלגעמיינעם אידישען קלוב („קאָלאָ זשידאָווסקיע״). דער קלוב האָט אים דעלעגירט אין דער בילדונגס־קאָמיסיע, וואו ער איז געוואָרען דער אידישער וואָרט־זאָגער אין אַלע ענינים פֿון חינוך.

די בילדונגס־קאָמיסיע האָט אים איבערגעבען צו רעפֿערירען וועגען אידישע שולען. אין זיין רעפֿעראַט האָט ער פֿאַרלאַנגט מלוכה־סובסידיעס פֿאַר אַלע אידישע מוסדות החינוך. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פֿאָרמולע, וויאַזוי די סובסידיע זאָל ווערען באַרעכענט. דער רעפֿעראַט איז אָפּגעדרוקט אין זיין בוך „מאָווי סעימאָווע״ (סיים־רעדעס), וואָס איז אַרויס אין יאָר 1926.

זיינע רעדעס אין סיים זיינען באַלד געוואָרען באַרימט. עס איז געווען אַן אומגעוויינליכע דערשיינונג, אַז אַ רב אין דער טראַדיציאָנעלער אידישער קליידונג זאָל רעדען אַזאַ קלאַסישען און ליטעראַרישען פּויליש. באַזונדער האָט אויסגענומען זיין רעדע, אין וועלכער ער האָט פאַרלאַנגט אָפּצושאַפען די טויט־שטראַף. אין דער דאָזיגער רעדע האָט ער אַרויסגעוויזען בקיאות אין דער יורידישער ליטעראַטור און גלייכצייטיג האָט ער שטאַרק ציטירט די משנה אין מסכת מכות, אַז ר׳ טרפון און ר׳ עקיבא האָבן געזאָגט: „אילו היינו בסנהדרין לא נהרג אדם מעולם״. עס האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אין סיים, אַז אַפילו דער צורר היהודים גלח לוטאָסלאַווסקי האָט אין געשפּרעך מיט אַ זשורנאַליסט מודה געווען, אַז ער באַוואונדערט דאָס אויפטרעטען פון דעפּוטאַט הרב לעווין!

דאָס „קאָלאָ זשידאָווסקיע״ (דער אידישער פּאַרלאַמענטאַרישער קלוב), וואָס האָט געציילט 34 דעפּוטאַטען, האָט אים דעלעגירט צו רעדען, אין נאָמען פון אַלע אידען, ביי די בודזשעט־דעבאַטען וועגען בילדונגס־מיניסטעריום. דאָס איז געווען די בעסטע געלעגענהייט פונאַנדערצוּוויקלען דעם גאַנצען אידישען פּראָבלעם אין פּוילען.

אָבער רעדען אין סיים האָט פאַר אים באַדייט בלויז אַ קליינעם טייל פון זיין פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט. ער האָט כסדר אינטערוועניִרט לטובת די ליידענדע אידען. זיין דירה אין וואַרשע איז געוואָרען דער צענטער, צו וועלכען עס האָבען געשטראָמט דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע קהילות, רבנים און סתם יחידים, וואָס האָבען זיך איסגעגאָסען זייער האַרץ פאַרן געטרייען שליח־ציבור פון אידישען פאָלק. ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט זיין הילף. אָפט איז עס געווען פאַרבונדען מיט מסירת־נפש (צ״ב, ביי אינטערווענצען לטובת פאַאורטיילטע אידען ביי דער געריכטס־מאַכט).

ער פלעגט פאַרברענגען דריי טעג אין דער וואָך אין וואַרשע. צוויי נעכט יעדע וואָך איז ער געווען אויף די באַנען, פאָרענדיג פון סאַמבאָר קיין וואַרשע און צוריק. אָט־די צוויי נעכט האָט ער אויסגענוצט אויף אַ מערקווירדיגען אופן: ער האָט געשריבען חידושי תורה — אַזוי ווי סיים־דעפּוטאַטען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו פאָרען פריי אין די וואַגאָנען פון ערשטען קלאַס, האָט ער אויף דער רייזע געשריבען זיינע פערעלדיגע דברי תורה. צוליב דעם איז אַנטשטאַנען זיין מייסטער־ווערק אויף תורה

„הדרש והעיון" — און ער שרייבט אין דער הקדמה צום ערשטען חלק (וואָס איז געדרוקט אין יאָר תרפ"ז), אַז דאָס ספר האָט ער מחבר געווען „בהיותי נודד על כנפי התנועה".

פאַרן אַרויפגיין אויף דער טריבונע פון סיים צו רעדען וועגען „צרכי ישראל" האָט ער תמיד מהרהר געווען בדברי תורה. אין אַ תשובה, וואָס איז געדרוקט אין זיין ספר „אבני חפץ" (סימן ל"ה) דערמאָנט ער כלאחר יד, אַז

> „פאַרגאַנגענע וואָך האָב איך גערעדט אין פּאַרלאַמענט אין וואַרשע וועגען אונזערע צרות, ווייל באו מים עד נפש, דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט שרעקליך באַרירט דאָס אידישע פאָלק... און איידער איך בין אַרויפגעגאַנגען רעדען האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם וואָס איך האָב געזעען אין ספר „כפות תמרים", אַז אַ בעל־תוקע אין ראש־השנה איז נישט אַ שליח הקהל נאָר אַ שליח דרחמנא... און צוריקקומענדיג אויף שבת אַהיים האָב איך ווייטער מעיין געווען אין דעם ענין..."

אַט אַזוי איז תורה געווען ענג פאַרבונדען מיט זיין עסקנות.

6.

אין דער „אגודת ישראל" איז ער געווען זינט קאַטאָוויץ. אין פּראָטאָקאָל פון דער קאַטאָוויצער גרינדונגס־קאָנפערענץ געפינט זיך דערמאָנט, אַז דער סאַמבאָרער רב, ר' אהרן לעווין, האָט צוגעשיקט זיין הסכמה.

אין נייעם פּוילען, באַלד נאָך דער פאַרענדיגטער פּויליש־אוקראַינישער מלחמה, האָט ער אַקטיוו געהאָלפען אָרגאַניזירען די אַגודת ישראל אין מזרח־גאַליציע. זיין בריוו, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין „הנצח" (די ערשטע פּעריאָדישע אויסגאַבע פון אַגודת ישראל אין לעמבערג) האָט פיל געהאָלפען צו ברענגען מאַסען אָרטאָדאָקסישע אידען אין דער באַוועגונג.

ביי די סיים־וואַלען אין יאָר 1922 איז ער געווילט געוואָרען אין זיין שטאָט, סאַמבאָר, נישט אַלס אַגודיסט, נאָר אַלס באַליבטער מנהיג פון דער קהילה. אָבער ער האָט דעם מאַנדאַט תיכף אַריינגעבראַכט אין דער אגודת ישראל.

אלול תרפ"ג האָט זיך אין ווינען פאַרזאַמעלט די ערשטע כנסיה

גדולה. ער האָט גענומען אַ גאַר אַקטיוון אַנטייל, גערעדט ביי דער עפענונג פון דער כנסיה און אָפּט געפירט דעם פאָרזיץ. ער איז געוואָרן תיכף מיטגליד פון דער „מועצת גדולי התורה״. ביים סוף פון דער כנסיה איז ער געוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט פון אַלוועלטליכען צענטראַל־ראַט פון דער באַוועגונג. די דאָזיגע אינסטאַנץ איז געווען אַ מין פאַרלאַמענט פון דער אַגודת ישראל. במשך 17 יאָר איז מיין פאָטער ז״ל געשטאַנען אין שפּיץ פון אָט־דעם אַגודיסטישען פאַרלאַמענט און סימבאַליזירט דאָס געוויסען פון דער באַוועגונג.

זיינע רעדעס ביי דער עפענונג פון דער צווייטער און דריטער כנסיה גדולה זיינען קלאַסישע דאָקומענטען, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט די שטרעבונג פון אָרגאַניזירטען תורה־ציבור צו בויען דאָס פאָלקס־לעבען אויפן יסוד פון דער תורה. ער האָט אין זיי דערמאָנט אויך די טיילען פון אידענטום, וועלכע זיינען נישט געווען אימשטאַנד זיך אַקטיוו צו באַטייליגען אין די כנסיות (סאָוועט־רוסלאַנד). בעיקר האָט ער זיך פאַרנומען מיט ארץ־ישראל. ביי דער צווייטער כנסיה גדולה, אין תרפ״ט, האָט ער געזאָגט:

> „וואו זייט איר, די פירער פון די גרויס־מאַכטען פון אייראָפּע און אַמעריקע? פאַרוואָס שווייגט איר, ווען עס ליידט דאָס פאָלק, וואָס האָט אייך געגעבען דעם ספר־הספרים, דעם תנ״ך? פאַרוואָס העלפט איר אונז נישט?... אָבער וויסן זאָלט איר״, האָט ער צוגעגעבען, „אַז אויב איר וועט אונז נישט העלפען, דאַן וועט אונזער פאָלק אַליין בויען די חורבות. והיה הדם לכם לאות על הבתים. דאָס בלוט פון אונזערע קדושים וועט אונז זיין אַ צייכען צו בויען די חרוב־געוואָרענע הייזער אין ארץ־ישראל!״

ווי אַ נבואה קלינגען די דאָזיגע ווערטער פון אַ מנהיג ישראל, וואָס זיין ריין בלוט איז יאָרען שפּעטער פאַרגאָסען געוואָרען על קידוש השם.

אין דער דאָזיגער היסטאָרישער רעדע האָט ער פאַרגליכען די אַגודת ישראל מיט אירע גדולי התורה צום „מראה הקשת אשר יהי׳ בענן ביום הגשם״ פון נביא יחזקאל. ווען די כפירה האָט זיך פאַרשטאַרקט אין דער וועלט און דאָס ליכט איז פאַרטונקעלט געוואָרען, האָט זיך באַוויזען אויפן האָריזאָנט די אגודת ישראל מיט די גדולי התורה. „והיה בענני ענן על הארץ ונראתה הקשת בענן״.

אין דער עפענונגס־רעדע צו דער דריטער כנסיה גדולה, אין תרצ״ז,

האָט ער זיך — ברמז — אָפּגעשטעלט אויף די נאַציסטישע פאַרפאָלגונגען. ער האָט געזאָגט מיט פאַרביטערונג: „דאָס אידישע פאָלק און זיין שטאַם זיינען געוואָרען למשל ולשנינה, ללעג ולקלס. מיר, דער עם הנבחר, וואָס מיר זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני און מיט אונזערע אויערען געהערט די עשרת הדברות פון הקדוש ברוך הוא, מיר ווערען געטראָטען מיט די פיס פון עריצים, און פון אונזער האַרץ רייסט זיך אַרויס דער אויסגעשריי: הכלה אתה עושה את שארית ישראל?"

אָבער ער האָט גלייכצייטיג געטרייסט די כנסיה, און מיט איר דאָס גאַנצע פאָלק, מיט אַ וואונדערבאַר וואָרט פון של"ה, וועלכער האָט געטייטשט „עתידים ישראל לומר שירה לעתיד לבוא" — אַז דאָס מיינט, אַז אידען וועלען זאָגען שירה נישט נאָר אויף די גאולות, וואָס זיי האָבען אליין געזען, נאָר אויך אויף די גאולות, וואָס וועלען אַמאָל קומען. און ער האָט אויסגעשריגען: „אַוועק מיטן יאוש! חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לד'!"

„זייט וויסען, אידען, אַז אונזערע שונאים האָבען אַ גרויסען טעות, אויב זיי גלויבען, אַז זיי קענען אונז ח"ו פאַרטיליגען. גרעסערע רשעים פון זיי האָבען זיך אויף אונז פאַרמאָסטען, און הקדוש ברוך הוא האָט אונז געהאָלפען. אדרבה, זיי זיינען געפאַלען און מיר זיינען געבליבען לעבען. אויך פון די היינטיגע רשעים וועלען מיר ווערען אויסגעלייזט און עס וועט זיך אָנהויבען אַ תקופה פון גלאַנץ און ברכה פאַר אונזער פאָלק!"

די דריטע כנסיה גדולה איז געשטאַנען אונטערן צייכען פון פראָבלעם פון דער חלוקה פון ארץ ישראל. אין זיין רעדע האָט מיין פאָטער ז"ל ברייט אַרומגערעדט דעם דאָזיגען פּראָבלעם. ער האָט, קודם כל, אונטערגעשטראָכען די צוגעבונדענקייט פון גאַנצען פאָלק צו ארץ־ישראל, וועלכע איז, אין קריטישען מאָמענט, זיין מקום מקלט. די האָפענונגען פון כלל ישראל, זיינען פאַרבונדען מיט ארץ ישראל. במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער האָבען רעליגיעזע אידען אויפגעהאַלטען דעם קשר מיט ארץ־ישראל. ווען נישט די טרערען, וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען ביי דער כותל־מערבי, וואָלט זיכער נישט געווען קיין אָנהויב פון אויפבוי פון לאַנד. קיין קרבנות זיינען דאָך נישט געווען צו גרויס ביי רעליגיעזע אידען, כדי צו דערהאַלטען דאָס לאַנד. ער האָט ציטירט רבי יהודה הלוי'ס וואָרט: „איך יערב לנו אכול ושתה עת אחזה כי יסחבו הכלבים את כפיריך?" און וועגען דער חלוקה האָט ער דערמאָנט, אַז דאָס וואָרט

„גזורו״ איז נישט געזאָגט געוואָרן פון דער אמת׳דיגער מוטער אין דעם באַקאַנטען משפט פאַר שלמה המלך. און ער האָט אויסגערופען מיט פּאַטאָס:

„איינס מוזען מיר ערקלערען, וואָס עס זאָל נישט זיין דער גורל פון אונזער לאַנד, אַז ארץ־ישראל קען געבויט ווערען נאָר לויט דער תורה. אַן איר, איז — שוא עמלו בוניה! די תורה מוז זיין דער יסוד פון עפענטליכען און פּריוואַטען לעבען אין ארץ־ישראל. דער שבת און דער חינוך מוזען זיין בהסכם מיט דער תורה. מיר וועלען זיך נישט באַנוגענען מיט אַ נאַציאָנאַלען חינוך, מיט אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך און מיט אַ נאַציאָנאַלען שבת אַליין. אין ארץ־ישראל, אין דעם פּאַלאַץ פון מלך מלכי המלכים, וועלען מיר נישט מוותר זיין אַפילו אויף אַ קוצו של יוד פון אונזער תורה. אַלע געזעצען מוזען זיין בהסכם מיט אונזער תורה, וועלכע מוז הערשען אין אידישען לאַנד און האָבען דאָרט דעם שלטון בלתי מוגבל!״

ווען מיר לייענען די דאָזיגע רעדע אין פּראָטאָקאָל פון דער כנסיה גדולה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין מאַריענבאַד אין יאָר תרצ״ז, האָבען מיר דעם איינדרוק, אַז מיר האָבען פאַר זיך די פּראָטאָקאָלען פון דער כנסת אין מדינת ישראל. אַלץ איז דאָרט אַזוי אַקטועל, אַלץ אַ „דבר בעתו״.

ער האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען שבת אויף דער זעלבער כנסיה און אויפגעוויקעלט אין זיין גאַנצען פאַרנעם דעם פּראָבלעם פון שמירת שבת, די פראַגע פון צוואַנג־זונטאַג־רו, פון עקאָנאָמישער הילף פאַר שומרי־שבת, און דורכגעפלאָכטען מיט פערעלדיגע דברי תורה, אַזוי אַז מען בלייבט שטיין, לייענענדיג די ווערטער, און שטוינט: איז דאָס אַ רעדע פון אַ פּאַרלאַמענטאַריער אָדער אַ דרשה פון אַ גאון? באמת איז עס געווען אַ סינטעז פון ביידע. דער פּאָליטיקער איז געווען אין זיין מהות אַ גאון און אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אויפגעבויט אויף דער הלכה.

קיין וואונדער, אַז דער רב־דיפּלאָמאַט איז במשך די יאָרען געוואָרען כמעט אַ לעגענדאַרע פּערזענליכקייט. יעדעס אויפטרעטען זיינס אין סיים האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינליכען רושם. יעדע רעדע אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצען האָט אויפגעטרייסעלט דעם ציבור צוליב דער טיפקייט פון זיין געדאַנק. ער איז געוואָרען דער ליבלינג פון פאָלק.

אויף דער אסיפת הרבנים אין וואַרשע אין יאָר תרפ״ה, אויף וועלכער

ער האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען די קהילות אין פּוילען, זיינען פאַרגעקומען וואַלען פון אַ נייער לייטונג פון דער אַגודת הרבנים. און אין אַפיציעלען פּראָטאָקאָל (זייט 67) געפינען מיר פאָלגענדע ידיעה: „רעזולטאַט פון די וואַלען. לויט די צאָל שטימען, וואָס זיי האָבען דערהאַלטען, זיינען געוויילט געוואָרען די רבנים פון פאָלגענדע שטעט: סאַמבאָר, קאַליש, אָסטראָוו, ראַדזין, פּיעטרקאָוו, בענדין, סאָקאָלאָוו...״ דער מיין פון דער דאָזיגער ידיעה איז, אַז ־דער סאַמבאָרער רב האָט מיט זיין פּאָפּולאַריטעט איבערגעשטיגען די אַלע אַנדערע באַרימטע רבנים אין לאַנד. אַגב, איז ביי דער דאָזיגער אַסיפה געקומען צו אַ מיינונגס־אויסטויש צווישען אים און דעם פאַרטרעטער פון בילדונגס מיניסטעריום, אַדאַלבערג, וועלכער האָט פּרובירט אָפּשוואַכען דעם איינדרוק פון זיין רעפעראַט. ער האָט אים געענטפערט מיט חכמה. די פרייע פּרעסע, וואָס האָט נישט געקענט ליידען אַזאַ שטאַלץ אויפטרעטען פון אַן אָרטאָדאָקסישען רב, איז אים באַפאַלען. אָבער דער רעליגיעזער ציבור אין פוילען האָט אים דערפאַר נאָך מער איינגעשלאָסען אין זיין האַרץ.

פאַרשיידענע קהילות האָבען אים איינגעלאַדען צו ווערען ביי זיי רב. צווישען אַנדערע, האָט אים די אַלטע קהילה אין גראָדנע געשיקט אַ כתב־רבנות אין יאָר תרפ״ו. אָבער גלייכצייטיג מיטן דאָזיגען כתב־רבנות איז געוואָרען אַקטועל די רבנות אין רישא, און רישא האָט מנצח געווען.

7.

דער אופן, ווי מיין פאָטער ז״ל איז געוואָרען רב אין רישא, איז כמעט אָן אַ פּרעצעדענס. ה׳ אלול תרפ״ו איז נפטר געוואָרען דער זיידע, הגאון ר׳ נתן זצ״ל, וואָס איז געווען רב זינט דעם יאָר תרס״ה. אין דער „שבעה״ איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה צו מיין פאָטער און האָט אים אָפיציעל איינגעלאַדען צו איבערנעמען די כסא הרבנות. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער קען נישט געבען קיין ענטפער אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז די שטאָט וויל אים האָבען פאַר אַ רב. דעריבער פאַרלאַנגט ער, אַז מען זאָל מודיע זיין אין שטאָט, אַז ווער עס וויל דעם סאַמבאָרער רב פאַר אַ רב אין רישא, זאָל קומען אין קהילה חתמ׳ענען אַ פּעטיציע במשך אַ געוויסער צייט. אין דער אויסגעזעצטער

צייט זיינען טויזענטער בעלי־בתים געקומען אין קהילה־אַמט און מיט התלהבות גע׳חתמ׳עט די ווענדונג.

אַ דעלעגאַציע פון קהילה־ראַט איז דאַן געפאָרען קיין סאַמבאָר און איבערגעגעבען די אונטערגעשריבענע פעטיציע. בראש פון דער דעלעגאַציע איז געווען אַן אַלטער קהילה־פרנס, ר׳ מאָטיש עקשטיין, וועלכער האָט במשך פופציג יאָר אָנגעפירט מיט דער ריישער קהילה. ער האָט אַזוי פאָרמולירט זיין פאַרלאַנג: „געוויינליך, ווען עס שטאַרבט אַ רב, טענה׳ט דער זון, אַז ער האָט חזקה אויף דער כסא־הרבנות. דאָס רעכט פון חזקה קען אָבער אויך אָנגעווענדעט ווערען פאַרקערט. רישא איז זיכער נישט קלענער ווי סאַמבאָר. מיר טענה׳ן דעריבער, אַז מיר האָבען אַ חזקה אויף אייך. אויב איר וועט זיך אָפּזאָגען צו קומען צו אונז, דאַן איז עס אַ פחיתות־הכבוד פאַר אייער פאָטער...״

לגבי אַזאַ טענה איז דער סאַמבאָרער רב געווען מאַכטלאָז. ער האָט אָנגענומען דאָס ריישער רבנות בתנאי, אַז עס זאָל דורכגעפירט ווערען אַ פאַרמעלע וואַל דורך דער גאַנצער קהילה (און נישט, ווי עס איז געווען דער מנהג אין גאַליציע, דורכן קהילה־ראַט אַליין). די וואַל איז געווען איינשטימיג.

כ׳ אדר ראשון תרפ״ז איז ער אָנגעקומען אין רישא, וואָס איז געווען אַ מין מעטראָפּאָליע פון מיטעל־גאַליציע, אַן „עיר ואם בישראל״, מיט בעלי־בתים לומדים און חסידים. דער כבוד הרבנות איז דאָרט געווען זייער גרויס. די שטאָט האָט ליב געהאַט איר פריערדיגען רב און אים שטאַרק פאַרערט. איצט, ווען זיין זון איז געקומען נאָך אַן איינשטימיגער פאָלקס־וואַל, אַרומגענומען מיט גלאָריע פון אַ וועלט־מנהיג, און אַ פאַרלאַמענטאַריער, איז ממש נישט געווען קיין גרעניץ צום כבוד, וועלכען מען האָט אים אָפּגעגעבען. עס זיינען פאָרגעקומען וואַלען צום שטאָט־ראַט און מיט טויזענטער שטימען איז ער געוויילט געוואָרען. אַלע זיינע רעדעס און אויפטריטען זיינען געווען וויכטיגע געשעענישען אין לעבען פון דער קהילה. די לומדים אין שטאָט האָבן באַוואונדערט זיין חריפות און דער המון־עם איז געוואָרען באַצויבערט פון זיין רעדנער־טאַלאַנט.

זייענדיג אין רישא, האָט ער אָפּגעדרוקט זיינע תשובות אין הלכה, „אבני חפץ״. די וועלט האָט פאַר זיך דערזעען אַ פוסק, וועמענס

אויטאָריטעט אין הלכה און גדלות בתורה איז געוואָרען אַלגעמיין אַנערקענט.

ווען עס איז ווייטער פאָרגעקומען אַן אַסיפה כללית פון דער אַגודת הרבנים, איז ער געווײלט געוואָרען אין נשיאות, צוזאַמען מיט די גאונים ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי און ר׳ יחזקאל ליבשיץ.

פראַנקפורט האָט צו אים געשיקט אייניגע דעלעגאַציעס מיטן פאָרשלאָג איבערצונעמען די כסא הרבנות פון רבי שמשון רפאל הירש, וועלכע איז פאַר״יתומ׳ט געוואָרען נאָך דער פטירה פון ר׳ שלמה ברויער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער טאָר נישט איבערלאָזען דאָס פוילישע אידענטום, וועלכעס האָט אים געשאָנקען אַזויפיל פאַרטרויען און אים אויסגעווײלט אין פאַרלאַמענט. דעמאָלט האָט זיך צו אים געוואָנדען דער עלטסטער פרנס פון דער קהילה אין פראַנקפורט, וועלכער האָט נאָך געאַרבעט צוזאַמען מיט ר׳ שמשון רפאל הירש און אים איבערגעגעבען, אַז דער גרויסער מנהיג פון דייטשען אידענטום איז אויך געשטאַנען אַמאָל פאַר אַן ענליכען נסיון: אויך ער איז געווען אַ מיטגליד פון פאַרלאַמענט אין ניקאָלסבורג. טראָץ דעם האָט ער אָנגענומען די פראַנקפורטער כסא הרבנות. די ווענדונג פון אַלטען פרנס האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אויף מיין פאָטער ז״ל. עס האָט אים אויך געצויגען צו דערפילען די בקשה פון זיין אינטימען פריינט, רבי יעקב ראָזענהיים, וועלכער איז צו אים ספעציעל וועגען דעם געקומען צו פאָרען. אָבער די לאַגע פון פוילישען אידענטום איז געוואָרען וואָס אַמאָל מער קריטיש און נאָך אַ שקלא־וטריא מיט די גדולי התורה והחסידות אין פוילען איז פאַרבליבען, אַז ער מוז בלייבען אין לאַנד.

8.

זיין גרעסטער טריאומף איז געווען די סיים־וואַל אין יאָר תרצ״א.

דאָס אָרטאָדאָקסישע אידענטום אין פוילען איז געווען פּאָליטיש כמעט אין אַ מצב פון יאוש. אין תרפ״ח זיינען אויף דער ליסטע פון אגודת ישראל אָפּגעגעבען געוואָרען בערך 200,000 שטימען, אָבער קיין איין מאַנדאַט האָט זי נישט געצויגען, ווייל די וואַלען זיינען געווען אויפן יסוד פון אַ וואַל־סיסטעם, וועלכעס האָט צוגעלאָזט אַזאַ אומגערעכטיקייט. אין תרצ״א איז געווען ווידער די זעלבע סכנה.

אין דער שטאָט וואַרשע זיינען געווען צוויי אידישע קאַנדידאַטען: מצד די ציוניסטען — יצחק גרינבוים, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט „אַ טויט־קלאַפּ" דער אָרטאָדאָקסיע, און מצד דער אגודת ישראל — הרב אהרן לעווין.

צו די פאַרזאַמלונגען אין וואַרשע זיינען געקומען די ברייטע פאָלקס־מאַסען, וועלכע האָבען זיך מיט באַגייסטערונג צוגעהערט צו זיין פּראָגראַם. די ציוניסטען האָבען גערעכענט, אַז דער מנהיג פון רעליגיעזען אידענטום וועט נישט ציען די גרויסע צאָל שטימען, וועלכע איז געווען נויטיג, כדי צו דערגרייכען דעם פאַרלאַמענט־מאַנדאַט אין דער הויפּט־שטאָט פון פּוילען.

אָבער עס איז געקומען די גרויסע איבעראַשונג: ער איז געוויילט געוואָרען! דער רב פון רישא, אַ גאַליצישע פּראָווינץ־שטאָט, איז געוואָרען דער שליח־ציבור פון וואַרשע, וואו עס האָבען געלעבט איבער 300,000 אידען. דאָס איז געווען אַ געשעעניש, וואָס האָט אים געגעבען די אָפיציעלע פירערשאַפט אין דריי מיליאָניגען פּוילישען אידענטום.

דעם 16־טען דעצעמבער 1930 האָט ער געהאַלטען זיין ערשטע רעדע אין נייעם סיים. אין דער דאָזיגער רעדע האָט ער געוויזען פאַר דער געשיכטע, ווי אַזוי אַ אידישער שליח־ציבור דאַרף האַנדלען. ער האָט, קודם כל, געשילדערט די לאַגע פון די אידען. דאַן איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ גאַר ווייטאָגליכען ענין. דעפּוטאַט גרינבוים האָט אין פריערדיגען סיים באַשולדיגט דאָס רעליגיעזע אידענטום, אַז בשעת פּוילען איז געווען אָקופּירט פון רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען, האָבען רעליגיעזע אידען געשטיצט די אָקופּאַנטען. די באַשולדיגונג איז נישט געוואָרען צוריקגעוויזען, ווייל אין די יאָרען תרפ"ח־תר"צ איז די אָרטאָדאָקסיע געווען אָן אַ פאַרטרעטער אין סיים (דער איינציגער אַגודיסט, וואָס איז אַריין אין סיים פון דער פּוילישער רעגירונגס־ליסטע, אלי' קירשברוין, איז געווען קראַנק און זיך נישט געקענט אַקטיוו באַטייליגען אין די דעבאַטען). מיין פאָטער ז"ל האָט געמוזט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע.

ער האָט דערמאָנט, אַז די רעליגיעזע אידען אין פּוילען האָבען דווקא געשטיצט די פּאָליאַקען אין זייער קאַמף געגען די אָקופּאַנטען. ער האָט אָנגערופען די פרעכטיגע געשטאַלט פון וואַרשעווער רב, ר' בעריש מייזעלס, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די צוגרייטונגען צום

פוילישען אויפשטאַנד געגען רוסלאַנד אין יאָר 1863. ער האָט אויך אַנגעוויזען אויף דער הילף, וועלכע פּילסודסקי האָט באַקומען פון רעליגיעזע אידען. אָבער צום סוף האָט ער באַטאָנט אָט וואָס:

„כדי אויסצומיידען וועלכע עס איז מיספאַרשטענדענישען, וויל איך קלאָר זאָגען, אַז פון די אַלע פאַקטען טאָר מען נישט אַרויסדרינגען, אַז אַנדערע אידען האָבען אַנדערש געהאַנדעלט ווי די אָרטאָדאָקסיע. ניין, איך וועל נישט גיין אין גרינבוים׳ס דרכים און נישט אַנקלאָגען פון דער דאָזיגער הויכער פּאַרלאַמענט־טריבונע אונזערע פּאָליטישע געגנער. ניין; איך שטעל פעסט, אַז אַלע אידען, אָן חילוק פון פּאַרטיי־צוגעהעריגקייט, זיינען געטרייע בירגער פון דער מלוכה. איך האָב נאָר געמוזט, פאַר דער געשיכטע, צוריקווייזען די באַשולדיגונג, וואָס איז אויף אונז געוואָרפען געוואָרען אין פריערדיגען סיים. און וואָס טוט אונז אַזוי שטאַרק וויי, איז דער פאַקט, וואָס די באַשולדיגונג איז אויף אונז געוואָרפען געוואָרען דורך אַ אידישען פאָרשטייער, וועלכער האָט, אַנשטאָט צו פאַרטיידיגען אידען אין סיים, אויף אונז מלשין געווען״.

מיט אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכקייט האָט מיין פאָטער ז״ל געקעמפט אין סיים. ער האָט גוט געוואוסט, אַז די שונאי ישראל וואַרטען נאָר אויף דעם, אַז אידען זאָלען זיך באַקעמפען אין סיים. דעריבער האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזען, אַז מען זאָל קענען פון זיין תשובה צו גרינבוים׳ען אַרויסנעמען שטאָף פאַר אַ נייער אַנקלאָגע געגען אַנדערע אידען. ביי אים איז געווען דער ערשטער יסוד — צו באַשיצען אַלע אידען. און אָט דער צוגאַנג האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינליכען איינדרוק סיי אין סיים, סיי אין גאַנצען לאַנד. דער אָפּיצעלער סטענאָגראַם פון סיים האָט פאַרנאָטירט ביי דער דאָזיגער רעדע, אַז דער סיים האָט אַפּלאָדירט.

אין די יאָרען 1930־1935 האָט ער זייער אָפט גענומען אַ וואָרט אין סיים. ער האָט אַליין געמוזט טאָן אַן אַרבעט, וואָס אין די יאָרען 1922־1927 האָבען געמאַכט 34 דעפּוטאַטען. עס זיינען נאָך געווען, חוץ אים, צוויי אַגודיסטישע פאַרלאַמענטאַריער (ר׳ לייב מינצבערג אין סיים און ר׳ אשר מענדעלזאָן אין סענאַט), אָבער זיי זיינען געווען מיטגלידער פון רעגירונגס־קלוב און זיינען געווען געבונדען דורך דער שטרענגער פּאַרטיי דיסציפּלין פון זייער קלוב. ער, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרען אין וואַרשע פון דער אומאָפּהענגיגער ליסטע נומער 18, האָט געהאַט אַן

אייגענעם קלוב פון „אגודת ישראל". די ציוניסטען האָבען געהאַט זייער קלוב און איינגעטיילט צווישען זיך די אַרבעט; ער איז געווען אַליין.

ווען דער סיים האָט געדאַרפט אויסוויילען די קאָמיסיעס, איז ער באַשטימט געוואָרען אין דער וויכטיגסטער — פאַר די ענינים פון קאָנסטיטוציע.

ער האָט פאַרטיידיגט די אידישע אינטערעסען מיט דער גרעסטער מסירת־נפש. דערביי האָט ער זיך נישט באַשרענקט אויף רעליגיעזע אָדער קולטורעלע ענינים ווי אין פריערדיגען סיים. ער האָט, זייענדיג אַליין, געמוזט פאַרטרעטען אויך די ווירטשאַפטליכע פאַרלאַנגען פון פוילישען אידענטום. ער האָט רעאַגירט אויף יעדער עוולה, וואָס איז לגבי אידען באַגאַנגען געוואָרען. ווען די פוילישע סטודענטען פון די אוניווערזיטעטען זיינען באַפאַלען זייערע חברים־אידען און אויך סתם געמאַכט פאָגראָמען, האָט ער זיי פון דער סיים־טריבונע געפרעגט: „איר זייט דאָס די אינטעליגענץ, וואָס דאַרף אַמאָל איבערנעמען די פירונג פון פאָלק? האָט איר שוין קיין בעסערען אופן ווי אויסצולאָדען אייער ענערגיע, ווי באַפאַלען שוצלאָזע אומשולדיגע אידען?"

ער האָט תמיד גערעדט ביי דער גענעראַל־דעבאַטע איבערן מלוכה־בודזשעט און פונאַנדערגעוויקעלט פאַרן סיים די טראַגעדיע פון דריי מיליאָן פוילישע אידען, וועלכע האָבען זיך ביטער געראַנגעלט פאַר זייער עקזיסטענץ. דער אידישער רב אין דער לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע איז געשטאַנען אויף דער סיים־טריבונע און געדונערט. דער פאַרלאַמענט האָט זיך צוגעהערט און, הגם עס איז נישט געווען אַנגענעם, דאָך געהאַט דרך־ארץ פאַרן אידישען שליח־ציבור, וואָס האָט גערעדט אַזאַ מייסטערהאַפטען פויליש.

אָבער די רעגירונג איז נישט געווען צופרידען. בראש פון דער מלוכה זיינען געשטאַנען מיליטער־לייט (די „פולקאָווניקעס"), און זיי האָט גענומען פאַרדריסען, פאַרוואָס דער אידישער רב אין סיים מאָנט אַזוי שטאַנדהאַפטיג גערעכטיגקייט פאַר זיינע ברידער. עס האָבען זיך דערנענטערט די וואַלען אין יאָר 1935, פולקאָווניק סלאַוועק אַלס פרעמיער־מיניסטער האָט צוגעגרייט אַ נייע וואַל־אָרדינאַציע, וועלכע האָט דער רעגירונג געגעבען אַ קאָנטראָל איבערן פאַרלאַמענט. יעדער קאַנדידאַט אויף אַ דעפּוטאַט האָט געמוזט פריער דורכגיין דורך אַ קאָלעגיום פון עלעקטאָרען. אָן דער הסכמה פון אַזאַ קאָלעגיום האָט מען


[illegible]
כבוד ידידי הרה״ג שליט״א וכו׳ מוהר״א שליט״א
[illegible]
[illegible]

בריף פון גערער רבי״ן זצ״ל, וועלכער איז געפונען געוואָרן נאָך דער מלחמה, מיט אַ בקשה זיך משתדל זיין לטובת דעם פּאַביאַניצער רב.

נישט געקענט זיין קיין קאַנדידאַט. און די עלעקטאָרען זיינען געווען עפ״י רוב אַנהענגער פון דער רעגירונג. סלאַוועק האָט געוואָרפען אַן אומ׳חן אויף מיין פאָטער ז״ל. ער האָט געוואוסט, אַז וואַרשעווער אידען וועלען אים זיכער ווייטער ווילען אויב ער וועט נאָר זיין אַ קאַנדידאַט. האָט ער געגעבען אַ באַפעל, אַז דאָס קאָלעגיום פון עלעקטאָרען זאָל אים נישט צולאָזען. ממילא האָבען וואַרשעווער אידען שוין נישט געהאַט קיין מעגליכקייט צו ווילען דעם ריישער רב פאַר זייער דעפוטאַט אין פּאַרלאַמענט.

9.

נישט קוקענדיג אויף דעם, אַז ער איז מער נישט געווען קיין דעפוטאַט, איז דאָך נישט געווען קיין שום וויכטיגער כלל־ענין, וואָס דער ריישער רב זאָל אין אים נישט געווען זיין באַטייליגט. צי עס איז געווען די שחיטה־פראַגע, צי דער פּראָבלעם פון קוואַליפיקאַציעס פאַר מלמדים, צי וועלכער עס איז אַנדערער ענין, תמיד האָט מען ביי אים געפרעגט אַן עצה. דער „חפץ חיים״ און רבי חיים עוזר גראָדזענסקי און דער גערער רבי און אַלע אַנדערע גדולי הדור האָבען זיך גערעכענט מיט זיין מיינונג. אין די בריוו פון „חפץ חיים״, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרען, זעט מען קלאָר, ווי ער האָט געבויט אויף דער הילף פון ריישער רב. דער גערער רבי האָט אים אָנגעפרעגט וועגען די וויכטיגסטע ענינים. אין די תשובות „אבני חפץ״ זיינען דאָ אייניגע הלכה־ענטפערס צום גערער רבי׳ן זצ״ל.

קורץ פאַר דער מלחמה איז געקומען צו אַ הסכם צווישען די רביים פון גער, אַלעקסאַנדער און סאָכאַטשעוו, וועלכע האָבען געהאַט אַ רוב אין לאָדזשער קהילה־ראַט, אַז מען זאָל ווילען דעם ריישער רב פאַר לאָדזשער רב הכולל. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז נאָר אַזאַ רבנישע פערזענליכקייט קען האָבען דעם געהעריגען איינפלוס אין לאָדזש. די מלחמה האָט, נאַטירליך, דעם דאָזיגען ענין צו־נישט געמאַכט.

די סכנה פון היטלעריזם האָט אָנגעהויבען צו שוועבען איבער פוילען. די אידען האָבען געגרינדעט אַן אַנטי־היטלער־קאָמיטעט און דער ריישער רב איז געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דאָזיגען קאָמיטעט. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע, וואָס איז אָנפאַנג

1939 געפאָרען קיין לאָנדאָן צו פאַרהאַנדלען מיט לאָרד ווינטערטאָן און אַנדערע ענגלישע מלוכה־מענער וועגען דערלייכטערן די עמיגראַציע פון פוילישע אידען. מען האָט שוין געזען די אַנרוקענדיגע כמאַרעס פון מערב.

דערביי האָט ער אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט אויף שרייבען חידושי תורה. זינט ער איז אַוועק פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט, האָט ער געהאַט מער צייט פאַר תורה. ער האָט, אין כתב־יד, פאַרענדיגט זיין גיגאַנטישען חיבור „הדרש והעיון״. ער האָט צוגעגרייט אַ צווייטען חלק פון זיינע תשובות „אבני חפץ״. דער פערטער באַנד פון „הדרש והעיון״ איז אַרויס צוויי חדשים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז אַזוי אַרום ניצול געוואָרען. אַלע אַנדערע כתבים זיינען, ליידער, פאַרניכטעט געוואָרען ביים חורבן דורך די נאַציס.

ער איז געווען אַ געוואַלטיגער מחדש. זיינע חידושים אין הלכה און אגדה זיינען געווען אויפגעבויט אויף אַ געזונטער לאָגיק, אויף אַ היסטאָריש־אויסגעהאַלטענעם פאַרגלייך פון די מקורים. ער האָט אָבער נישט נאָר געהאַט אַ גאונישען מוח, וואָס האָט באַהערשט ש״ס בבלי וירושלמי און כמעט אַלץ, וואָס איז במשך לאַנגע דורות געשריבען געוואָרען, נאָר אויך אָ פּאָעטישע נשמה. ער האָט ליב געהאַט, פון צייט צו צייט, אויסצוגיסען זיינע געפילען אין שירה. זיינע פיוטים זיינען געווען פול מיט דערהויבענעם אינהאַלט, חוץ דער פּרעכטיגער און קלאַנג־פולער צורה.

נאָך פיר יאָר, וועלכגע זיינען פאַרשטריכען על התורה ועל העבודה, זינט די מאַניפולירטע סיים־וואַלען פון סלאַוועק׳ן, איז געקומען דער מורא׳דיגער מלחמה־שטורעם. פוילען האָט פאַרלוירען די מלחמה אין ווינציגע טעג. אידען זיינען געלאָפען קיין מזרח. מיין פאָטער האָט, קודם כל, זיך געקערט קיין לעמבערג, וואו עס האָט געוואוינט זיין טאָכטער, די פרוי פון ד״ר אברהם בלאַט. אָבער די דייטשען זיינען צוגעקומען קיין לעמבערג. איז ער געלאָפען צו דער רומענישער גרעניץ. ער איז אָנגעקומען קיין קוטי. דער וויזשניצער רבי, ר׳ אליעזר האַגער זצ״ל, האָט געשיקט אַ שליח, כדי אים אַריבערצופירען איבער דעם טשערעמאָש טייך, וואָס האָט אָפּגעזונדערט פוילען פון רומעניע. עס האָט זיך נישט איינגעגעבען.

רוסלאַנד האָט דערווייל איינגענומען די מזרח׳דיגע העלפט פון

פוילען. מיין פאָטער איז צוריק אַוועק קיין לעמבערג, וואו ער האָט פאַרבראַכט ביז סוף דעצעמבער 1939. דאַן איז ער אַוועק קיין לידע און פון דאָרט צום רוסיש־ליטווישען גרעניץ, כדי זיך דורכצורייסען קיין ווילנע. עס איז נישט געגאַנגען. די רוסען האָבען אים געכאַפּט און אַרעסטירט. זיין תפיסה איז געווען אין ראַדון. אין אַמאָליגען לערן־צימער פון „חפץ חיים" איז ער געזעסען אַרעסטירט. עס איז אים קיינמאָל פריער נישט אויסגעקומען צו זיין אין ראַדון. איצט איז דאָרט געזעסען דער רוסישער שטאַב און איצט איז דאָרט געווען דעם ריישער רב׳ס תפיסה...

נאָך אַ פּאָר טעג, האָט מען אים באַפרייט. ער האָט באַשלאָסען צו פאַרבלייבען אין ראַדון, וואָס איז געווען נישט ווייט פון ליטווישען גרעניץ. אפשר וועט זיך פּאַרט איינגעבען אַריבערצוגיין. אָבער דער צווייטער פּרואוו איז אויך געווען נישט געלונגען. אין שטעטעל איז באַוואוסט געוואָרען, אַז דער ריישער רב געפינט זיך אין ראַדון, כדי דורכצוגיין דעם גרעניץ. האָבען אידישע קאָמוניסטען איבער אים געוואַכט און ווי נאָר ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון שטעטעל, האָט מען אים פאַר׳מסר׳ט. די פּאָליציי איז אים נאָכגעלאָפען און אים ווידער אַרעסטירט.

פון דער תפיסה אין ראַדון האָט ער אַרויסגעשיקט אַ בריוועל צו זיינע זין, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ווילנע. אין דעם בריוועל באַשרייבט ער ווי מען איז אים נאָכגעלאָפען און ווי ביטער עס איז זיין גורל. אָבער ער איז זיך מחזק מיט לערנען תורה און ער גיט צו: „לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי"...

מען האָט אים אויך צום צווייטען מאָל באַפרייט און ער איז אַוועק קיין לידע. ער איז פאַרבליבען עטליכע חדשים אין יענעם קאַנט, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז רוסלאַנד וועט אָפּגעבען נאָך אַ שטיק לאַנד צו ליטע. אָבער בחינם. ער איז דאַן צוריק אַוועק קיין לעמבערג.

אין לעמבערג איז ער שוין פאַרבליבען ביז די דייטשען זיינען באַפאַלען רוסלאַנד. דעם 1־טען יולי 1941, ו׳ תמוז תש״א, זיינען די מערדער אַריין קיין לעמבערג. דעם זעלבען טאָג איז ער געוואָרען פון די עמלקים דערמאָרדעט.

קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס ליכט פון דער תורה איז געוואָרען אויסגעלאָשען. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז ער איז געוואָרען

אַרעסטירט דורך די דײַטשן. האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע אַן אַקציע, כדי אים צו באַפרייען. אַזוי ווי ער האָט געהאַט באַקומען נאָך בשעת זיין פאַרבלייבן אין לעמבערג אַ פּאַספּאָרט אַלס טשילע־בירגער, האָט פּרעזידענט רוזוועלט זיך באַמיט, אַז די טשילע־רעגירונג זאָל אים פאָדערן ביי די דײַטשן. די אידען פון בוענאָס איירעס האָבן אים אויס־געקליבן אַלס רב און צוליב דעם האָט אויך די אַרגענטינער רעגירונג פאַרלאַנגט פון די דײַטשן, אַז מען זאָל אים אַרויסשיקן. אַלץ איז געווען, פאַרשטייט זיך, אָן אַ רעזולטאַט.

מיין מוטער ע״ה, וועלכע האָט פאַרקערפּערט אין זיך אַלע מידות טובות, איז געבליבן לעבן נאָך אַ יאָר. זי איז געווען שפּעטער באַהאַלטען אין אַ בונקער אין לעמבערגער געטאָ. דער בונקער איז געוואָרן אויפגעדעקט פון די דײַטשע מערדער און מען האָט זי אַוועק־געשיקט, צוזאַמען מיט מיין שוועסער, אין אַן עקסטערמינאַציע־לאַגער. די שוועסטער האָט זיך געקענט רעטען, ווייל אַ מיטגליד פון לעמבערגער „יודענראַט״ האָט זי אַרויסגערופען פון דעם טויט־קאַראַוואַנע. אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזען די מוטער און ביידע זיינען געגאַנגען צוזאַמען, ווייזט אויס, קיין בעלזעץ, וואו זיי האָבן אויסגעהויכט די הייליגע און לויטערע נשמות.

אַן איינציג קינד פון מיין שוועסטער, הדסה, אַ בליענדיג מיידעלע פון צען יאָר, איז געווען אויף דער אַרישער זייט פון לעמבערגער געטאָ. בערך אַ יאָר נאָכן אויפדעקען דעם בונקער, איז זי פאַר׳מסר׳ט געוואָרען. די דײַטשען האָבן געכאַפּט דאָס אומשולדיגע קינד און עס דערשאָסען.

מיט אמת׳דיג דײַטשער גרינטליכקייט האָבן זיי אין אונזער משפחה דורכגעפירט דאָס ווערק פון פאַרניכטונג.

הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין —
די קרוין פון אגודת ישראל

•

.1

הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין איז געווען דער סימבאָל פון אגודת ישראל. ער האָט אין דער וועלט פערזאָניפיצירט דאָס אייביג לעבעדיגע אידישע תורה־פאָלק. ווען מען האָט זיך אַמאָל, אין דער פאַנטאַזיע, געוואָלט פאָרשטעלען ווי אַזוי וועט אויסזעען אַ אידישער מלך — איז, ווי פון זיך אַליין, אויפגעקומען פאַר די אויגען די ליכטיגע געשטאַלט פון ר׳ איטשע־מאיר לעווין, דער „זקן שקנה חכמה״, וואָס האָט אַרויסגערופען אַזאַ רעספעקט און ליבשאַפט אין דער גאַנצער אידישער וועלט.

מיר האָבען פאַרלוירען ר׳ איטשע־מאיר לעווין. עס איז אַוועק־געגאַנגען דער לעצטער פון דער פלעיאַדע פון גרויסע פירער פון אָרטאָ־דאָקסישען אידענטום במשך די פאַרגאַנגענע פופציג יאָר. אין אַזאַ מאָמענט פאָדערט זיך אַ קאָנסאָלידאַציע פון אַלע כוחות אין דער אגודת ישראל, כדי צו קענען דערטראָגען דעם שרעקליכען פאַרלוסט.

אין הרב לעווינ׳ס לעבען זיינען געווען איניגע תקופות, וועלכע מיר וועלען פרובירען צו כאַראַקטעריזירען.

2.

ווען ער האָט אָנגעהויבען צו שטעלען די ערשטע טריט אַלס מנהיג פון כלל ישראל, איז דער אידישער ציבור נאָך געווען דורכגעדרונגען מיט אמת׳דיגער אידישקייט. דאָס פוילישע אידענטום, אין וועלכען ער איז געוואָרען אויפגעצויגען, איז געווען אַ קוואַל פון תורה און יראת־שמים. גדולי התורה זיינען געשטאַנען אין שפיץ פון ציבור. אין יעדער שטאָט און אין יעדען שטעטעל האָט מען געקענט ממש אָנטאַפען אידישקייט מיט די הענט.



הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין ז״ל

אָבער עס האָבען אָנגעהויבען צו בלאָזען ווינטען אין דער אידישער גאַס, וועלכע האָבען אַרויסגערופען טיפע זאָרג ביי די גדולי התורה. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך געוויזען אַ גרויסע סכנה אויף דער אידישער גאַס: לינקע שטרעמונגען האָבען זיך גענומען פאַרשפרייטען צווישען דער יוגענט. סאָציאַליזם, ציוניזם, פאַלקיזם האָבען אין פוילען זיך פאַרוואָרצעלט און גענומען אַוועקרייסען אידישע קינדער פון זייער מקור. אויף די חורבות פון רוסלאַנד און עסטרייך איז אויפגעוואַקסען פוילען, וואָס האָט מיט רעוואָלוציאָנערע, דעמאָקראַטישע לאָזונגען פאַרבלענדעט אין אָנהויב די אויגען פון דער יוגענט. אין דער אידישער גאַס האָט דאָס געהאָלפען דעם ציוניזם און פאָלקיזם. ווען עס זיינען פאָרגעקומען די וואַלען צום ערשטען פוילישען פאַרלאַמענט, זיינען אין דער גרויסער חסידישער מעטראָפּאָליע, וואַרשע, געוויילט געוואָרען דריי אידישע פאַרשטייער: צוויי פאָלקיסטען און איין ציוניסט. דער אָרטאָדאָקסישער קאַנדידאַט איז דורכגעפאַלען. אמת, צוויי פאַר־טרעטער פון רעליגיעזען אידענטום (הרב פערלמוטער און הרב האַלפּערן) זיינען דורכגעגאַנגען אין דער פּראָווינץ, אָבער וואַרשע האָט געוויילט דריי „פרייע״, ד.ה. אַנטי־רעליגיעזע, דעפּוטאַטען!

די גדולי הדור, מיט זייער ווייטען בליק אין דער צוקונפט, האָבען געזעען די גרויסע סכנה און באַשלאָסען צו אָרגאַניזירען די רעליגיעזע מחנה. דאָס איז נישט געווען קיין אָנגריף. דאָס איז געווען אַ פאַרטיי־דיגונגס־קאַמף. דער רוב פון וואַרשעווער אידען איז געווען רעליגיעז, אָבער ער איז געוואָרען פאַרבלענדעט פון די פאַלשע לאָזונגען, וואָס מען האָט פאַרשפּריט אין די גרויסע אידישע טאָג־צייטונגען „היינט״ און „מאָמענט״. מען האָט געדאַרפט קומען צו די אידען מיט אַ ריינעם, נישט געפעלשטען אידישען וואָרט.

און דאָ האָט זיך באַוויזען, אַלס פירער, ביי דער אָרטאָדאָקסישער מחנה אין פוילען אַ יונגער, דינאַמישער כח, וואָס האָט באַלד באַוויזען, אַז „לא אלמן ישראל״: ר׳ איטשע־מאיר לעווין, וואָס זיין גרויסער שווער, דער אמת׳דיגער „מדברנא דאומתא״, דער גערער רבי זצ״ל, האָט אים אַוועקגעגעבען דער אגודת ישראל, כדי זי זאָל קענען ענטפערן אויף אַלע אָנגריפען.

ר׳ איטשע־מאיר לעווין האָט מיט אַמאָל באַצויבערט דאָס פּוילישע אידענטום. ער האָט געקעמפט איבעראַל דער ערשטער, ווי נחשון בן

עמינדב. מיט זיין געוואַלטיגען רעדנער־טאַלאַנט, מיט זיין אויפטרעטען אויף פאַרזאַמלונגען, האָט ער געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער אידישער גאַס. באַלד איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע אידישע צייטונג „דער יוד" (שפּעטער: „דאָס אידישע טאָגבלאַט") און צענדליגער וואַכען־אָרגאַנען, וואָס האָבען פאַרשפּרייט דאָס תורה־וואָרט אין דער אידישער גאַס. דער אידישער חינוך, „יסודי התורה" און „בית יעקב", האָט זיך געגומען אַנטוויקלען מיט ריזען־שריט. ווען עס זיינען פאָרגעקומען די נעקסטע וואַלען צום פּאַרלאַמענט, האָט וואַרשע שוין געהאַט אַן אָרטאָ־דאָקסישען דעפּוטאַט. ווען עס זיינען פאָרגעקומען וואַלען צו דער קהילה אָדער צום שטאָט־ראַט, איז די אגודת ישראל כסדר געוואַקסען.

ר' איטשע־מאיר לעווין האָט פאַרטיידיגט די קדשי האומה מיט זיין האַרץ, מיט אַלע כוחות, מיט מסירת־נפש. ער האָט פאַרנאַכלעסיגט זיין אייגענע עקזיסטענץ און איז געשטאַנען יומם ולילה אויף דער פראָנט.

דאָס איז געווען די ערשטע תקופה פון זיין כלל־אַרבעט; די פאַר־טיידיגונג פון רעליגיעזען ציבור פאַר די דרויסענדיגע אַנגריפען. און ער איז אַרויס אַלס זיגער פון דאָזיגען פאַרטיידיגונגס־קאַמף. דער רעלי־גיעזער ציבור אין פּוילען האָט לאַנגזאַם אָבער זיכער אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די פרעמדע אַפּוטרופּסים. ביים שוועל פון די צווייטער וועלט־מלחמה זיינען וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע גרויסע צענטערס פון אידישען לעבען געווען פעסט אין די הענט פון אגודת ישראל.

3.

עס איז געקומען דער גרויסער חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס פּוילישע אידענטום, און מיט אים די פּוילישע אגודת ישראל, איז אָפּגעווישט געוואָרען.

ר' איטשע־מאיר לעווין איז אָנגעקומען אין ערשטען יאָר פון דער צווייטער וועלט־מלחמה קיין ארץ־ישראל. זיינע אויגען האָבען דערזעען דעם אונטערגאַנג. זיין גרויס, איידעל האַרץ האָט געבלוטיגט איבער דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע.

דער ברויזענדער, אַקטיווער כח פון הרב יצחק מאיר לעווין האָט זיך נישט געלאָזט דערדריקען אין ארץ־ישראל. ער האָט אָנגעהויבען

שטורעמען וועגען הצלה. ער האָט פאַרגעסען אין אַלץ און נאָר געזעען פאַר זיך דעם איד אין פוילען און אין אַנדערע לענדער אין אייראָפּע, וואָס האָט זיך געטרונקען אין בלוט. קיין חילוק נישט וועלכער איד. אַלע זיינען געווען אין נויט. ר׳ איטשע־מאיר האָט גענומען מעורר זיין צו הילף. זיין שטים איז ווייט געהערט געוואָרען. ער האָט געשטורעמט אין אַמעריקע און אין דער שווייץ און אין טערקיי און איבעראַל, וואו נאָר עס איז געווען אַ מעגליכקייט פון הצלה, געשיקט שליחים, געקלאַפּט אין אַלע טירען. צוזאַמען מיט מורנו ר׳ יעקב ראָזענהיים זצ״ל אין אַמעריקע האָט ער אומ־ציילינגע אידען געראַטעוועט. דאָס איז געווען די אגודיסטישע טעטיגקייט אין די מלחמה־יאָרען, ווען שוואַרצע וואָלקענס האָבען באַדעקט דעם אידישען האָריזאָנט און ר׳ איטשע־מאיר לעווין האָט געהאַט נאָר איין געדאַנק: הצלה.

דערביי האָט ער אויף קיין רגע נישט פאַרגעסען, אַז דאָס אידישע פאָלק מוז זיך אפילו אין דער קריטישסטער צייט האַלטען ביי דער אמונה אין השם־יתברך. ווי אַמאָל נאָך גירוש ספרד און פאָרטוגאַל, נאָכן פאַר־ניכטען פון די בליענדסטע אידישע צענטערס אין שפּאַניע און פאָר־טוגאַל, איז געקומען דאָן יצחק אברבנאל און מחזק געווען די אמונה ביי אידען אין די וואונדערליכע ספרים „מעיני הישועה״, „ישועות משיחו״ און „משמיע ישועה״, אַזוי האָט הרב יצחק מאיר לעווין גערופען דעם שארית־הפליטה נישט צו פאַרצווייפלען. היסטאָריש איז זיין רעדע ביי דער עליה לרגל אין יאָר תש״ד אין ירושלים, אין וועלכער ער דערמאָנט די אידישע וועלט, אַז נאָך דער קאַטאַסטראָפע מוז קומען די ישועה, ווי דער זוהר הקדוש זאָגט: „וי לדרא דא — זכאה דרא דא״, דער דור, וואָס האָט מיט־געמאַכט דעם „וי״ וועט אויך זיין דער „דור זכאה״. די לעבעדיג־געבלי־בענע האָבען אָבער די פליכט אויך מקדש־השם צו זיין, האָט ער געזאָגט, דורכן מיחד־זיין זיך מיט די קדושים אין מקיים זיין די תורה, ווייל דעמאָלט וועט מקויים ווערען דעם נביא׳ס צוזאָג: „כה אמר ד׳ זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה״ (ירמי׳ ב׳). קיינער פון די לעבעדיג־געבליבענע ווייס דאָך נישט, פאַרוואָס זיין גורל איז געווען אַנדערש ווי פון די קדושים, דעריבער מוז ער זיין לעבען געבען אַן אינהאַלט דורכן אַנהאַלטען זיך אין דער אמונה און נישט אַרויס־קוקען אויפן חסד לאומים.

עס איז דאָ אַזויפיל דערהויבענדיגקייט און אַזויפיל פשטות אין דער

דאָזיגער רעדע, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען ביים כותל־מערבי פאַר טויזענטער אידען און אין זיך דאָן צעגאַנגען, דורך דער אידישער פרעסע, צו דער גאַנצער וועלט, אַז זי פאַרדינט אַריינגענומען צו ווערען אין די לערן־ביכער פאַר דער אידישער יוגענט. הרב לעווין האָט דעמאָלט זיך געוויזען אין זיין גרויסקייט אַלס אמת׳דיגער מנהיג ישראל.

מיט דער דאָזיגער רעדע האָט ער מיט אַמאָל געענדערט זיין כאַראַקטער. נישטאָ מער ביי אים דער טאָן פון פאַרטיידיגונג, וועלכען ער האָט באַנוצט אין פוילען. ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטעל פון ר׳ יצחק אברבנאל און געוואָרען דער טרייסטער פון אומגליקליכען דור פון חורבן און אונטערגאַנג. ער האָט אָנגעהויבען צו בויען דעם נייעם דור פון תורה־אידען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

4.

נאָך דער תקופה פון פאַרטיידיגונג און נאָך דער תקופה פון אויפבוי איז ביי הרב יצחק מאיר לעווין געקומען אַ דריטער עטאַפּ.

עס איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל. צענדליגער טויזענטער אידען האָבען אָנגעהויבען צו שטראָמען קיין ישראל, וואָס פאַר אים און פאַר דער אגודת ישראל איז עס נאָך אַלץ דאָס הייליגע לאַנד, דער צענטער פון קדושה, דאָס לאַנד, וואָס „עיני ד׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה״ (דברים י״א).

מדינת ישראל האָט תיכף דערקענט די אומגעהויערע פירער־קוואַלי־טעטען פון ר׳ איטשע־מאיר לעווין. ער איז באַשטימט געוואָרען אַלס מיט־גליד פון צייטווייליגען מלוכה־ראַט. ווען עס איז אויסגערופען געוואָרען די מדינה, איז ר׳ איטשע־מאיר לעווין געווען צייטווייליג אויף אַ וויכטיגער מיסיע אין אַמעריקע. נישט קוקענדיג אויף דעם, איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס מיניסטער אין ערשטען ישראל־קאַבינעט.

הרב לעווין אַ ישראל־מיניסטער ? יאָ, דאָס איז געווען די ווירק־ליכקייט. דער איד. וואָס האָט זיין לעבען לאַנג געקעמפט געגען ציוניזם, איז געוואָרען אַ מיטגליד אין דער רעגירונג פון מדינת ישראל.

ר׳ איטשע־מאיר לעווין האָט נישט געענדערט זיין השקפה אפילו „כחוט השערה״. די מדינה האָט אָבער איינגעזעען, אַז די גרויסע פערזענ־ליכקייט מוז ווערען צוגעצויגען צו דער אַרבעט, אַז אָן אים וועט דאָס

בילד פון אַ אידישער מדינה נישט זיין פולשטענדיג. הרב לעווין האָט אין דעם געזעגען אַן אַרויספאָדערונג צו מעשים פאַר תורה און אידישקייט און — אָנגענומען דעם פאָרשלאָג.

ווי אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע פאַר אים און פאַר דער אגודת ישראל ווי פריער אין פוילען! אַנשטאָט די מאַסען רעליגיעזע אידען, אַנ־שטאָט צו זיין דער „רוב מנין ורוב בנין" פון אידישען ציבור — האָט ר' איטשע־מאיר לעווין רעפּרעזענטירט אַ קליינע גרופּע. ביי די ערשטע וואַלען צו דער כנסת האָט די ליסטע פון אגודת ישראל באַקומען דריי מאַנדאַטען (אויף 120).

נישט קוקענדיג אויף דעם, האָט הרב יצחק מאיר לעווין באַוויזען וואונדער אין זיין קאַמף פאַרן רעליגיעזען כאַראַקטער פון דער מדינה. קודם־כל האָט ער נישט צוגעלאָזט, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערען אַ קאָנסטיטוציע, וואָס וואָלט זיכער געהאַט אַ סעקולערע צורה. ער האָט אויסגעקעמפט די אָנערקענונג פון רעליגיעזען חינוך־סיסטעם, „זרם רביעי", וואָס איז דאַן איבערגעגאַנגען אין „חינוך עצמאי", און מיט דעם אַוועקגעלייגט אַ פעסטען יסוד פאַר דער דערציאונג פון אידישע קינדער בדרך התורה. ער האָט דורכגעזעצט די באַפרייאונג פון בני הישיבות פון מיליטער־דינסט. ער האָט, נאָך אַ שווערען און ביטערען געראַנגעל, דורכגעזעצט, אַז רעליגיעזע מיידלעך זאָלען נישט ווערען גענומען צום מיליטער. אַלס מיניסטער האָט ר' איטשע־מאיר לעווין זיך געוויזען איבער אַלע דערוואַרטונגען דערפאַלגרייך. זיין פערזענלעכקייט האָט אַרויס־גערופען אַזאַ רעספּעקט און דרך־ארץ אין קאַבינעט און אין פּאַרלאַמענט פון דער יונגער מדינה, אַז נישט איין מאָל האָט דער פרייער רוב זיך פשוט אַליין נישט געקענט דערקלערען, וואָס קומט דאָ פאָר, פאַרוואָס גיט מען דעם פאָרשטייער פון דער אגודת ישראל אַזויפיל נאָך? עס איז געווען: „וראו כל עמי הארץ כי שם ד' נקרא עליך ויראו ממך"! (דברים כ"ח).

יעדע רעדע פון הרב לעווין אין דער כנסת איז געווען אַן אַקט פון קידוש השם. ווען ער האָט באַטראָטען די טריבונע פון דער כנסת איז געוואָרען שטיל אין זאַל: יעדער האָט געוואָלט הערען, וואָס דער פאַטריאַרכאַלישער פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע האָט צו זאָגען. און ער האָט געזאָגט ווערטער פון וואָגיקייט. ער האָט געפאָדערט צוריקצוגייען צום מקור. ער האָט גערופען תשובה צו טאָן. ער האָט אָפט געזאָגט מוסר

און אים באַגרינדעט מיט געשיכטע. די כנסת האָט געהערט מיט רעספּעקט.

נאַטירליך, איז דאָס נישט געווען קיין פּאַרטיידיגונג, ווי אַמאָל אין פּוילען, פון די קדשי האומה. ניין, דאָס איז געווען — אַן אָנגריף! ר׳ איטשע־מאיר לעווין האָט גוט געוואוסט, אַז ער רעדט צו מענטשען, וועלכע זיינען נישט רעליגיעז, אַז אין דער כנסת — און אין דער מדינה — איז דער איבערוויגענדער רוב געגען אים און זיינע השקפות. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט אַרויסצורוקען פריי זיינע פאַרלאַנגען. דאָס האָט אפשר צוגעגעבען נאָך מער מאַיעסטעט צו זיין אויפטרעטען. עס האָט גערעדט דער רעפּרעזענטאַנט פון געשיכטליכען אידישען פאָלק. ער האָט אָנגעגריפען, ער האָט געשטורעמט, און צו ביסלעך האָט זיך די וואַנט אַ ריר געטאָן.

5.

ביז עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען ר׳ איטשע־מאיר לעווין איז אַוועק פון דער רעגירונג.

די „מועצת גדולי התורה" האָט איינגעזעען, אַז דער פירער פון „אגודת ישראל" קען מער נישט טראָגען די פאַראַנטוואָרטונג פאַר דער פירונג פון דער מדינה. דאָס זיצען אין דער ממשלה פון ר׳ איטשע־מאיר לעווין וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערען אַלס הסכמה צו באַשלוסען און מעשים, וועלכע זיינען געגען דת.

הרב לעווין האָט, אָן שום איבערקלערען, אויסגעפירט דעם פאַר־לאַנג פון דער „מועצת גדולי התורה" און אַוועקגעוואָרפען אַלע פּריווי־לעגיעס פון אַ מיניסטער־פּאַרטפעל. דאָס אַליין איז אויך געווען אַן אַקט פון קידוש השם. ווען נאָך האָט אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט אַזאַ הויכע שטעלונג, געוויזען אַזויפיל הכנעה פאַרן דעת תורה? ווען נאָך האָט אַ מיניסטער אַוועקגעוואָרפען זיין פּאָסטען צוליבן פאַרלאַנג פון די גדולי התורה?

און דער קידוש השם האָט אָנגעהאַלטען לאַנג. ווען עס איז נאָך אַ רעגירונגס־קריזיס און נאָך נייע וואַלען צו דער כנסת ווידעראַמאָל פאַר־געלייגט געוואָרען פאַר ר׳ איטשע־מאיר לעווין אַריינצוגיין אין דער

ממשלה, האָט ער די הצעה איבערגעגעבן צו דער „מועצת גדולי התורה״. דאָס איז נישט זיין זאַך און נישט זיין כבוד. דאָס געהערט צו די גדולי התורה. און ווער געדענקט נישט דעם מאָמענט ווען גאַנץ ישראל האָט געוואַרט אויף אַ באַשלוס פון דער „מועצת גדולי התורה״. די שפּאַנונג אין גאַנצען לאַנד איז געווען אויסערגעוויינליך: וועט מען געבען די הסכמה צו הרב לעווינ׳ס אַריינטריט אין דער רעגירונג? די גדולי התורה האָבען זיך באַראַטען און אַרויסגעטראָגען אַ נעגאַטיווען באַשלוס. ר׳ איטשע־מאיר לעווין האָט, נאַטירליך, פון זיין זייט אויף קיין מינוט נישט געצווייפעלט און איז אַוועק צו בן־גוריון מיט דער דערקלערונג, אַז זיין פּלאַץ איז נישט אין דער רעגירונג.

איך האָב אַ געוויסע צייט שפּעטער זיך געטראָפען מיט בן־גוריון און געזעען, וואָס פאַר אַ טיפען איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף אים. בן־גוריון האָט שטאַרק באַדויערט הרב לעווינ׳ס אָפּזאָג און מיר געזאָגט: „יעדען מאָמענט, וואָס ר׳ איטשע־מאיר לעווין וועט דערקלערן, אַז ער איז גרייט אַריינצוגייען אין דער רעגירונג, איז די טיר פאַר אים אָפען!״

אַזוי איז אַנגעגאַנגען, אַן אָפּהאַלט, דער וועג פון קידוש השם פון הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין. מען קען רואיג זאָגען, אַז דאָס וואָס ער האָט דערגרייכט בשעת ער איז געווען אַ מיניסטער אין מדינת ישראל, האָט געטראָגען פּירות די גאַנצע צייט שפּעטער. נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אויסגעקעמפט דעם „חינוך עצמאי״ און די באַפרייאונג פון די בני הישיבות און פון די רעליגיעזע מיידלעך פון גיוס — וואָס דאָס גייט אָן ביז איצט — נאָר ווייל עס לעבט אין ישראל די טראַדיציע פון דעם גרויסען איד, וואָס אין אַלע דריי עטאַפּען פון זיין לעבען — פאַר־טיידיגונג פון דת, הצלת ישראל, און קאַמף פאַר שלטון התורה אין דער מדינה — איז ער געווען דער סימבאָל פון דער אויפלעבענדער אָרטאָ־דאָקסיע און איר אָרגאַניזאַציע „אגודת ישראל״.



גערער רבי — מרן אדמו״ר ר׳ ישראל אלטער זצ״ל

די קדושה פון גער

.1

זינט דעם יאָר תרי״ט, ווען דער בעלי „חידושי הרי״ם״ זצ״ל האָט מייסד געווען דאָס גערער חסידות, ציט זיך אַ גאָלדענע קייט, וואָס ווערט שטאַרקער פון דור צו דור.

עס האָבן נישט אָפּגעשוואַכט דאָס דאָזיקע חסידות נישט קיין מלחמות פון דרויסן און נישט קיין בייזע ווינטן פון אינעווייניק. גערער חסידות איז געוואָרן שטאַרקער פון יאָר צו יאָר.

די, וואָס האָבן געקענט גערער חסידות פון פוילן, די הונדערטער שטיבלעך אין ווארשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט, וואו עס האָט געברויזט אידיש לעבן אין שענסטן זין פון וואָרט, ווייסן, אז דאָס איז געווען אַן אומבאַזיגבאַרע מחנה. כל־זמן עס האָט געלעבט דאָס פוילישע אידענטום, איז גערער חסידות געווען אין פאָדער־פראָנט.

און ווען דער שרעקלעכער חורבן האָט פאַרשניטן דאָס לעבן פון מיליאָנען אידן און עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז דאָס פוילישע אידענטום איז אונטערגעגאַנגען, איז געקומען גערער חסידות און צוריק אויפגעבויט די אַלטע פעסטונג.

אין די גערער שטיבלעך הערט זיך ווידער דער קול תורה. עס בליט אידישקייט. אביי און רבא באַהערשן ווידער אונזער לעבן.

אָבער פלוצלונג איז אומגעפאַלן דער גרויסער מנהיג פון דער מחנה. געבליבן איז דאָס אידישע פאָלק כצאן בלי רועה. אַוועקגעריסן איז געוואָרן דער מלך, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ. עס איז געוואָרן פינסטער אין מיטן טאָג.

איז כדאַי אַ טראַכט צו געבן: וואָס איז אייגענטלעך דער מהות פון גערער חסידות? וואָס האָט איבערגעלאָזט דער לעצטנס נפטר־געוואָרענער גערער רבי זצ״ל אַלס טרייסט פאַר דעם פאַרבליבענעם דור און אַלס גאַראַנטיע, אַז זיין דרך וועט ווייטער פאַרבלייבן?

2.

זיין זיידע, דער בעל „שפת אמת״ זצ״ל, האָט אין פרשת קדושים געגעבן די שענסטע דערקלערונג. אויב מען פאַרטראַכט זיך אין „שפת אמת״ פרשת קדושים, פאַרשטייט מען אַביסל גערער חסידות.

עס איז באַוואוסט דער מאמר: „קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל כולהו חד הוא״, צו דעם גיט צו דער „שפת אמת״, אַז דאָס זיינען דריי קדושות — די קדושה פון הקדוש ברוך הוא, די קדושה פון דער תורה און די קדושה פון אידישן פאָלק. די קדושה פון אידישן פאָלק — דאָס זיינען די מצוות, ווייל מיר זאָגן דאָך „אשר קדשנו במצותיו״. יעדער מענטש האָט רמ״ח אברים און שס״ה גידים און דאָס איז דער מספר פון די תרי״ג מצוות. די תורה פאַרמיטלט די קדושה צווישן השם יתברך און די בני ישראל.

אין אַן אַנדער וואָרט אויף דער פרשת קדושים זאָגט דער „שפת אמת״, אַז ווייל דער מענטש איז זוכה צו קדושה דורך די מצוות, מוז ער זיך באַמיען, אַז עס זאָל עפעס בלייבן אין זיין נשמה פון דער דאָזיקער „באַלייכטונג פון דער קדושה״ (הארת הקדושה). צו דעם העלפט דער שבת, וואָס איז דאָך „קודש היא לכם״ — אָבער דער רושם מוז בלייבן „לכל ימי המעשה״.

און אין נאָך אַ מאמר אין פרשת קדושים זאָגט דער „שפת אמת״ אַז אויף זוכה צו זיין צו קדושה מוז מען זיך אָנשליסן אין כלל ישראל, ווייל עס שטייט דאָך „כל העדה כולם קדושים״. די פרשת קדושים איז געזאָגט געוואָרן „בהקהל״. די קדושה פון כלל ישראל איז די העכסטע און דעריבער איז אַ „כנסי׳ לשם שמים סופה להתקיים״.

אָט איז דער יסוד, אויף וועלכן עס איז אויפגעבויט גערער חסידות: קדושה פון כלל ישראל. דער יחיד ווערט געהייליקט דורך די מצוות און דורך זיין משתתף זיין אין כלל ישראל, וואָס איז געהייליקט דורך השם־יתברך.

עס האָט נאָך קיינער נישט אַזוי פשוט פאָרמולירט דעם היסטאָרישן כאַראַקטער פון אידישן פאָלק. גאַנצע חיבורים וואָלט מען געקענט שרייבן וועגן דעם פּראָבלעם „וואָס איז אַ איד?״ — און דער „שפת אמת״ זאָגט דאָס אין געציילטע ווערטער. קורץ און שאַרף, קלאָר און דייטלעך.

„צריכין לעשות המצוות לשם כל ישראל וזוכין להקדושה שקדשנו במצותיו שזה הוא לכלל ישראל והם לעולם קדושים״.

3.

דורכדעם האָט דער נאָכפאָלגער פון „שפת אמת״, זיין זון רבי אברהם מרדכי זצ״ל, אַזוי ליב געהאַט די אגודת ישראל. ער האָט אין איר געזען דעם הייליקן אידישן ציבור, וואָס בויט זיך אויפן יסוד פון די דריי קדושות.

צוזאַמען מיטן „חפץ חיים״ און מיט ר׳ יעקב ראָזענהיים האָט דער גערער רבי ר׳ אברהם מרדכי איינגעזעען די נויטיקייט פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דערהאַלטן די קדושה פון אידישן פאָלק. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע רעליגיעזע אידן אויף דער וועלט זאָלן צוזאַמען אַרבעטן, כדי צו דערהאַלטן די קדושה פון עם ישראל.

אין זיין ווייטן בליק האָט ער געזוכט אַלע וועגן, וואָס פירן צום דאָזיקן צוועק. ער איז געפאָרן צו די כנסיות גדולות, כדי מחזק צו זיין די אגודת ישראל. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז דער רעליגיעזער ציבור זאָל האָבן אַלץ, וואָס דאָס היינטיקע לעבן פאַרלאַנגט, אָבער — על טהרת הקודש. וויפיל כח האָט ער אַריינגעלייגט, כדי אגודת ישראל זאָל האָבן איר אייגענע צייטונג! ווי האָט ער געשטיצט „בית יעקב״, כדי מחנך צו זיין די אידישע טעכטער אין ריכטיקן אידישן גייסט! ווי האָט ער געשטרעבט אַז דער רעליגיעזער ציבור זאָל האָבן זיין אייגענע פאַרלאַמענטאַרישע רעפּרעזענטאַנץ!

ער האָט פאַר דער אגודת ישראל אַוועקגעגעבן דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט — זיין איידים, הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין זצ״ל, כדי צו דאָקומענטירן, אַז אגודת ישראל איז אים אַזוי נאָענט, וואָס נענטער קען עס שוין נישט זיין.

גערער חסידות איז געוואָרן אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער אגודת ישראל, אַז מען האָט פשוט אידענטיפיצירט ביידע. דערביי איז אָבער קיינמאָל נישט אויפגעדריקט געוואָרן דער סטעמפּל פון גערער חסידות אויף דער אָרגאַניזאַציע. דער גערער רבי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין דער ערשטער. ער איז געגאַנגען צו אַלע גדולים און צדיקים און

אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו זיי. פאַר אַלע האָט ער געהאַט פלאַץ אין דער אגודת ישראל. יעדער יחיד, גרויס און קליין, האָט געדאַרפט זיך געפינען אין דער אגודת ישראל, ווייל דאָס איז געווען דער וועג צו קדושה פון כלל ישראל.

4.

ווען זיין זון, רבי ישראל זצ״ל, האָט איבערגענומען די הנהגה, איז גערער חסידות און די אגודת ישראל געווען מורא׳דיק אָפּגעשוואַכט צוליב דעם חורבן פון אידן בשעת דער לעצטער מלחמה.

אַ גרויסע סכנה האָט געדראָט דער „שארית הפליטה״ פון רעליגיעזן אידענטום. גראָד נאָכדעם ווי די בלוטיקע געשעענישן פון די מלחמה־יאָרן האָבן קלאָר געוויזן, אַז מיר אידן קענען ניט זיין קיין טייל פון דער גוי׳אישער וועלט, האָט מען געוואָלט ערזעצן די אַלטע קאָנצעפּציע פון קדושה מיט עפּעס נייעס. „ככל הגוים״ — איז געוואָרן אַ סלאָגאַן, אַ לאָזונג, וואָס האָט געקענט פאַרפירן דעם כלל ישראל.

די סכנה איז געווען אַ סך גרעסער ווי אַמאָל אין פוילן. די אַסימילאַציע אין פוילן האָט געוואָלט מרחק זיין דעם איד פון אידישקייט אין גאַנצן, אָן רעשטלעך. דער קאַמף איז געווען אַ ביטערער, אָבער עס איז געווען קלאָר: ווער עס גייט אַוועק פון אידישקייט, דער איז מחוץ למחנה. דער מאָדערנער „ככל הגוים״־איד זאָגט אָבער, אַז ער איז דווקא אַ איד. ער האָט גאָר אַ „מאָנאָפּאָל״ אויף צו זיין אַ איד. באמת האָט ער גאָרנישט פון אידישן פאָלק ביי זיך און אין זיך, אָבער ער האָט די העזה צו לייקענען, אַז דער רעליגיעזער איד איז דער היסטאָרישער אָנהאַלט און דער יסוד פון אידישן פאָלק.

דעריבער איז די אגודת ישראל געשטעלט געוואָרן פאַר נייע אויפגאַבן אין די לעצטע דרייסיק יאָר. זי מוז כסדר דערמאָנען דעם כלל ישראל, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַ הייליק פאָלק. ניין, נישט „ככל הגוים״! ניין, מיר זיינען דער עם ד׳!

דער דאָזיקער קאַמף, איז געפירט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון גערער רבי׳ן, דעם אמת׳ דיקן מנהיג־ישראל, וואָס איז איצט אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז. מיט זיין שאַרפקייט, זיין בליץ־וואָרט, האָט ער משפיע

געוועז אויף אונזער דור. ווען ער האָט געזאָגט איין וואָרט — איז עס געוועז מער וואָגיק ווי לאַנגע רעדעס פון אַנדערע. דער כלל ישראל האָט זיך צוגעהערט צום וואָרט פון גערער רבי״ן זצ״ל מיט אַזאַ רעספּעקט, ווי נאָך צו קיינעם נישט אין היינטיקן דור.

מען האָט געשפּירט, ווען מען האָט אים געזען, אַז דאָס איז אַ קדוש עליון. ער איז געוועז דער רעפּרעזענטאַנט פון דער קדושה נישט נאָר פון גער, נאָר פון אַלע דריי קדושות צוזאַמען: פון השם־יתברך, פון אורייתא און פון עם ישראל.



הרב ר׳ אליעזר סילווער ז״ל

דער מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילען און אַ גאָלדענעם האַרץ
הרב ר׳ אליעזר סילווער

געווען אין דער תקופה פון די לעצטע פופציג יאָר גדולי התורה, גרויסע פאָלקס־פירער, עסקנים פון וועלט־פאַרנעם, אָבער זעלטען ווער האָט אַרויסגעלייגט זיין סטעמפעל אויף דער תקופה, אַזוי, אַז ער זאָל ווערען דער סימבאָל און די פאַרקערפּערונג פון רבנות און פון דער רעליגיעזער הנהגה אין אַ גאַנצען לאַנד. און צו דעם האָט זוכה געווען הגאון ר׳ אליעזר סילווער זצ״ל, וועלכער איז געווען דער רעפּרעזענ־טאַטיווסטער רב אין אַמעריקע במשך פופציג יאָר.

ער האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז די פּאָסט פלעגט אים צושטעלן בריוו פון אייראָפּע, וועלכע זיינען געווען אַדרעסירט: „הרב אליעזר סילווער — אַמעריקע״, אַן אַ שטאָט און אָן אַן אַדרעס. אין אייראָפּע האָט מען געוואוסט, אַז דער סתם רב אין אַמעריקע איז הרב אליעזר סילווער. האָט מען נישט פיל געטראַכט, נאָר געשריבען צו אים — אין אַמעריקע. ווער וועגען שטיצע, ווער וועגען הילף, ווער וועגען אַ כלל־ענין, ווער וועגען אַ שאלה אין דין. די פּאָסט האָט נישט געהאַט קיין ספק, ווער איז דער רב, צו וועלכען עס זיינען אָנגעקומען די הונדערטער בריוו, און זיי צוגעשטעלט קיין סינסינעטי, וואו ער האָט געוואוינט.

מען קען רואיג זאָגען, אַז ער האָט אויפגענומען די פאַרבינדונג מיטן אייראָפּעאישען אידענטום, באַזונדערס אין פּוילען און אין ליטע, אַלס רעפּרעזענטאַנט פון אַמעריקע, אין דער צייט צווישען די צוויי וועלט־מלחמות. ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט די גרויסקייט און דעם איינפלוס פון אַמעריקאַנער אידישן ציבור.

איך געדענק אים, ווען ער איז אָנגעקומען צו דער דריטער כנסי׳ גדולה אין מאַריענבאַד, אין יאָר תרצ״ז. דאָס וועלט־אידענטום, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אויף דער כנסי׳ גדולה, האָט פּלוצים דערזעען פאַר זיך אַ פירער פון וועלט־מאַסשטאַב, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע, פול מיט ענערגיע, גרויס אין זיין פאַרנעם, שפּרודעלדיג מיט תורה און חכמה.

דעמאָלט האָט דאָס אַמעריקאַנער אידענטום זיך פאַרגעשטעלט פאַרן רעליגיעזן אידישען ציבור פון דער וועלט.

הרב סילווער האָט נישט געדאַרפט האָבען קיין פולמאַכט פון קיינעם. ער האָט, מיט זיין דינאַמישער פערזענליכקייט, רעפּרעזענטירט דאָס אידישע אַמעריקע לגבי דער וועלט. נישט געווען נויטיג קיין לעגיטימאַציע פאַר אים.

און אויב עס וואָלט אימיצען געווען איינגעפאַלען צו פרעגען: ווי קומט עס, אַז דער רב פון סינסינעטי איז באמת דער שליח פון אַמעריקאַנער אידענטום און זיין וואָרט־זאָגער? — דאָן איז אויף דעם תיכף געווען דער ענטפער גרייט: זיינע מעשים פאַר תורה און אידישקייט זיינען זיין לעגיטימאַציע. און באַלד, אַ פאָר ווינציגע יאָר נאָך דער כנסי׳ גדולה, זיינען געקומען ווייטערדיגע באַווייזען פון זיין פירערשאַפט. לגבי די מעשים זיינע במשך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען פאַר־שוואונדען אַלע ספקות, וואָס ווער עס איז האָט געקענט האָבען בנוגע הרב סילווער׳ס פאָזיציע אין אידישען לעבען. דאָס איז דאָס העראָאישע קאַפּיטעל פון זיין אַרבעט פאַר הצלה.

איך האָב אים אָבסערווירט און מיט אים מיטגעאַרבעט אין די יאָרען 1941־1945. הרב סילווער איז געווען נישט נאָר דער ראש פון „ועד הצלה״, נאָר די הצלה אַליין. ער האָט געלעבט און געאָטעמט מיט הצלה. צו זאָגן, אַז ער האָט געהאַט מסירת־נפש פאַר הצלה, איז דורכאויס נאָך נישט גענוג. ער האָט אַוועקגעגעבען פאַר הצלה אַלצדינג, וואָס ער האָט געהאַט: זיין צייט, זיין געלט, זיך אַליין. נישט געשלאָפען, נישט געגעסען, נישט גערוט בייטאָג און ביינאַכט, נאָך געלאָפען מציל זיין. ער האָט געשאַפט די נויטיגע פאַרבינדונגען, געעפנט די טירען אין די העכסטע רעגירונגס־אַמטען אין וואַשינגטאָן (וועלכע זיינען פאַר אים תמיד געווען אָפען צוליב זיין פריינטשאַפט מיטן סענאַטאָר־ טעפט פון סינסינעטי), געזאַמלט גרויסע געלט־סכומים, געשטורעמט אויף די זיצונגען פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס, געמאָנט, נישט געלאָזט פאַרביי־גיין קיין איינציגע געלעגנהייט, ווען עס האָט זיך נאָר אויסגעוויזען, אַז מען קען ראַטעווען אַ איד.

דערביי האָט ער תמיד געדענקט, אַז ער איז אַ רב, וואָס רעפּרעזענטירט די מאַיעסטעט פון תורה־פאָלק. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסען זיין ווירדע. זיין פייער האָט זיך גענומען פון דער

איבערצייגונג, אַז די פּירערשאַפט געהערט צום תורה־אידענטום. אַלס וואָלט ער אין לעבען פאַרווירקליכט דאָס וואָרט פון אַן אַנדערען רבי אליעזר, ר׳ אליעזר בן יעקב, פון וועלכען די גמרא זאָגט (אין סנהדרין צ״ב ע״ב): „תני דבי רבי אליעזר בן יעקב, אפילו בשעת הסכנה לא ישנה אדם את עצמו מן הרבנות״, וואָס רש״י ערקלערט: „שלא ייראה מבוהל ומפוחד״. הרב סילווער האָט זיך נישט געשראָקען פאַר קיינעם, ווען עס איז געווען אַ „שעת הסכנה״, ווען אידיש בלוט האָט זיך געגאָסען אין אייראָפּע. ער איז מוטיג און שטאָלץ אויפגעטראָטען און געמאָנט אונזער רעכט צו לעבען.

עס שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס בילד, ווען מיר זיינען געשטאַנען אויף די טרעפּ פון קאַפּיטאָל אין וואַשינגטאָן, הונדערטער רבנים, וואָס האָבען מיטגעמאַכט דעם „מאַרש קיין וואַשינגטאָן״ פאַר יום־כיפּור תש״ד (1943). הרב סילווער האָט אין נאָמען פון רעליגיעזען אידענטום גערעדט צום וויס־פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטען און פאַרלאַנגט הילף פאַר די אידען, וואָס מען האָט געמאָרדעט אין אייראָפּע. אין יענעם מאָמענט האָט מען געקענט הערען אַ בלאַט פאַלען פון אַ בוים; אַזאַ שטילקייט האָט געהערשט. דער קלאַנג פון הרב סילווער׳ס שטימע האָט זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצען פּלאַץ פאַרן קאָנגרעס. עס האָט גערעדט דער אָנערקענטער שליח פון תורה־אידענטום און זיין קול איז געווען „בוקע חלונות הרקיע״!

איך האָב מיט הרב סילווער מיטגעמאַכט נאָך אַן אַנדערען הצלה־מאַרש. דאָס איז געווען שוין נאָך דער מלחמה, ווען מיר האָבען צוזאַמען באַזוכט די לאַגערן פון די געראַטעוועטע אידען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. עס איז נישט מער געווען קיין פראַגע פון טויט־סכנה מצד די נאַצי־מערדער. אָבער עס איז געווען הצלה פון אַ לאַנגזאַמען אונטער־גאַנג. אידען האָבען געליטען נויט און האָבען זיך געריסען צו פרייהייט, צו אַ ניי לעבען. הרב סילווער האָט דאָ אַנטפּלעקט זיין גאָלדען האַרץ. איך געדענק אַן אַ שיעור סצענעס, ווען ער האָט פון זיך אָוועקגעגעבען, אָן אַ חשבון, וואָס ער האָט געהאַט, כדי צו פאַרלייכטערען די טאָג־טעגליכע נויט. מיר זיינען אַריין אין די לאַגערן, וועלכע זיינען געווען אַרום־גענומען מיט שטעכעדיגען דראָט. מיר האָבען געזען, וואָס האָט זיך דאָרט געטאָן: וועניג שפּייז, ווייניג מלבושים צו אָנטאָן, און אידען האָבען געבעטען הילף. הרב סילווער האָט נישט געקענט וואַרטען קיין מינוט.

תיכף אָרגאַניזירט די הילף. באַצאָלט פון זיין טאַש פאַר אַלץ. נאַטירליך, האָט זיך זיין געלט שנעל אויסגעלאָזט. אָבער דאָס האָט אים גאָרנישט געשטערט. ער האָט זיך געבאָרגט געלט אויף לינקס און רעכטס. וואו עס איז געווען אַ איד מיט מזומנים, האָט מען אים געבראַכט צו הרב סילווער. ער האָט געשריבן צעטלעך, אַז ער וועט דאָס געלט אָפּגעבען אין אַמעריקע. מיט דעם געלט האָט ער אין די לאַגערן נישט נאָר געהאָלפען צו פאַרקלענערן די טאָג־טעגליכע צרות, נאָר ער האָט אויך צוריק־געבויט אידישקייט: געעפענט תלמוד־תורה׳ס פאַר קינדער, געשטיצט כשרות, מקוואות, געגעבען ביד רחבה פאַר הכנסת כלה.

אַ לאַנגע צייט נאָך זיין צוריקקומען פון דייטשלאַנד האָט ער זיך נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן פון די חובות. עס זיינען כסדר אָנגעקומען קיין אַמעריקע אידען מיט זיינע צעטלעך און הרב סילווער האָט געמוזט, מיט בלוט און שווייס, זוכען מקורים צו קענען באַצאָלען פאַר דער הילף־אַקציע, וואָס ער האָט אַליין אונטערגענומען.

* * *

אָבער די איידעלקייט פון זיין האַרץ איז געווען נישט די איינציגע מידה, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אָפּט איז ער געווען אַן אַנדערער מענטש — אַ האַרטער, אַ שאַרפער, אַ נישט־בויגזאַמער. דאָס איז געווען הרב סילווער, דער תורה־אויטאָריטעט און דער מנהיג, וואָס האָט געקעמפט פאַר אידישקייט.

ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט זיך אים אַנטקעגענגעשטעלט, ווען ער האָט אַרויסגעגעבען אַ פסק־דין עפ״י הלכה! בליצען האָבען זיך דעמאָלט געלאָזט פון זיינע אויגען. פייַלען זיינען געפלויגען פון זיין מויל. ער האָט צעשמעטערט, ווי מיט האַרמאַטען־קוילען, יעדען קעגנער. זיין וואָרט איז געווען דיקטאַטאָריש. ער האָט נישט צוגעלאָזט קיין רעקורס. האָט זיך ווער געמען פאַרגלוסט מיט אים צו דעבאַטירען, דאַן איז ער באַלד דערטרונקען געוואָרען אין ים פון הרב סילווער׳ס בקיאות אין ש״ס בבלי און ירושלמי, ראשונים און אחרונים. איידער וואָס און ווען, איז ער געשטאַנען אַלס זיגער אויפן שלאַכטפעלד. הרב סילווער איז נישט געווען געוואוינט צו קאַפּיטולירען פאַרן מוח — ער האָט זיך נאָר געבויגט פאַר דער מענטשליכער נויט.

זיינע קאַמפּען פאַר אידישקייט אין די קהילות, וואו ער איז געווען רב, און אין גאַנץ אַמעריקע, וואו ער איז אַלס פירער פון דער אגודת הרבנים געפאָרען העלפען אַנדערע רבנים, זיינען ווערט באַשריבען צו ווערען אין אַ באַזונדער בוך.

שטאַרק און מוטיג איז ער געווען אַלס פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער אגודת ישראל. ער האָט הויך געטראָגען די פאָן פון דער באַוועגונג. יעדער צוזאַמענפאַר, יעדע קאָנווענשאָן פון אגודת ישראל, האָט אים געגעבען אַ געלעגענהייט צו פּראָקלאַמירען פאַר דער וועלט, אַז דער אָרטאָדאָקסישער ציבור שטייט פעסט אויף זיין פּלאַץ.

היינט, ווען דאָס דאָזיגע פאַרבען־רייכע לעבען איז געוואָרען אָפּגעשלאָסען און עס האָט זיך ווי געענדיגט אַ קאַפּיטעל פון דער אַמעריקאַנער אידישער געשיכטע, ווילט זיך זאָגען אויף אים, ווי עס האָט אַמאָל געזאָגט רבי עקיבא, ווען זיין רבי, רבי אליעזר, איז נפטר געוואָרען: „אבי אבי רכב ישראל ופרשיו, הרבה מעות יש לי ואין לי שולחני להרצותן" (סנהדרין ס"ח ע"ב). רבי עקיבא האָט איבערגעחזר'ט דעם אויסרוף פון אלישע אויף אליהו הנביא און צוגעגעבען, אַז ער האָט אַ סך פּראָבלעמען, אָבער קיינער קען זיי נישט לייזען. אויך דער רעליגיעזער ציבור קלאָגט ביי דער פטירה פון הרב סילווער, אַז עס פעלט דער מנהיג, וואָס האָט געקענט לייזען זיינע פּראָבלעמען, ווייל ער האָט אין זיך פאַר־איניגט אַן אייזערנעם ווילען מיט אַ גאָלדען האַרץ.



הרב ר׳ מרדכי שלמה פרידמאַן, באָיאַנער רבי זצ״ל

הרב ר׳ מרדכי שלמה פרידמאַן
און הרב ר׳ משה יחיאל הלוי עפשטיין

אין דער הערליכער וויזיע פון זכריה הנביא ווערן דער גאָלדענער מנורה, אין וועלכער עס איז געפלאָסען ריינער שמן זית, רעדט זיך וועגן צוויי כלים, וואָס זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען — „שתי צנתרות הזהב המריקים מעליהם הזהב״. דער גין־גאָלדערנער שמן, וואָס איז דורך זיי צוגעפירט געוואָרען צו דער מנורה, האָט גורם געווען, אַז דאָס הייליגע פייער האָט העל באַלויכטען די וועלט. די צוויי „צנתרות״ האָבען סימבאָליזירט די „כהונה״ און דאָס „מלכות״ ביי אידען.

ווי פון זיך אַליין דערמאָנען זיך די דאָזיגע אומפאַרגלייכליך דערהויבענע בילדער פון זכריה הנביא, ווען מיר רעדען וועגן צוויי געשטאַלטען פון מנהיגי ישראל, וואָס זיינען פון אונז אַוועקגענומען געוואָרען אין חודש אדר תשל״א. איינער האָט רעפּרעזענטירט דאָס „מלכות״ אין חסידות — דער באָיאַנער רבי, ר׳ מרדכי שלמה פרידמאַן זצ״ל. דער צווייטער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון „כהונה״ אין דער וועלט פון חסידות — ר׳ משה יחיאל הלוי עפשטיין, דער אָזשאַראָווער רבי, זצ״ל.

* * *

וועגן קעניגליכען פאַרשטייער פון חסידות דעם באָיאַנער רבי׳ן, וואָלט מען געקענט שרייבען גאַנצע בענדער. דאָס איז געווען אַן אַריס־טאָקראַטישע פערזענליכקייט, וואָס האָט באַגייסטערט יעדען איינעם מיט אויסערגעוויינליכען חן, מיט עכטער נאַטירליכער אַדעלקייט און גלייכ־צייטיג מיט אַן עניוות, וואָס האָט נישט געהאַט אירס גלייכען. די מידות פון באָיאַנער רבי׳ן אַליין וואָלטען געווען גענוג, אַז די וועלט זאָל אים באַטראַכטען אַלס מורה־דרך פון כלל־ישראל.

דאָס איז געווען די גוטסקייט אַליין. ער איז געווען אַזוי נאָענט צום מענטש, וואָס איז אים געשטאַנען אַנטקעגען, אַז מען האָט זיך צו אים באַצויגען ווי צו אַ פאָטער. דאָס איז, דוכט זיך, געווען בכלל דער סוד פון דער אומגעהייערער צוציאונגס־קראַפט פון דער ריזשינער גזע: דאָרט איז נישט געווען קיין נשמה׳דיגע דיסטאַנץ צווישען רבי׳ן און די חסידים. מיט דער גאַנצער מאַיעסטעט פון „מלכות״, וואָס דער רבי האָט רעפּרעזענטירט; מיטן גאַנצן דרך־ארץ, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, איז אָבער געווען אַ פאָדעם פון ברידערליכקייט און מענטשליכקייט, וואָס האָט זיך תיכף געשפונען צווישען אים און יעדען איד. אַ האַרץ האָט פאַר זיך געזען אַ האַרץ. דאָס אויג, וואָס האָט אויף דיר געקוקט, איז געווען פול מיט ווייכקייט און געפיל. עס איז דאָרט געווען אַן אַטמאָספערע פון אינטימקייט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס רוזשין האָט געמיינט „מלכות״ מיט איר גאַנצער פּראַכט און עלעגאַנץ.

מיט דעם האָט רוזשין מושך געווען צו זיך די ברייטע אידישע מאַסען, וואָס האָבען געגאַרט צו אַ מנהיג, צו אַ גרויסען מנהיג, וועלכער זאָל אָבער זיין נאָענט צו יעדען איינעם. און אין פּערטען דור פון דער גזע איז ר׳ מרדכי שלמה, דער באיאַנער רבי זצ״ל, געווען די פּרעכטיגע פּאַר־קערפּערונג פון אַט דעם אידעאַלן מנהיג. ער האָט זיך באַטראַכט — און איז געווען כל ימי חייו — מיטבאַטייליגט אין לעבען פון כלל־ישראל און פון יעדען יחיד, וואָס איז צו אים געקומען. דאָס וואָס זיין עלטער־זיידע, דער רוזשינער צדיק זצ״ל, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „ווען עס זיינען פאַראַן דינים אויף כלל־ישראל, איז ער קראַנק און טרויעריג, און ווען עס זיינען פאַראַן רחמים, איז ער געזונט און פריילך״ — דאָס האָט מען באַשיינפּערליך געזעען ביים באיאַנער רבי׳ן. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט דעם מצב פון כלל־ישראל און אָפּגעשפּיגעלט דאָס, וואָס מען האָט אים דערציילט. ער האָט געשיינט, ווען זיין באַזוכער איז געווען צופרידען, און עס האָט זיך אויף אים געוויזען אַן אומעט, ווען מען איז צו אים געקומען מיט אַ שווער האַרץ.

ווי אָפט האָב איך דאָס געפילט, ווען עס איז מיר אויסגקומען אַדורכ־צורעדען מיט אים ענינים פון אידישען ציבור! דער באיאַנער רבי, אַלס מנהיג פון אגודת ישראל, איז געווען פאַראינטערעסירט אין אַלע פּרטים. אַלס איז פאַר אים געווען וויכטיג. אַלץ האָט ער באַרעכענט. ער האָט מיט־געלעבט מיטן פּראָבלעם. און נאָך אַ געשפּרעך מיט אים האָט מען געפילט

אַ דערלייכטערונג. ער האָט אַראָפּגענומען אַ טייל פון עול בלויז מיטן אופן ווי ער האָט אויסגעהערט.

עס האָט זיך תמיד געדוכט, אַז ער איז מקיים דאָס גרויסע וואָרט פון זיין זיידע׳ן, דער סאַדיגערער רבי׳ן ר׳ אברהם יעקב זצ״ל, אַז די גאולה פון כלל מוז קומען נאָך דער גאולה פון פרט. מיט אַנדערע ווערטער, האָט דער אַלטער סאַדיגערער רבי געזאָגט, אַז דער יחיד, וואָס איז אַן „עולם הקטן״, דאַרף זיך אַליין אויסלייזען און מתקן זיין מיטן ליכט פון תורה און מצוות, און דאַן וועט קומען די ישועה פאַרן כלל. דער באָיאַנער רבי האָט דאָס מקיים געווען ביי זיך און משפיע געווען אין דער ריכטונג אויף אַלע, וואָס זיינען מיט אים געקומען אין קאָנטאַקט. דורך דעם איז ער, אין זיין כאַראַקטעריסטישער געלאַסענקייט, געווען אויך טיף און גרינטליך. ער איז אַריינגעדרונגען אין מהות פון יעדער פראַגע. ער איז פון פרט געקומען צום כלל.

* * *

דער אַזשאַראָווער רבי, ר׳ משה יחיאל הלוי, האָט געשטאַמט פון אַ גזע, אויף וועלכער דער „חוזה פון לובלין״ האָט געזאָגט, אַז אויף איר פּאַסט דאָס וואָרט פון דער תורה „וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי״. דאָס דאָזיגע וואָרט באַציט זיך אויף עמרם, דעם פאָטער פון משה רבנו און אהרן הכהן, און דער חוזה האָט עס דערמאָנט ווען דער ערשטער אַזשאַראָווער רבי, ר׳ לייבוש, האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַן אַנדערען „לוי״, דער זשאַרנאָווצער רבי׳ן ר׳ ראובן הלוי הורוויץ. מיט דעם האָט דער חוזה געוואָלט אויסדריקען, אַז די צוויי לויים זיינען געווען ריינע, אמת׳דיגע קינדער פון לוי, דער זון פון יעקב אבינו. און שוין צוליב דעם אַליין קען מען זאָגען, אַז דער אַזשאַראָווער רבי, ר׳ משה יחיאל עפּשטיין, האָט רעפּרעזענטירט די חסידישע „כהונה״.

אָבער ער האָט געהאַט נאָך אַ סך מער רעכט אויף אַזאַ באַצייכענונג. ער איז געווען אַ תורה־ריז, אַ גאון, וואָס האָט אין זיין מוח געטראָגען „כל התורה כולה״. ווען מען קוקט אַריין אין די פילע כרכים פון זיין ספר „אש דת״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו דרוקען אין ניו־יאָרק אין יאָר תש״י און איז פאַרגעזעצט געוואָרען אין ארץ־ישראל, אָדער אין זיין „באר משה״



הרב ר׳ משה יחיאל הלוי עפשטיין, אָזשאַראָווער רבי זצ״ל

אויף תורה און נביאים, דאָן ווערט מען ממש דערשטוינט פון איבער־מענטשליכען וויסען, וואָס דער אָזשאַראָוווער רבי האָט אָנגעזאַמעלט. עס איז נישט געווען קיין פלאַץ אין ש״ס און אַלע מקורים פון הלכה און אגדה, וואָס זאָל געווען זיין פרעמד דעם דאָזיגען גרויסען מענטש. „כל רז לא אנס ליה״. ווען ער האָט באַהאַנדעלט אַן ענין, האָבען זיך פלוצים באַוויזען אַלע פסוקים פון תורה, נביאים וכתובים, וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות צום פראָבלעם. ער האָט זיי פּרעכטיג אַריינגעפלאָכטען און מבאר געווען צוזאַמען מיט די דברי חז״ל אין ש״ס בבלי און ירושלמי, מיט מדרשים, ספרא, ספרי, מכילתא, מיטן רמב״ם און אַנדערע פוסקים, מיט דער קבלה, מיט חסיד׳ישע ספרים. ער האָט גאָרניט איבערגעלאָזט.

געבויט איז דער „אש דת״ אויף דריי יסודות: אהבת ד׳, אהבת התורה און אהבת ישראל. כדי די דריי יסודות צו מאַכען פאַר אַ קנין פון אידישען פאָלק, האָט דער אָזשאַראָוווער רבי אָוועקגעגעבען זיין גאַנץ לעבען. ער האָט אָנגעהויבען דעם ערשטען חלק פון „אש דת״ מיט אַ מאמר וועגען „תכלית בריאת העולם והאדם״ און באַלד, מיט אַן אומגעהייערער בקיאות, באַוויזען, אַז די דריי יסודות זיינען דער הויפּט־צוועק פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט און פון מענטש. די ווייטערדיגע פרקים פון ערשטען חלק האָבען זיך באַשעפטיגט מיט נח׳ן און מיט אברהם אבינו. דער צווייטער חלק האָט זיך אָפּגעגעבען מיט יצחק׳ן און יעקב׳ן און זיינע קינדער. דער דריטער חלק באַהאַנדעלט „גלות וגאולה״, דעם „שעבוד ויציאת מצרים ברוחניות וגשמיות״, דעם „חודש האביב וחודש הגאולה״, דעם ענין פון „קריעת ים סוף״, דעם פראָבלעם פון „מחיית עמלק״ און די „גאולה העתידה״. אַ סך הונדערטער זייטען פאַרנעמען די דאָזיגע פרקים, וואָס זיינען אייגענטליך ערשט אַן אַריינפיר צו די ווייטערדיגע כרכים, וועלכע זיינען געווידמעט צו ספּעציעלע פראָבלעמען. אַ רייכקייט פון וויסען אַנטפּלעקט זיך דאָ, וואָס האָט פאַרזעצט די לומד׳ישע וועלט אין שטוינען. צום אַכטען באַנד, וואָס האָט זיך באַוויזען אין יאָר תשי״ט, איז צוגעגעבען אַ הקדמה, וואָס רופט זיך „למנצח על השמינית״, אונטער־געשריבען פון סאַדיגורער רבי׳ן ר׳ אברהם יעקב פרידמאַן, פון טשעבינער רב ר׳ דוב בעריש ווייַדענפעלד, פון פרעשבורגער רב ר׳ עקיבא סופר, פון ירושלים׳ער רב ר׳ צבי פסח פראַנק, פון מירער ראש ישיבה ר׳ אליעזר יהודה פינקעל, פון לוצקער רב ר׳ זלמן סאָראָצקין, פון גערער רבי ר׳ ישראל אלתר, פון וויזניצער רבי ר׳ חיים מאיר האַגער, פון הרב יחזקאל

לעווינשטיין, דעם משגיח פון פאַניוועזער ישיבה, פון הרב שלמה יוסף זעווין, דעם רעדאַקטאָר פון דער „אַנציקלופדיה התלמודית״. און פון חברונ׳ער ראש ישיבה ר׳ יחזקאל סאַרנאַ. אין דער דאָזיגער הקדמה ווערט דאָס ספר „אש דת״ באַצייכענט אַלס „שולחן ערוך ומתוקן״ וועגען די אַלע געוואַלדיגע ענינים, וואָס ווערען דאָרט באַהאַנדעלט, און דאַן קומען די וואָגיגע ווערטער: „ועד היום לא נמצא ספר שכזה הממצה את כל התוכן העשיר של אוצרות תוה״ק בענינים אלו באופן מושלם״.

קיין וואונדער, אַז מאַסען אידען האָבען אָנגעהויבען צו לערנען אין „אש דת״ און פון דעם חיבור אַרויסגענומען זייער הדרכה. איך דערמאָן זיך, ווי דער אָזשאַראָווער רבי האָט מיר אַמאָל דערציילט, — און טרערען האָבען זיך דאַן באַוויזען אין זיינע אויגען, — אַז ספרד׳ישע אידען האָבען שוין זייערע רעגולערע שיעורים אין „אש דת״. ער האָט מזכה געווען די מאַסען מיט אַ „שולחן ערוך ומתוקן״ וועגען יסודות פון אידישקייט!

זאָל דער אָנדענק פון די „שני צנתרות זהב״ בלייבען פאַרהייליגט אין לעבען פון אידישען פאָלק, וואָס זיין וועג ווערט באַלויכטען פון פייער פון דער מנורה, וואָס די צוויי מנהיגים, דער באַיאַנער רבי און דער אָזשאַראָווער רבי, האָבען געשפייזט מיט זייער שמן טהור!

הרב ר׳ נחום מרדכי פערלאָוו — נאָוואָמינסקער רבי זצ״ל

הרב ר׳ נחום מרדכי פערלאָוו — נאָוואָמינסקער רבי

.1

דער נאָוואָמינסקער רבי ר׳ נחום מרדכי פערלאָוו האָט דערציילט וועגן זיין זיידן ר׳ יעקב, דער גרינדער פון דער נאָוואָמינסקער דינאַסטיע, די פאָלגנדע מעשה:

ווען ר׳ יעקב איז געווען נאָך אַ קליין יונגל און זיך אויפגעצויגן ביי זיין זיידן, דעם קוידאַנאָווער צדיק ר׳ שלמה חיים, האָט ער אַמאָל פאַר־לאַנגט, צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער מרדכי, געלט ביי דער מוטער. די מוטער האָט נאַטירלעך נישט אָפּגעזאָגט די בקשה פון די קינדער, אָבער זי האָט געגעבען עטוואָס מער דעם עלטערן זון ווי דעם יונגערן. דער שפּעטערדיקער רבי ר׳ יעקב האָט זיך געפונען געטראָפען דערפון און די מוטער האָט אים אויפגעקלערט, אַז דער עלטערער ברודער קען דאָך מער לערנען פון אים און דערפאַר דאַרף ער באַקומען מער פון אים.

האָט דאָס געהערט דער זיידע, ר׳ שלמה חיים, און געזאָגט צו דער טאָכטער (די אלמנה פון זאַוויכוואָסטער רב ר׳ שמעון, דעם פרי־פאַר־שטאָרבענעם פאָטער פון די ביידע קינדער): „הער, מיין טאָכטער, דו ווייסט נישט, ווייזט אויס, ווי גרויס דיין זון יעקב איז שוין היינט. אַלס שטראָף דערפאַר וועסטו שפּעטער, ווען ער וועט זיין אַ מנהיג ישראל, שטייען הינטער דער טיר ווען ער וועט זאָגען תורה, און זיך צוהערן צו זיי!"

די „שטראָף" איז מקויים געוואָרען, האָט דער נאָוואָמינסקער רבי פאַרענדיקט די מעשה, און די מוטער האָט שפּעטער יעדן שבת און יום־טוב פון הינטער דער טיר צוגעהערט צו די דברי תורה פון ר׳ יעקב, דעם ערשטן נאָוואָמינסקער רבי״ן.

אָט די מעשה דערמאָן איך זיך איצט, ווען איך וויל שרייבן וועגן דעם גרויסן אייניקל פון ר׳ יעקב׳ן, וואָס האָט אַזוי הערלעך ממשיך געווען די טראַדיציע פון נאָוואָמינסק אין אַמעריקע. דאָס איז געווען ר׳ נחום מרדכי,

זכר צדיק לברכה, וואָס האָט זוכה געווען, אַז די וועלט זאָל זיך צו אים צוהערן. ווײַזט אויס, אַז די ברכה (ווײַל דאָס איז באמת געווען די גרעסטע ברכה, וואָס אַ מוטער האָט געקענט באַקומען פון גרויסן קוידאַנאָווער צדיק) איז ווײַטער געגאַנגען ווי בלויז צו ר׳ יעקב׳ן. זי האָט אויך כולל געווען דעם צווייטן און דריטן דור: ר׳ יעקב׳ס זון, ר׳ אלטר ישראל שמעון, און זײַן אייניקל, ר׳ נחום מרדכי, זכרונם לברכה.

2.

ר׳ יעקב, דער זיידע, האָט געטײַטשט:

אין דער תפילה פון מוסף זאָגן מיר: „יהי רצון מלפניך ד׳ אלקינו ואלקי אבותינו שתעלנו בשמחה לארצנו ותטענו בגבולנו ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו תמידים כסדרם ומוספים כהלכתם...״ וואָס מיינט: „תמידים כסדרם ומוספים כהלכתם״? דער פשט איז, אַז עס זײַנען פֿאַראַן צוויי „תמידים״, איינער איז דער „וחטאתי נגדי תמיד״ (תהלים נ״א, ח׳), לויט וועלכן דער מענטש דאַרף תמיד געדענקען, אַז ער האָט געזינדיקט און תשובה טאָן אויף די זינד: דער צווייטער איז דער „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״ (תהלים ט״ז, ח׳), לויט וועלכן דער מענטש מוז תמיד געדענקען אין השם־יתברך. אויב די צוויי „תמידים״ זײַנען אין אָרדענונג — דאַן איז — „ומוספים כהלכתם״, דאַן איז דער מענטש „מוסיף״ צו זײַן קדושה. (געדרוקט אין ספר „שופרא דיעקב״, ירושלים תשכ״ד, עמוד קע״ג).

אָט דער וואונדערבאַרער טיפּזיניקער פּשט פון ערשטן נאָוואָמינסקער רבי׳ן איז באמת אַ גאַנצער פּראָגראַם פאַר אַ יהודי חרד על דבר ד׳. מיט דעם האָט מען ממש געלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אידישקייט.

די חסיד׳ישע וועלט האָט באַקומען אַ לאָזונג: האַלט די צוויי „תמידים״ — און אַלץ וועט זײַן אין אָרדנונג.

דער ערשטע נאָוואָמינסקער רבי האָט צום דאָזיקן פּראָגראַם צוגעגעבן במשך זײַן גאַנצן לעבן אַ „מגמה״, אַ שטרעבונג: דאָס איז געווען די אמונה אין ביאת המשיח. לויט ווי עס גיט איבער זײַן אייניקל, ר׳ נחום מרדכי, אין דער ביאָגראַפיע, וואָס ער האָט צוגעגעבן צום ספר „שופרא דיעקב״, האָט ר׳ יעקב ממש געאָטעמט מיט דער האָפנונג אויף ביאת המשיח. דעם לעצטן סוכות פאַר זײַן פּטירה (תרס״ב) האָט ער געזאָגט צו

זיין זון: „מיין גאַנץ לעבן קען איך נישט אויפהערן צו בעטן און מתפלל זיין אויף דער גאולת ישראל והשכינה הקדושה, ווי די גמרא זאָגט (אין שבת ל״א), אַז לעתיד לבוא, ווען דער מענטש וועט שטיין צום דין, וועט מען אים פרעגן: „צפית לישועה?״.

די ירושה האָט ער איבערגעגעבן צו זיין זון, דעם „אי״ש״ (ר׳ אלטר ישראל שמעון), או דאַן איז עס איבערגעגאַנגען צום אייניקל, ר׳ נחום מרדכי.

3.

דער נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ נחום מרדכי, האָט אין יאָר תשכ״ט אַרויסגעגעבן אין ירושלים דאָס ספר „תפארת איש״ פון זיין גרויסן פאָטער אויף ימים־טובים און פאַרשיידענע שבתים אין יאָר, צו וועלכן ער האָט צוגעגעבן אַ זייער וויכטיקן קונטרס „מנהגי מרן המחבר״. אין דעם דאָזיקן קונטרס באַשרייבט ער זיין פאָטער׳ס מנהגים און, פאַרשטייט זיך, עס קומט אַרויס גלייכצייטיק אַן אויטאָ־ביאָגראַפיע.

ווייל דער נאָוואָמינסקער רבי אין אַמעריקע, ווי מיר האָבן אים געקענט און פאַרעהרט, איז געווען אַ קאָמפּראָמיסלאָזער ממשיך פון דער אַלטער טראַדיציע פון פוילן. פאַר אים איז די געגנוואַרט, דער „הווה״, געווען נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון „עבר״, פון דער פּרעכטיקער פאַר־גאַנגענהייט, קודם־כל פון זיינע אייגענע אבות און פון די גרויסע חסיד׳ישע דינאַסטיעס פון קוידאַנאָוו, לאַכאָוויטש און נעסכיז, אָבער דאַן אויך פון גאַנצן פוילישן חסידות.

אין די נאָך־מלחמה׳דיקע יאָרן איז ר׳ נחום מרדכי אויסגעוואַקסן צו אַ מנהיג פון רעליגיעזן אידנטום אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. ער איז געווען פון די פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן באַשיינט אַלע קאָנווענשאָנס פון דער אַמעריקאַנער אגודת ישראל. ער האָט פאַרנומען אַ בכבוד׳דיקן פּלאַץ אין דער אַלוועלטלעכער אגודת ישראל, אין וועמענס ועד הפועל ער האָט זיך תמיד באַטייליקט. ער איז אַריין אין דער מועצת גדולי התורה און אַזוי־אַרום געוואָרן איינער פון די אָנערקענטע מנהיגים רוחניים פון דער באַ־וועגונג.

ווער געדענקט נישט ווי דער נאָוואָמינסקער רבי, וואָס זיין גוף איז

געווען שוואַך, האָט געשטורעמט ביי אַלע פאַרזאַמלונגען, ביי אַלע זיצונגען פון ועד הפועל העולמי, און געמאָנט אָנערקענונג פאַר'ן דעת תורה! טיילמאָל האָבן מיר זיך געוואונדערט: פון וואַנען נעמט ער כח? ווי קען ער זיין אַזוי אויסגעהאַלטן? מען האָט אים ממש נישט געקענט אויף אַ האָר באַוועגן צו זיין נאָכגיביק, ווען אידישקייט פון ציבור איז געשטאַנען אויף דער וואָגשאָל.

דער געלאַסענער, שטילער נאָוואָמינסקער רבי האָט געשפריצט מיט פייער ווען ער האָט פאַרטיידיקט תורה־אידישקייט.

דערצו איז ער געווען תמיד באַהויכט פון חכמה און פקחות. זיינע ווערטער זיינען נישט נאָר געווען דער אויסדרוק פון אמת'דיקער גדלות בתורה, נאָר גלייכ־צייטיק האָט ער יעדן איבערצייגט מיט זיין לאָגיק. ער האָט אָנאַליזירט אַ פּראָבלעם — און צי מען האָט געוואָלט צי נישט, עס איז געבליבן ביי דעם, וואָס ער האָט פאַרגעשלאָגן. „דברי חכמים בנחת נשמעים" — דאָס איז תמיד מקויים געוואָרן ביים נאָוואָמינסקער רבי'ן. מען האָט אים געהערט! און סוף סוף האָט מען דערהערט — ווען ער האָט עפּעס פאַרלאַנגט, ווייל עס איז געווען אויפגעבויט אויף שכל הישר און אָביעקטיוויטעט.

מיך האָט ער אַ סך מאָל דערמאָנט אין זיין גרויסן שווער, דעם סאָקאָלאָווער רבי'ן ר' יצחק זעליג מאָרגנשטערן זצ"ל, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע פקחים אין דער אַמאָליקער פּוילישער רבנ'ישער וועלט. דער סאָקאָלאָווער רבי, פון וועמען זיין איידעם האָט תמיד גערעדט מיט דעם גרעסטער יראת הכבוד, איז געווען אַ זעלטענע פּערזענליכקייט אין דער פאַרבן־רייכער פּוילישער אגודת ישראל — פון די ענקי־רוח אין תורה און חכמה. און דורך זיין איידעם, דעם נאָוואָ־מינסקער רבי'ן, איז געקומען צו אַ וואונדערבאַרער פאַראייניקונג צווישן דער שאַרפקייט פון קאָצק און דער איידלקייט פון קוידאַנאָוו, צווישן דעם אויפברויז פון איין שיטה און דער אצילות פון דער אַנדערער.

ווי שיין האָט דאָס אויסגעדריקט טאָקע דער סאָקאָלאָווער רבי אַליין אין זיין הסכמה צום „תפארת איש" פון ר' נחום מרדכי'ס גרויסען פאָטער, געשריבן אין אָטוואָצק אין יאָר תרצ"ג:

„מני אז שאבדנו את עמיתנו ז"ע לא מצאתי נוחם על לבי מגודל אנחה השוברת גופי ולבי תמס יהלוך. הי חסיד, הי עניו, מתלמידיו של הלל... ולבי מר יבכה, מי יקום לנו עם מרעים, מי יתייצב לנו נגד פועלי און בדור

היתום הזה. אחת היא הנחמה שלי שיודפסו דבריו המתוקים מדבש ונופת צופים, ויתבשם העולם מזיו אצילות רוחו, כי לבו הי׳ כלב הארי בתורה וכל מדע מעין הנובע מקרבו תורה חוצבה מאש שלמעלה כנתינתן מסיני. ומי יודע להכיר ערכו יותר ממני שהיה נעים לנו בחייו, ובמותו לא נפרד חין ערכו והדרתו על ישראל״.

די דאָזיקע ווערטער קען מען ממש אות באות איבערטראָגן אויפ׳ן גרויסן זון פון „תפארת איש״. ווייל דאָס איז געווען ר׳ נחום מרדכי פערלאָוו זצ״ל — „מעין הנובע מקרבו תורה חוצבה מאש שלמעלה״.

הרב ר׳ אברהם משה באַבאַד, סונדערלאַנדער רב זצ״ל

הרב ר׳ אברהם משה באַבאַד ז״ל

עס ציטערט די האַנד ביים שרייבען די צוויי אותיות „ז״ל״ נאָך דעם נאָמען פון הרב ר׳ אברהם משה באַבאַד פון סונדערלאַנד, דעם טשערמאַן פון דער אייראָפּאישער אָפּטיילונג פון אַלוועלטליכען וועד הפועל פון דער אגודת ישראל. עס לאָזט זיך פשוט נישט גלויבען, אַז אָט דער בליענדער מענטש, דער ענערגישער מנהיג פון דער באַוועגונג, דער טאַט־קרעפטיגער עסקן, איז מער נישטאָ צווישען אונז. עס וואָלט זיך געוואָלט אויסשרייען: ניין, „ואברהם עודנו עומד״, דאָס איז אונמעגליך, אַז דער סונדערלאַנדער רב איז אַוועק פון אונז. ער מוז נאָך שטיין אויפן פּאָסטען, וועלכען ער האָט אַזוי בכבודיג פאַרנומען... אָבער דער טרויעריגער אמת איז אַנדערש, די ווירקליכקייט נעמט ניט קיין ריקזיכט אויפן צער פון זיין פאַר״יתומ׳טער משפחה און פון דער טרויערנדער אגודת ישראל. נצחו אראלים את המצוקים. נאָך אַ קורצען געראַנגעל מיט אַ שרעקליכער קראַנקהייט איז הרב באַבאַד אונטערלעגען אין קאַמף.

און פון אַ האַרץ, וואָס בלוטיגט, רייסען זיך אַרויס אַ פּאָר ווערטער פון געדענקען. זאָלען זיי ווי ווייט מעגליך אויסדריקען וואָס מיר פילען און ווי מיר שאַצען אָפּ די גרויסע פּערזענליכקייט, וואָס איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען.

* * *

הרב באַבאַד האָט געשטאַמט פון די שענסטע מיוחס׳דיגע משפחות אין אידישען פּאָלק. דער „נודע ביהודה״ (מהדורה קמא, חלק יורה דעה, סימן מ״ג) אין אַ תשובה, וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט בערך 200 יאָר צוריק, דערמאָנט די „חברים היושבים בבית המדרש של המנוח המפורסם ר׳ יעקב באבד ז״ל״ און פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלען מסכים זיין צו זיין פסק: דער דאָזיגער ר׳ יעקב באבד, וואָס האָט געהאַט זיין בית המדרש אין בראָד, איז געוועזען אַן אייניקעל פון איינעם פון די גרעסטע גאונים,

וואָס דאָס פּוילישע אידענטום האָט אַרויסגעגעבן, דעם קראָקעווער רב רבי העשיל זצ״ל. און פון זיי האָט זיך געצויגן אַ נישט־דורכגעריסענע קייט פון גדולים ביי אידען במשך פון הונדערטער יאָרען. אין די לעצטע דורות האָבען די גאונים פון דער באבד־משפחה פאַרשיינט די תורה־וועלט. געגוג צו דערמאָנען ר׳ יוסף באַבד, דער מחבר, פון „מנחת חינוך״, וואָס איז נפטר געוואָרען אין דעם יאָר תרל״ד. קורץ פאַר דער לעצטער וועלט מלחמה איז נפטר געוואָרען דער טאַרנאָפּאָלער רב, ר׳ מאַניש באַבד, דער מחבר פון „חבצלת השרון״, וואָס איז געווען אַן אָנער־קענטער פּוסק פון דור.

הרב באַבאַד פון סונדערלאַנד איז געווען אַ זון פון טויסטער רב, ר׳ יוסף דוב באַבאַד, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש השם בשעת דער נאַצי־מגיפה. דער סונדערלאַנדער האָט באַשריבען די אויסער־געוויינליכע מידות פון זיין פאָטער אין אַן אַרטיקעל, וועלכען ער האָט געשריבען פאַר מיין זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס פון קדושים פון דער לעצטער מלחמה „אלה אזכרה״. דער אַרטיקעל אַנטהאַלט בכלל די גאַנצע געשיכטע פון דער באַבאַד־משפחה און, בעיקר, פון אַלע (מער ווי פערציג) רבנים, וואָס זיינען געוואָרען דערמאָרדעט פון די דייטשען. דער אַרטיקעל איז אַ מייסטער־ווערק פון געשיכטע און געפיל. ער געפינט זיך אין דריטען באַנד פון „אלה אזכרה״ און מען לייענט אים ממש מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם. די רבנישע טראַדיציע פון דער משפחה איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרוואָרצעלט, לויט ווי דער סונדערלאַנדער רב גיט איבער אין זיין אַרטיקעל, אַז ווען עס איז ביי אַ פּרוי פון דער משפחה געבוירען געוואָרען אַ אינגעל, האָט דער דאָקטאָר, וואָס האָט אַסיסטירט ביים געבורט, מיט טריאומף אויסגעשריגען: „עס איז געבוירען געוואָרען נאָך אַ רב״!

שטאַמענדיג פון אַזאַ קייט פון גדולים, האָט הרב ר׳ אברהם משה באַבאַד זיך אין איר ווירדיג אַנגעשלאָסען. ער האָט געלערנט ביי זיין גרויסען פעטער, דעם טאַרנאָפּאָלער רב, ר׳ מנחם מאַניש באַבאַד ז״ל. ער האָט דערגרייכט די מדריגה פון אַ גאון. זיין דעה איז געווען אַן אמת־דיגע דעת תורה. די נאָך־מלחמה׳דיגע אייראָפּע האָט אין אים געזעען אַן אויפגעייענדיגען שטערן אויפן תורה־פירמאַמענט. די גדולים אין ישראל און אין אַמעריקע האָבען זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג.

ער האָט אין סונדערלאַנד געגרינדעט אַ ישיבה, וואָס איז ביי אים

געווען טייער ווי זיין אויג־אַפּעל. ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דער ישיבה. צוליב אים איז זי געוואַקסען און זיך פונאַנדערגעבליט.

* * *

הרב באַבאַד האָט אין דער אגודת ישראל געזעען אַ „מקדש מעט". דאָס וואָרט פון יחזקאל הנביא (י"א, ט"ז): „כה אמר ד' אלקים כי הרחקתים בגוים וכי הפיצותים בארצות ואהי להם למקדש מעט בארצות אשר באו שם" — קען אַנגעווענדעט ווערען אויף דער אגודת ישראל, לויט ווי הרב באַבאַד האָט זיך צו איר באַצויגען. מיט אַ הייליגען ציטער האָט ער באַהאַנדעלט די ענינים פון אגודת ישראל, קודם כל אַלס חשוב'ער חבר פון די העכסטע אינסטאַנצען, שפּעטער אַלס יושב ראש פון אַלוועלט־ליכען־צענטראַל־ראַט (צו וועלכען אַמט ער איז באַשטימט געוואָרען פון דער פערטער כנסי' גדולה) און אַלס פאַרזיצער פון דער אייראָפּעאישער אָפּטיילונג פון אַלוועלטליכען ועד הפועל (זינט דער פטירה פון ר' אהרן גודמאַן ז"ל).

מיר איז אויסגעקומען צו שטיין אין כסדר'דיגען בריווליכען קאָנטאַקט מיט הרב באַבאַד ז"ל. וועגען אַלע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג האָבען מיר קאָרעספּאָנדירט, שוין נישט ריידענדיג וועגען די צאָלרייכע פּאַרטרויליכע שמועסען, וועלכע זיינען צווישען אונז פאָר־געקומען בעת מיר האָבען זיך פערזענליך געטראָפען ביי די זיצונגען פון די אינסטאַנצען פון דער באַוועגונג און ביי אַנדערע געלעגענהייטען. אין יעדען בריוו האָט זיך אַרויסגעשפּירט די טיפע זאָרג פון הרב באַבאַד וועגען דעם „מקדש מעט"־כאַראַקטער פון דער אגודת ישראל. אין יעדען שמועס האָב איך געהערט די פאָדערונג, אַז אגודת ישראל זאָל בלייבען געטריי איר הייליגער מיסיע צו זיין דער אַוואַנגאַרד פון דער תורה ביי אידען. „אגודת ישראל מה תהא עלי'?" — האָט ער מיר געשריבען צענדליגער מאָל. ער, דער שטענדיג רואיגער און געלאַסענער, האָט געשטורעמט, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער „מקדש מעט"־כאַראַקטער פון דער אגודת ישראל באַוועגונג איז אין סכנה.

זייענדיג אַ בעלזער חסיד מיט אַלע פעדים פון זיין איידעלען הארץ, האָט ער אַריינגעבראַכט די קאָמפּראָמיסלאָזיגקייט, די שטאַנדהאַפטיגקייט פון זיין חסידות, אין דער אגודת ישראל. ביי אים איז, ווייזט אויס, נישט

געווען קיין חילוק צווישען זיין ראָל אין דער אגודת ישראל און צווישען בעלזער חסידות: ער איז געווען אַ חסיד פון דער אגודת ישראל און אַ דיסציפּלינירטער חבר פון זיין חסידישען ציבור. איך האָב אים אייניגע מאָל געזעען צופרידען: דאָס איז געווען, ווען ער האָט אַלס אגודה־פירער געקענט גלייכצייטיג דינען בעלזער חסידות — און ווען, אַלס בעלזער חסיד, האָט ער געקענט העלפען דער אגודת ישראל. דער געוויינליך אַביסעל סעקפּטישער הרב באַבאַד האָט ביי אַזאַ געלעגנהייט געשיינט. דעמאָלט האָט מען געקענט זען ווי זיינע אויגען גלאַנצען.

אָבער די מאָמענטען פון צופרידענקייט זיינען ליידער געווען זעלטענע. גאָר אָפט איז געווען פאַרקערט: הרב באַבאַד האָט געוויזען אומעט. ער איז געווען טיף פאַרזאָרגט. ווען ער איז געווען דער יושב ראש פון צענטראַל־ראָט, האָט אים פאַרשאַפט גרויס עגמת נפש דער פאַקט, וואָס די אינסטאַנץ האָט, צוליב מאַנגעל פון פינאַנציעלע מיטלען, נישט געקענט זיין אַקטיוו. ער פּערזענליך איז געווען אַ מיטעל־פּונקט פון אַלע אגודה־אַקטיוויטעטען אויך ווען דער צענטראַל־ראָט איז נישט געווען טעטיג, אָבער ער האָט שטאַרק געליטען פון דעם, וואָס די אינסטאַנץ, אין וועמענס שפּיץ די כנסי׳ גדולה האָט אים געשטעלט, האָט נישט געקענט אַרבעטען. און ביי צענדליגער אַנדערע געלעגענהייטען האָט ער געמאָנט ביי דער אגודה־לייטונג מער שוואונג, מער אַקטיוויטעט.

און הגם נישט תמיד האָט מען געקענט אָננעמען זיינע אָנווייזונגען, אָבער תמיד האָט מען זיך צו זיי באַצויגען מיט דעם גרעסטער אַכטונג.

* * *

הרב באַבאַד אַלס מענטש, אַלס פּריינט, האָט זיך טיף איינגעקריצט אין האַרץ און אין מוח פון יעדען, וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפען.

ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט די דריי מידות, וואָס חז״ל פאַרבינדען מיט אברהם אבינו: „כל מי שיש בו שלשה דברים הללו הוא מתלמידיו של אברהם אבינו: עין טובה, ורוח נמוכה ונפש שפלה״ (אבות, פרק ה׳). ער האָט אַלץ געזען מיט אַ „גוט אויג״, קיינמאָל נישט געווען קיין צר עין, קיינמאָל האָט אים נישט פאַרדראָסען יענעמס דערפאָלג, נאָר ער האָט געשטרעבט אַליין ממלא צו זיין די מענשליכע און געזעלשאַפט־

ליכע חובות, וועלכע זיינען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרען. דאָס איז דווקא געווען דער סוד פון זיין דערפאָלג. צוליב זיין גוטסקייט צו אַנדערע — איז ער אַליין געשטיגען און דערגרייכט אין אַזאַ יונגען עלטער די הויכע פּאָזיציעס אין רבנות און אין עפענטליכען לעבען.

„רוח נמוכה" און „נפש שפלה" זיינען געווען ממש פערזאָניפיצירט אין הרב באַבאַד. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער עניו, וואָס איז ביי זיך געווען „עפר ואפר". אין די לאַנגע יאָרען פון אונזער צוזאַמענאַרבעט געדענק איך נישט קיין איין מאָמענט, ווען הרב באַבאַד זאָל האָבען אַרויסגעוויזען עפּעס אַנדערש ווי עניוות. תמיד געווען אַנשפּרוכלאָז, תמיד מוותר געווען אויף זיין כבוד. די פּאָן פון אגודת ישראל האָט ער דווקא געהאַלטען שטאָלץ אין זיין האַנט, ווען ער איז אויפגעטראָטען אין נאָמען פון דער באַוועגונג לגבי אַנדערע פּאַרטייען. אָבער אין פאַרהעלטניש צו זיינע אייגענע חברים אין דער אגודה־לייטונג איז ער געווען דער ווייכער און נאָכגיביגער פריינט. דעריבער האָבען אים אַלע חברים נישט נאָר רעספּעקטירט, נאָר אויך — ליב געהאַט.

עס איז פון אונז אַוועק דער אמת׳דיגער אדם השלם — אין תורה, אין מידות, אין פירערשאַפט!

ר׳ אלימלך טרעס ז״ל

דער אמת׳דיגער „עוסק בצרכי ציבור באמונה״ ר׳ אלימלך טרעס ז״ל

מיט׳ן אַוועקגיין פון ר׳ אלימלך טרעס ז״ל האָט דאָס אידישע פאָלק בכלל און די אגודת ישראל בפרט פאַרלוירן דעם אידעאַלען „עוסק בצרכי ציבור״, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפערט די שענסטע און איידעלסטע מידות פון אַן עסקן.

במשך פון די יאָרען פונ׳ם חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז מיר געווען באַשערט צו אַרבייטען צוזאַמען מיט ר׳ אלימלך טרעס ז״ל אויפ׳ן געביט פון הצלה און תמיד האָב איך באַוואונדערט זיין לויטער־קייט, זיין איבערגעבענקייט אָהן אַ מאָס, זיין אויפאָפּפערונג פאַר׳ן כלל. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט בשעת מען האָט געדאַרפט העלפען אידען. ער איז געווען גרייט אַוועקצוגעבען אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, כדי מציל צו זיין אידען אין אַ נויט: זיין צייט, זיין אייגענע קאַריערע, זיין עקזיסטענץ ממש.

אין די שוואַרצע טעג פון דער היטלער־מגפה איז ר׳ אלימלך טרעס געווען יונג און האָט געדאַרפט בויען זיין אייגענע צוקונפט. אָבער ער האָט נישט געקלערט וועגען זיך און זיין משפחה. ער האָט פאַר זיך געהאַט איין ציל: צו ראַטעווען וואָס מעהר אידען, צו ברענגען נאָך און נאָך אידען קיין אַמעריקע, צו דערגרייכען נאָך וויזעס פאַר זיי אין וואַשינגטאָן. אַנדערע האָבען אין דער פרייער אַמעריקע, בשעת דער גאָל־דענער מלחמה־קאָניונקטור, געזוכט רייכטימער פאַר זיך. פאַר טרעס׳ן האָט דעמאָלט רייך־זיין געמיינט עפּעס אַנדערש: האָבען נאָך אידען אין זיכערקייט. יעדעס אידישע קינד, יעדער ישיבה־בחור, וואָס ער האָט מיט זיין ענערגיע און חכמה אַרויסגעשלעפּט פון אייראָפּעאישען גיהנום און געבראַכט קיין אַמעריקע, איז געווען אַ פּערל, אַן אוצר.

אין דער וויזע־אָפּטיילונג פון סטעיט דעפּאַרטמענט איז ר׳ אלימלך טרעס געווען כמעט ווי אַ „בן־בית״. איך בין מיט אים געווען אַ סך מאָל

צוזאַמען און געזען ווי אַלע טויערן זיינען פאַר אים געווען אָפען. דער רעספּעקט און די באַוואונדערונג, וואָס די גרויסע מלוכה־מענער און ווירדען־טרעגער האָבען אים אַנטקעגענגעבראַכט, זיינען געווען אין לשער. ער פלעגט, בשעת דער מלחמה, פאַרען יעדע וואָך קיין וואַשינגטאָן און תמיד האָט ער צוריקגעפירט אַהיים וויזעס פאַר אידען אין טויט־סכנה. דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, געגעבען מוט צו פאָדערען נאָך, ווייל ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידען מיט דעם, וואָס ער האָט שוין דערגרייכט. ער האָט געשטרעבט צו מעהר. געמאַכט פּלענער, געשריבען מעמאָראַנדומס און ווידער געלאָפען קיין וואַשינגטאָן. טייל־מאָל האָט אונז אויסגעוויזען, אַז דאָס וואָס ר׳ אלימלך טרעס וויל דער־גרייכן איז פשוט אונמעגליך. אָבער באַלד האָט מען געזען, אַז פאַר אים זיינען נישט געווען קיין אונמעגליכקייטען. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער נשיאות־חן אין וואַשינגטאָן, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַן „איש מצליח" אין פולסטען זין פון וואָרט.

אויב ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט אויף אלימלכ׳ן פון מגילת רות, אַז ער איז געווען אַ „גדול הדור" און אַ „פרנס הדור" (בבא בתרא צ"א), דאַן איז דאָס זיכער אויך צוגעפּאַסט אויף ר׳ אלימלך טרעס׳ן. אונזער דור, וואָס האָט מיטגעמאַכט אַזאַ שרעקליכע טראַגעדיע, האָט אין אים געהאַט אַן אמת׳דיגען פרנס. וואָס איז געווען „נתמנה על חיי נפשות", לויט ווי עס דריקט זיך אויס דער ירושלמי (פאה, פרק ח׳, הלכה ו׳), און וואָס איז „לא כל שכן שזכה להימנות עם גדולי הדור".

* * *

ווי יענער פרנס פון תלמוד ירושלמי, איז ר׳ אלימלך טרעס געווען באַשטימט דורך די תורה־אויטאָריטעטען. אין אַלע זיינע באַמיאונגען און שתדלנות׳ן איז ער אַרויסגעטראָטען ווי דער שליח פון די רבנים, ראשי־ישיבות און תורה־אידענטום.

אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען איז ר׳ אלימלך טרעס געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון אגודת ישראל. ער האָט שטאָלץ אויפגעוויקעלט די פאָהן פון אגודת ישראל און פון די גדולי הדור. הגם ער האָט, לויט זייערע אָנווייזונגען, קיינמאָל נישט קאָנטראָלירט צי דער איד אין סכנה איז פרום, נאָר געזוכט צו העלפען אַלע אידען אָהן אויסנאַם, אָבער דעם

אַדרעס פון זיינע מאַנדאַנטען האָט ער נישט פאַרגעסען אָנצוגעבען. ער איז אויפגעטראָטען אין וואַשינגטאָן אַלס פאַרטרעטער פון דער אַלוועלט־ליכער אגודת ישראל און פון אגודת ישראל אין אַמעריקע. איך געדענק די צאַלרייכע מיטינגס אין דער אַלוועלטליכער אגודת ישראל אונטער'ן פאַרזיץ פון אומפאַרגעסליכען מורנו ר' יעקב ראָזענהיים זצ"ל, ווען ר' אלימלך טרעס האָט אָפּגעגעבען באַריכטען פון זיינע נסיעות קיין וואַשינגטאָן און געגומען אינסטרוקציעס צי די וויטערדיגע שריט. ער איז געווען אַ דיסציפּלינירטער אגודיסט. ער איז געווען אַ זעלנער פון דער באַוועגונג. רבי יעקב ראָזענהיים איז געווען שטאָלץ אויף אים און אים באַשאָנקען מיט'ן גאַנצען צוטרוי. פּונקט אַזוי איז ער געווען דער ליבלינג פון די ראשי־ישיבות, פון „ועד הצלה", וועלכע האָבען אויסגענוצט ר' אלימלך טרעס צו די גרויסע הצלה־אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען שוין אַריין אין דער געשיכטע.

נאָך דער מלחמה איז ער אַוועק, אין „אונרא"־אוניפאָרם, אין די לאַגערען פון שארית הפליטה, און געבראַכט מיט זיך נישט נאָר ווערטער פון טרייסט, נאָר אויך ממשות'דיגע הילף. ער האָט מיטגעלעבט מיט די באַפרייטע פון פעלדאַפינג, פון לאַנדסבערג און פיל אַנדערע, די רעהאַביליטאַציע, דעם איבערגאַנג פון דער שרעקליכסטער ירידה צו אַ ניי לעבען. ווען ער איז צוריקגעקומען פון אייראָפּע, איז ער געווען ווי פאַריונגט. נייע כוחות און נייע ענערגיע האָט ער געשעפּט ביי יענע אידען, וואָס אַ סך פון זיי האָט ער דערהאַלטען ביים לעבען. אין מיט'ן פולען ברען פון זיין נשמה, מיט'ן גאַנצען אידעאַליזם, וואָס האָט אים כאַראַקטעריזירט, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט צו אָרגאַניזירען און צו בויען אגודת ישראל.

* * *

די אַרבעט פאַר אגודת ישראל איז ניט געווען ניי פאַר אים נאָכ'ן צוריקקומען פון אייראָפּע. ער האָט שוין פריער געהאָט אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם געביט אַלס פירער פון „צעירי אגודת ישראל" אין אַמעריקע. אָבער נאָך דער מלחמה האָט זיין טאַלאַנט אַלס אָרגאַניזאַטאָר אויפ־געשיינט. ער האָט געגרינדעט נייע סניפים, בעיקר פאַר דער יוגענד, און איז מיט זיי כסדר געשטאַנען אין קאָנטאַקט. זיין האַרץ האָט געהערט צו

די „פרחי אגודת ישראל", אויף וועלכע ער איז געווען באַזונדער שטאָלץ. ביי יעדער קאָנווענשאַן האָט ער זיי פּרעזענטירט מיט אַזויפיל ליבשאַפט, אַז מען האָט תיכף דערקענט, אַז דאָרט זעט ער די צוקונפט פון דער באַוועגונג.

ער איז געווען אַ מייסטער פון וואָרט. ער האָט באַגייסטערט, סאַי אין אידיש, סיי אין ענגליש, די צוהערער. ער האָט זיי גענומען מיט שטורם. הערענדיק ר' אלימלך טרעס האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַן אמת'דיגער פאָלקס־טריבון שטייט אויף דער בימה. און תמיד זיינען זיינע ווערטער געווען דורכגענומען און דורכגעווייקט מיט אהבת התורה, מיט אונענדליכען רעספּעקט פאַר די גדולי התורה. אַלע זיינע געדאַנקען זיינען געווען אויפגעבויט אויפ'ן פּרינציפּ, אַז דאָס וואָרט פון דער תורה איז אַנטשיידענד.

ווי טרעפליך צוגעפּאַסט איז אויף אים דאָס מערקווירדיגע וואָרט פון חז"ל אויף אלימלכ'ן פון „מגילת רות". „ושם האיש אלימלך" — זאָגט אויף דעם ר' מאיר און ר' יהושע בן קרחה: „שהי' אומר — אלי תבוא מלכות" (מדרש רות רבה פרשה ב'). אין אים איז געווען „מלכות". ביי ר' אלימלך טרעס איז „מלכות התורה" געווען דער תוך פון זיין נשמה. די „מלכי רבנן" זיינען געווען מאַסגעבענד פאַר אים אויף יעדען שריט, וועלכען ער האָט אונטערגענומען אין לעבען. עס איז געווען, ווי דאָס מלכות התורה וואָלט אים געקומען און אים איינגענומען. צו דעם מלכות האָט ער געדינט ביז צום לעצטען הויך פון זיין איידעלער נשמה.

* * *

צו דעם איז ר' אלימלך טרעס געווען דער אמת'דיגער נאַבעלמאַן. אַ מענטש מיט ליבשאַפט און פריינדליכקייט פאַר יעדען. ער איז קיינמאָל נישט געווען אין כעס, תמיד אויפגענומען די אַנדערע „בסבר פנים יפות".

פאַר די חברים אין דער לייטונג פון אגודת ישראל איז ער געווען אַ מקור פון אָפּטימיזם, איינער וואָס האָט כסדר צוגעגעבען מוט, אין די, ליידער, נישט ווייניגע מאָמענטען פון קריזיס, האָט ר' אלימלך טרעס תמיד געשטאַרקט זיך און די חברים. און עס איז געווען אַ ריכטיגע התחזקות ווען ער האָט זיך באַטייליגט ביי אַ מיטינג. זיין קלוג וואָרט האָט אַ סך געהאָלפען לייזען שווערע פּראָבלעמען.

ר׳ יצחק שטערנבוך ז״ל

ר׳ יצחק שטערנבוך —
רעטער פון אידען בעת׳ן חורבן

אין די שרעקליכע יאָרען פון חורבן בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיליאָנען אידען זיינען געוואָרען געמאָרדעט דורך די דייטשע בעסטיעס, האָבען זיך אויפן אידישען האָריזאָנט באַוויזען געציילטע שתדלנים, וועלכע האָבען זיך מוסר־נפש געווען פאַר הצלת ישראל.

איינער פון זיי איז געווען ר׳ יצחק שטערנבוך ז״ל, וועלכער האָט זיך פאַרשריבען אַ הערליך בלאַט אין דער בלוט־דורכטרענקטער געשיכטע פון די מלחמה־יאָרען תש״ב־תש״ה און אין דער רעהאַביליטאַציע־תקופה פון דער שארית הפליטה באַלד נאָך דער מלחמה.

ר׳ יצחק שטערנבוך איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַלאַרמירט וועגען דעם, אַז די דייטשען האָבען אין אויגוסט 1942 אויסגעמאָרדעט הונדערט טויזענט אידען פון וואַרשעווער געטאָ. דעם 3טען סעפּטעמבער 1942 איז צום פּוילישען קאָנסול אין ניו־יאָרק אָנגעקומען אַ שיפרירטע טעלעגראַמע פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין בערן (שווייץ). אין וועלכער עס איז געשטאַנען אָט וואָס:

„שטערנבוך בעט צו פאַרשטענדיגען ח׳ יעקב ראָזענהיים, אַז לויט לעצטענס דערהאַלטענע אויטענטישע אינפאָרמאַציעס האָבען די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען אין וואַרשע אויסגעליידיגט דאָס געטאָ און אויסגע־מאָרדעט אויף אַ בעסטיאַלישען אופן בערך הונדערט טויזענט אידען. די מאַסען־מאָרדען גייען ווייטער אָן. פון די קערפּער פון די געמאָרדעטע ווערט אויסגעאַרבעט זייף און קינסטליכע באַמיסטיגונג. דעפּאָרטירטע פון פאַרשידענע לענדער וועלען האָבען דעם זעלבען גורל. מען דאַרף אָננעמען, אַז נאָר ענערגישע רעפּרעסיעס מצד אַמעריקע קענען אויפ־האַלטען די פאַרפאָלגונגען. טוט תיכף וואָס איז נאָר מעגליך, כדי שנעל אַרויסצורופען אַזאַ רעאַקציע, אויפשטורמענדיג מלוכה־מענער, די פּרעסע און די געזעלשאַפט...״

די דאָזיגע טעלעגראַמע האָט דער פּוילישער גענעראַל־קאָנסול אין ניו־יאָרק מיר איבערגעגעבען, כדי זי אָוועקצוגעבען מורנו ר׳ יעקב ראָזענהיים זצ״ל. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ רעגולערער קאָנטאַקט צווישען ר׳ יצחק שטערנבוך און ר׳ יעקב ראָזענהיים דורך דער פּאַרמיטלונג פון די פּוילישע קאָנסולאַטען אין שווייץ און אין ניו־יאָרק. עס זיינען — דורך דיפּלאָמאַטישען שיפרירטען קעיבעל — געגאַנגען ידיעות פון אַמעריקע אין שווייץ און צוריק, כדי צו ראַטעווען אידען. אין שווייץ איז געווען דער אַדרעס: ר׳ יצחק שטערנבוך און זיין אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט זיך געשאַפען אונטערן נאָמען „היעפּס״. אין אַמעריקע איז דער אַדרעס געווען: ר׳ יעקב ראָזענהיים, וועלכער האָט געהאַט זיין ועד הפּועל פון דער אגודת ישראל און אָפּט זיך אויך באַנוצט מיטן „ועד ההצלה״.

אַ הערראַאישער געראַנגעל איז אָנגעגאַנגען במשך די חדשים סעפּטעמבער־דעצעמבער 1942 און אין די יאָרן 1943־1944. ר׳ יצחק שטערנבוך האָט נישט נאָר אַלאַרמירט אַמעריקע. ער האָט זיך געשטעלט צו דער הצלה־אַרבעט מיט אַלע רמ״ח אברים און שס״ה גידים זיינע. ער האָט געזוכט וועגען ווי אַזוי צו העלפען די אידען אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער, אין די טויטען־לאַגערן, אין די באַהעלטענישען.

מיט דער הילף פון זיין איידעלער פרוי רעכא, אַן אמת׳דיגע אשת חיל, און אַ פּאָר איבערגעבענע עסקנים, האָט ר׳ יצחק שטערנבוך דערגרייכט דאָס, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט טאָן: אַרויסגעריסען פון די נאַצישע נעגעל אידען און זיי געבראַכט אין זיכערקייט. זיין מוט האָט נישט געקענט קיין גרעניצען. ער האָט, שוין ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה, געטראָפען אַ וועג צום מחבל אַליין — צו הימלער׳ן, דער ראש פון דער געסטאַפּאָ, דער שני צו היטלער׳ן, ימח שמם. ער האָט געשיקט אַן אַמאָליגען שווייצערישען בונדעס־פּרעזידענט, זשאַן מוסי, צו הימלער׳ן און גע׳פּועל׳ט, אַז מען זאָל אַרויסלאָזען די לעצטע אידען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַ צוג מיט 1,200 אידען איז אין איין שיינעם מאָרגען אָנגעקומען פון טערעזיענשטאָט אין דער שווייץ. די וועלט האָט אויפגעציטערט. שטערנבוך האָט געהאָט, דורך מוסי׳ן, צוגעגרייט ווייטערדיגע טראַנספּאָרטען. הימלער האָט געוואָלט נאַטירליך געלט און שוה־כסף פאַר די נפשות. ר׳ יעקב ראָזענהיים און דער ועד־ההצלה זיינען געווען גרייט צו באַצאָלען דעם פּרייז. ליידער האָט זיך היטלער אַליין

אַריינגעמישט אין דעם ענין און פאַרבאַטען דעם עסק. אָבער די 1,200 אידען זיינען גערעטעוועט געוואָרען!

שטילערהייט האָט ר׳ יצחק שטערנבוך אין זיין „היעפּס״ געראַטעוועט און געהאָלפען זייער אַ סך יחידים. זיינע טעלעגראַמעס, דורכן פּוילישען קאָנסולאַט, האָבען במשך יאָרען געדינט אַלס אינפאָרמאַציע־מקור פאַר יעדען פּראָבלעם. צי איז עס געווען וועגען כלל־ענינים — וועגען דעם גורל פון די אינטערנירטע אידען מיט דרום־אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטען אין וויטעל־לאַגער אָדער וועגען די אונגאַרישע אידען, וועלכע מען האָט אין די לעצטע חדשים פון דער מלחמה אָוועקגעשיקט קיין פּוילען — וועגען אַלץ האָט שטערנבוך אינפאָרמירט.

איך האָב אים דאַן נאָך נישט געקענט פּערזענליך אָבער אַזוי ווי דורך מיין האַנט זיינען דורכגעגאַנגען אַלע ידיעות וואָס דער פּוילישער קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק האָט צוגעשטעלט, איז דאָס בילד פון ר׳ יצחק שטערנבוך ביי מיר געוואָרען גאַנץ קלאָר. אין אים האָט זיך דערוועקט עפּעס ווי אַ „מלאך המושיע״ פאַר יענע געפּלאָגטע אידען, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ראַנד פון אָפּגרונט. עס האָט זיך אָנגעהויבען צו וועבען אַ לעגענדע.

* * *

באַלד נאָך דער מלחמה האָבען מיר זיך געטראָפען אין אייראָפּע.

אונזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען אין פּאַריז, צוויי חדשים נאָכן פאַרענדיגען די מלחמה. די אידען, וואָס זיינען געבליבען לעבען אין די לאַגערן, זיינען נאָך געווען הינטער שטעכעדיגע דראָטען. מען האָט זיי געדאַרפט שיקען שפּייז און קליידונג, כדי זיי זאָלען קענען אויסהאַלטען ביז צו דער באַפרייאונג. שטערנבוך און די „היעפּס״ זיינען שוין געווען אויפן פּלאַץ. מיר האָבען פון „ועד־ההצלה״ געבראַכט די ערשטע טראַנספּאָרטען שפּייז און קליידער פאַר די לאַגער־אידען און ר׳ יצחק און רעכא שטערנבוך זיינען געקומען קיין פּאַריז, כדי צו אָרגאַניזירען די פאַרטיילונג.

אָבער דאָס איז נישט געווען דער עיקר. שטערנבוך האָט אין זינען געהאַט אַ זאַך, וואָס איז געווען טויזענט מאָל וויכטיגער. ער איז דער־גאַנגען, אַז אין פראַנקרייך האָבען זיך געפונען טויזענטער געראַטע־

וועטע אידישע קינדער, וועלכע זיינען געווען באַהאַלטן אין קלויסטערס און סתם ביי נישט־אידען. אַט די אידישע קינדער האָט מען געדאַרפט אַרויסבאַקומען און צוריקפירען צום אידישען פאָלק.

ווי מאַכט מען דאָס? ווי נעמט מען די אידישע קינדער, וואָס גלחים האָבען באַהאַלטען? ווי אַזוי קען מען באַוועגען די גלחים, אַז זיי זאָלען צוריקגעבען די נפשות?

ביי שטערנבוכ׳ן איז נישט געווען קיין אוממעגליכקייט. ער האָט זיך דערשלאָגען צום ראש פון דער קאַטוילישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט די קינדער אין איר רשות. די אָרגאַניזאַציע האָט געהייסען „קאָזאָר" (אויף פראַנצויזיש, אין ראשי־תיבות: קאָמיטע פאָר סי סאָציאַלע טעטיגקייטען פון דער רעזיסטאַנץ), און דער ראש איז געווען גלח שאַיע. דעם 19טען יוני 1945 איז געשלאָסען געוואָרען אַ שריפטליכער אָפּמאַך צווישען גלח שאַיע, ר׳ יצחק שטערנבוך און רעכא שטערנבוך וועגען איבערנעמען אַלע אידישע קינדער, וואָס זיינען געווען ביי דער „רעזיסטאַנץ" (אין קלויסטערס א.אַ.וו.). מען האָט געדאַרפט זאָפאָרט עפענען קינדער־היימען און אָרגאַניזירען דאָס ברענגען די קינדער. דאָס איז געווען אַ צווייטער אַקט פון צוג מיט אידען פון די נאַצי־לאַגערן, פונקט אַזוי אומגלויבליך און אומוואַרשיינליך. אַ גלח זאָל אַוועקגעבען די אידען צוריק זייערע קינדער? ווען איז נאָך אַזעלכעס געשען?

איך געדענק מיין צוזאַמענטרעף מיט גלח שאַיע, צוזאַמען מיט ר׳ יצחק שטערנבוך און זיין פרוי. איך בין שוין געקומען צו אַ פאַרטיגער זאַך. שאַיע האָט געזאָגט, אַז שטערנבוך און זיין פרוי האָבען אים איבער־צייגט, אַז דאָס איז אַ געבאָט פון דער גערעכטיגקייט. דער פראָבלעם איז נישט מער געווען צי מען זאָל צוריקגעבען די קינדער, נאָר ווען דאָס זאָל געשען. און אויך אין דער באַציאונג האָט גלח שאַיע נישט געמאַכט קיין שוועריגקייטען. וואָס הייסט? ווען מיר וועלען אים זאָגען, אַז די היימען זיינען צוגעגרייט — וועט מען די קינדער אָפּטראַנספּאָרטירען!

דער ערשטער סלאָגאַן פון „היעפּס" איז געווען: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא". אונטער דער לאָזונג איז די אָרגאַניזאַציע לכתחלה געגרינדעט געוואָרען, כדי צו ראַטעווען אידען פון הונגער און נויט אין שאַנכאַי. איצט, צוויי חדשים נאָכן קריג, האָט שטערנבוך זיך גענומען צו „מקיים" זיין הונדערטער קליינע נפשות פון אידישע יתומים. וויפיל „עולם מלא׳ס" האָט ער דערביי אויפגעשטעלט?

מיר שטייען נאָך פאַר די אויגען די הונדערטער אינגעלעך און מיידעלעך, וועלכע זיינען אַריין אין די היימען, וואָס ר׳ יצחק שטערנבוך האָט געעפנט מיט די געלטער פון „ועד ההצלה״. ער איז געלאָפען איבער פראַנקרייך זוכען די געהעריגע הייזער. דאָ האָט מען געעפענט איינס, דאָ דאָס צווייטע. עס איז אַנגעגאַנגען פיבערהאַפט, ווייל יעדער טאָג האָט געשפילט אַ ראָל. שטערנבוך האָט נישט געהאַט קיין צייט. יעדער טאָג איז אים געווען אַן אייביגקייט. אַ אידיש קינד האָט געדאַרפט צוריק ווערען אַ איד — קען מען דאָ וואַרטען?

* * *

איך וואָלט געקענט אַנגיין מיט די זכרונות כמעט אָן אַן עק. ווייל ר׳ יצחק שטערנבוך האָט זיך נישט באַגנוגענט מיט דער קינדער־אַקציע. ער האָט זיך באַלד געוואָרפען אויף אַן אַנדער געביט: צו ראַטעווען די אידען, וואָס זיינען פון רוסלאַנד צוריקגעקומען קיין פוילען. „היעפס״ האָט געשיקט שליחים און געפירט די אידען איבער די גרעניצען. רעכא שטערנבוך איז געווען אין פוילען און ר׳ יצחק האָט געוואַרט אויף די מידע וואַנדערער אין פראַג. ער האָט געיאָגט די שליחים, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט. מיט פקוח נפש איז נישטאָ קיין צייט.

זיין אייגען לעבען איז געווען אַ לעבען פון תורה. ער איז געווען אַן איידעם פון אַנטווערפענער רב הגאון ר׳ מרדכי ראָטענבערג זצ״ל. ער האָט דערצויגען זיינע קינדער צו תורה און יראת שמים. זיין שטוב איז געווען אָפען פאַר אורחים. ער האָט אַנטייל־גענומען אין אַלע געשעענישען ביי אידען. טיילמאָל האָט ער רעאַגירט אויף זיי מיט אַ הייליגען ברען. נישט איינמאָל האָבען זיך באַוויזען זיינע בריוו אין די צייטונגען, כדי צו קאָרעגירען אומפּינקטליכקייטען. ר׳ יצחק שטערנבוך איז געוואָרען אויפגערעגט ווען מען האָט פאַלש איבערגעגעבען אין די צייטונגען וועגען הצלת ישראל בשעת׳ן חורבן. ער האָט נישט טאָלערירט קיין שקרים. ער האָט נישט גערוט ביז דער אמת איז געוואָרן אויפגעקלערט.

און ווען ער איז אַוועק אויפן עולם האמת האָבען אים באַגלייט די טרערען נישט נאָר פון זיין אייגענער משפחה, נאָר פון אַלע יענע, וועלכע ער האָט געהאָלפען און אויפגעשטעלט בשעת זיי זיינען געווען אין אַזאַ שרעקליכער סכנה אין די שוואַרצע נאַצי־יאָרען.



ר׳ אלי׳ מאַזור ז״ל

ר׳ אלי׳ מאזור און
ד״ר מאיר שמעון רייכמאַן

אויף דער אַמאָליגער מזרח־וואַנט פון דער אידישער געזעלשאַפט־ליכקייט אין פוילען ווערט ביסלעכווייז ליידיג. נאָך דעם שרעקליכען שניט, וואָס דער חורבן פון 1939־1944 האָט מיט זיך געבראַכט, זיינען פאַרבליבען גאָר ווינציגע עסקנים פון גרעסערען מאַסשטאַב, וואָס האָבען נאָך געטראָגען די פאַן פון אידישען ציבור־לעבען אין פוילען אין זייערע הענט. עס זיינען אונטערגעגאַנגען די גרויסע צענטערס, ווי וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, קראָקע צי לעמבערג, מיט זייער רוישיגען כלל־אימפעט, מיט דעם ברויזענדען שטורם פון געזעלשאַפטליכע פאַרמעסטען. אָבער עס זיינען דאָך נאָך געהאַט פאַרבליבען געוויסע פערזענליכקייטען, וואָס האָבען זיך בנס געראַטעוועט און אין אַ געוויסען זין געוויזען דעם נייעם דור די פראַכט פון אַמאָליגער אידישער עסקנות אין פוילען.

לעצטענס זיינען אַוועק צוויי אַזעלכע אידישע עסקנים פון פאַר־מלחמה׳דיגען פוילען: איינער פון וואַרשע, דער אַנדערער פון לאָדזש. ר׳ אלי׳ מאַזור איז געווען פרעזעס פון דער וואַרשעווער אידישער קהילה, און ר׳ מאיר שמעון רייכמאַן איז געווען ראַטמאַן אין לאָדזשער שטאָט־ראָט.ביידע האָבען פאַרטראַטען צענדליגער טויזענטער אידען אין די צוויי גרויסע מעטראָפאָליעס. ביידע האָבען זיך פאַרשריבען אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע פון די צוויי גרעסטע אידישע צענטערס אין פוילען. זייער פטירה רייסט אַרויס פון דער גאַלעריע פון די נאָך־פאַרבליבענע אידישע פירער פון אַמאָליגען פוילען צוויי וואונדערבאַרע געשטאַלטען.

זאָלען די ווערטער פון אַנדענק, וואָס איך גיב דאָ איבער, זיין אַ צושטייער צו דער ווירדיגונג פון די מעשים פון אידישע שליחי־ציבור פון פוילען, לויט ווי עס האָט זיי פאַרשריבען דער פינקס פון דער אידישער געשיכטע.

1.

די פירערשאַפט פון דער וואַרשעווער אידישער קהילה האָט געהאַט אַ פּרעכטיגע טראַדיציע. ווען דאָס נייע פּוילען איז אַנטשטאַנען, איז די לייטונג פון די וואַרשעווער קהילה געלעגען אין די הענט פון אַ גרופּע עסקנים פון דער אידישער אַריסטאָקראַטיע. ראש־הקהל איז געווען מאיר רונדשטיין און דער אייגענטליכער פירער איז געווען לייבוש דאַווידזאָן. באַלד נאָכן אויפשטיין פון פּוילען זיינען צוקאָאָפּטירט געוואָרען פּאַרטערטער פון די פּאַרטייען: אגודת ישראל, ציוניסטען, מזרחי א.אַ. דעמאָלט זיינען פון דער אגודת ישראל (אָדער ווי זי האָט צו יענער צייט געהייסען „אגודת האורטודוקסים" און אַביסעל שפּעטער „אגודת שלומי אמוני ישראל") אַריין אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג דריי פאַרשטייער: ר' ישעי' ראַזענבוים, ר' נתן בראַמבערג און ר' אלי' קירשברוין. אַלע האָבען באַלד אָנגעהויבען צו שפּילען אַ גרויסע ראָל. אָבער אויפן ערשטער פּלאַץ האָט זיך אַרויסגערוקט דער יונגער קירשברוין, וועלכער איז באַלד געוואָרען אויך ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט און אין יאָר 1922 דעפּוטאַט אין סיים. ווען אין יאָר 1926 זיינען פאַרגעקומען דעמאָ־קראַטישע וואַלען צום וואַרשעווער קהילה־ראַט, איז ר' אלי' קירשברוין, אַ דינאַמישער געזעלשאַפטליכער כח, געוואָרען פּרעזעס פון קהילה־ראַט.

קירשברוין איז יונג געשטאָרבען. און די אגודת ישראל האָט געזוכט אַ נאָכפאָלגער. עס האָבען זיך אונטערגערוקט די צווייטע וואַלען צו דער וואַרשעווער קהילה־לייטונג אין יאָר 1931, ביי וועלכע די ליסטע פון אגודת ישראל האָט געהאַט אַ ריזיגען דערפאָלג. אַן אגודיסט האָט געדאַרפט ווערען פּרעזעס פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. וואו נעמט מען אָבער אַן אַנטשפּרעכענדען קאַנדידאַט?

איז, גאַנץ איבעררעשענדיג, אויפגעשוואומען די קאַנדידאַטור פון אַ סאָכטשאָווער חסיד, ר' אלי' מאַזור. ער איז נאָך געווען יונג, קוים 42 יאָר אַלט, אָן אַ געזעלשאַפטליכער פאַרגאַנגענהייט. אָבער דער פירער פון דער פּוילישער אגודת ישראל, הרב ר' יצחק מאיר לעווין זצ"ל, האָט אים פאַרגעשלאָגען און ער האָט זיך נישט טועה געווען. מאַזור איז געוויילט געוואָרען און מען האָט אים באַלד גערופען -„אלי' דער צווייטער" (קירשברוין איז געווען דער „ערשטער").

ער האָט זיך דערוואָרבען אַ פּרעכטיגען נאָמען מיט זיין פירען די

וואַרשעווער קהילה. ער האָט רעאָרגאַניזירט דעם ראַבינאַט און געוויזען דעם וועג, וויאַזוי צו פירען די אידישע „מלוכה" אין וואַרשע ביי די שווערסטע באַדינגונגען. זיין קאַדענץ (ביז סוף 1936) בלייבט אַ גלאַנץ־פעריאָדע אין דער געשיכטע פון וואַרשעווער אידענטום.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכען האָבען מיר זיך געטראָפען, אין חודש דעצעמבער 1939, אין לעמבערג און געזוכט וועגען ווי אַזוי ווייטער צו לויפען קיין ארץ־ישראל אָדער אַמעריקע. מאַזור׳ן איז באַלד געלונגען צו דערגרייכען ארץ־ישראל, וואו ער האָט אויפגעבויט אַ בליענט דיאַמאַנט־געשעפט.

זיין גוטער נאָמען, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבען אַלס אגודיסטישער ראש־הקהל פון וואַרשע, האָט אים געבראַכט אַ וואונדערבאַרען שכר. ווען מען האָט געדאַרפט וויילען די ערשטע כנסת אין מדינת ישראל, האָט די אגודת ישראל אויפגעשטעלט מאַזור׳ן אַלס איינעם פון אירע ערשטע קאַנדידאַטען. ער איז געוויילט געוואָרען. און ער האָט זוכה געווען ווידער צו זיין אַ געטרייער שליח־ציבור פון אָרטאָדאָקסישען אידענטום און תורה־אינטערעסען אויף דער כנסת־טריבונע. שפּעטער איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס מיטגליד פון עקאָנאָמישען ראַט ביים אָפיס פון ראש הממשלה.

ער איז געשטאָרבען „זקן ושבע ימים" און איבערגעלאָזט די טראַדיציע פון עסקנות ביים פוילישען רעליגיעזען ציבור און איר אַלטער גלאָריע.

2.

אַ גאַנץ אַנדערע געזעלשאַפטליכע קאַריערע האָט געהאַט ר׳ מאיר שמעון רייכמאַן. ביי אים קען מען זאָגען, אַז „הורתו ולידתו" איז געווען אין דער אגודת ישראל.

נאָך זייענדיג גאַר יונג האָט ער געאַרבעט אין „צעירי אגודת ישראל" פון לאָדזש און דאַן אין דער פוילישער צענטראַלע פון דער באַוועגונג. שווער איבערצוגעבען וואָס דאָס האָט געהייסען. „צעירי אגודת ישראל" אין די פוילישע שטעט איז געווען דער סאַמע קוואַל פון ציבור־לעבען. שיעורים, פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטען — ממש דאָס פולסירענדע לעבען אַליין. מאיר שמעון רייכמאַן האָט אין לאָדזש זיך אַנגעשלאָסען אין אַ

ד"ר מאיר שמעון רייכמאן ז"ל

גרופּע יונגע אַגודיסטען, וואָס האָט סיסטעמאַטיש איבערגעבויט דאָס אידישע לאָדזש און געמאַכט פון אידישען ציבור אין דער דאָזיגער שטאָט די שטאַרקסטע אַגודיסטישע פעסטונג אין פּוילען.

רייכמאַן האָט שטודירט אַלס יוריסט און איז געוואָרען איינער פון די געציילטע פרומע אַדוואָקאַטען (לאַיערס). דערביי האָט ער געהאַט זיינע שיעורים און איז געווען פון די שענסטע בעלי־בתים אין לאָדזש.

ווען די אגודת ישראל אין לאָדזש האָט אין יאָר 1934 אויפגעשטעלט איר קאַנדידאַטען־ליסטע צום לאָדזשער שטאָט־ראָט, איז מאיר שמעון רייכמאַן געוויילט געוואָרען אַלס ראַטמאַן. ער איז באַלד באַקאַנט געוואָרען אַלס מוטיגער קעמפער פאַר די אידישע אינטערעסען. לאָדזש האָט געהאַט די שטאַרקסטע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי אין פאַר־מלחמה׳־דיגען פּוילען. צו זיין אַ אידישער ראַטמאַן אין לאָדזש האָט געמיינט ממש אַ פּערזענליכע סכנה. מען האָט נישט נאָר געדאַרפט אויסהערען די גיפטיגסטע אַנטיסעמיטישע רעדעס פון די שונאי־ישראל, וועלכע האָבען געהעצט צו פאַרניכטען אַלע אידען, נאָר עס האָט תמיד געדראָט צו ווערען פּערזענליך אַטאַקירט. דער שרייבער פון די שורות האָט דאָך אויך מיטגעמאַכט, זייענדיג אַ אידישער פאַרטרעטער אין לאָדזשער שטאָט־ראָט אין די שפּעטערדיגע קאַדענצען. דר. רייכמאַן האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרלוירען און געווען פול מיט קוראַזש. ער איז געוואָרען זייער באַליבט און פּאָפּולער אין שטאָט.

אַלס היסטאָריש מאַטעריאַל וויל איך דאָ פאַרעפענטליכען אַן אויפרוף „צו דער אידישער יוגענט אין לאָדזש״, וועלכער שטאַמט פון יענע יאָרען:

> אין אַן אחריות׳פולער שעה פאַרן אידישען פאָלק, אין אַ צייט ווען פאַר דער אידישער יוגענט שטייען גרויסע און היסטאָרישע אויפגאַבען פון פאַר־טיידיגונג און קאַמף, פון שאַפען און בויען, אַ צייט, ווען אַלע געגנערישע פאַרטייען באַמיען זיך צו דעזאָריענטירען דעם יונגען רעליגיעזען מענטש כדי אומבאַוואוסטזיניג אים אַרונטערצונעמען אונטער זייער העגעמאָניע:
>
> אין אַ צייט, ווען עס איז דרינגענד נויטיג אַ געמיינזאַמער פראָנט פון דער גאַנצער רעליגיעזער יוגענט, צוזאַמען צו בויען אַ אידיש־רעליגיעזען עתיד אין גלות ווי אויך אין הייליגען לאַנד:
>
> אין אַזאַ צייט קומען מיר צו אייך, צעירים אין לאָדזש, מיט דעם רוף פאַראייניגט אייך אונטער דער פאָן פון צעירי אגודת ישראל!
>
> „צעירי אגודת ישראל״ איז דער אַוואַנגאַרד פון ישראל סבא, פון דעם מקורות׳דיגען אידענטום.

„צעירי אגודת ישראל" גאַראַנטירט אַ קאָנסעקוועטע און אויסגעהאַלטענעם עתיד, וואָס וועט מיט זיין גאַנצן פייער פון התלהבות פאַרטיידיקן אונזערע הייליגע אידעען ביז צו אַן ענדגילטיקן נצחון.
„צעירי אגודת ישראל" קעמפט קעגן דער גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט פון אונזער יוגענט, שאַפט אַ היים און אַ חבר'ישע סביבה, אַ דערציאונגס־שול, וואו ער באַקומט גייסטיקע השלמה אַלס געטרייער איד.
„צעירי אגודת ישראל" באַטייליקט זיך אַקטיוו אינ'ם אויפבוי פון אונזער הייליק לאַנד, שיקט אירע חברים אויף הכשרה און גרייט זיי עולה צו זיין אַלס די ערשטע פּיאָנערען און קעמפער פאַר אַ תורה'דיק ארץ־ישראל.
„צעירי אגודת ישראל" אין אונזער שטאָט איז לעצטענס רעאָרגאַניזירט געוואָרען און האָט הינטער זיך אַ רייכען בילאַנס פון אַ גייסטיקער טעטיקייט דורך רעפעראַטען, שיעורים, מסיבות א.ד.גל. אָבער זי שטעלט זיך נאָך דאָפּעלטע אויפגאַבען. מיר גרייטען צו אַ ברייט־פאַרצווייגטען אַרבעט־פּלאַן אויף ווייטער. דעריבער האָבען מיר פּראָקלאַמירט דעם חודש אלול אַלס פּראָפּאַגאַנדע־חודש צו ווערבירען חברים פאַר „צעירי אגודת ישראל".

אונטערגעשריבען אויפן דאָזיגען אויפרוף איז די „ועדת התעמולה שאצל הסתדרות צעירי אגודת ישראל בלודז", מיט אַ גלייכצייטיגער מודעה, אַז זונטאָג פ' שופטים, פונקט 7 אין אָוונט, קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, צעגעלניאַנאַ־גאַס 22, אַ גרויסער אָרטאָדאָקסישער יוגענט־מיטינג, וואו עס וועט רעפערירען ראַטמאַן אַדוואָקאַט מאיר רייכמאַן (צוזאַמען מיט אַנדערע פירער פון „אגודת ישראל", ווי רעדאַקטאָר אליעזר גרשון פרידענזאָן, דירעקטאָר נטע ירוחם בערלינער א.אַנד.).

דער דאָזיגער אויפרוף, פול מיט פייער און שוואונג, האָט זיכער געצויגען טויזענטער יונגע מענטשען פון לאָדזש. איך זע פאַר זיך אין גייסט דר. רייכמאַן אויף דער טריבונע, ווי ער האָט מיט הייליגער התלהבות גערופען די רעליגיעזע יוגענט פון לאָדזש צוצוגרייטן זיך עולה צו זיין „אַלס די ערשטע פּיאָנערען און קעמפער פאַר אַ תורה'דיק ארץ־ישראל".

דאָס איז געווען אין די דרייסיגער יאָרען, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער דינאַמישער אָראַטאָר מאיר שמעון רייכמאַן האָט זיכער באַוואויגען יונגע אַגודיסטען אין יענער צייט צו עליה אין הייליגען לאַנד און אפשר האָבען זיי אים צו פאַרדאַנקען זייער לעבען...

ער אַליין איז געשטאַנען אויף זיין פּאָזיציע אין „אגודת ישראל" אין לאָדזש ביז עס איז געקומען די היטלער־מגיפה. רייכמאַן איז אַרויס מיטן לעבען צוזאַמען מיט ווינציגע מענטשען און איז געקומען קיין ווילנע.

אין אַ שרעקליך קאַלטען יאַנואַר־טאָג פון יאָר 1940 האָט מען מיר דעמאָלט — איך בין שוין געווען אין ווילנע זייט איינינע טעג — איבער־געגעבען, אַז ערגיץ אין אַ שטוב געפינט זיך אַ איד און קוים וואָס ער לעבט, האַלב פאַרפרוירען, קען זיך נישט באַוועגען. איך בין אַוועק־געלאָפען און געפונען מאיר שמעון רייכמאַן אין אַ קאַטאַסטראָפאַלען צושטאַנד. אַ דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מען וועט ביי אים דאַרפען אַמפּוטירען אַ פאַרפרוירענעם פוס, ווייל ער איז געגאַנגען אין אַ שרעקליך געוויטער איבער דער רוסיש־ליטווישער גרעניץ און איז געפאַלען אין שניי. ער איז געלעגען אין פעלד אַ צייט לאַנג, ביז מען האָט אים דערזעען און צוגעטראָגען צו אַ שטוב אויף דער ליטווישער זייט פון גרעניץ.

אָבער השם־יתברך האָט געהאָלפען און רייכמאַן איז געזונט געוואָרען אָן אָפּשניידען אַ פוס. ער האָט זיך באַלד אין ווילנע גענומען צו אָרגאַניזירען די רעליגיעזע יוגענט. ער איז ווידער געוואָרען אַקטיוו, ווייל אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט עקסיזטירען. זיין לעבען איז געווען — אַקטיווע אַרבעט פאַר אגודת ישראל.

דאָס האָט זיך אויך געלאָזט דערקענען אין נעקסטען עטאַפּ פון זיין לעבען. פון ווילנע איז ער, דורך יאַפּאַן, געקומען קיין אַרגענטינע. דאָס איז געווען אין מיטען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דר. רייכמאַן האָט זיך גענומען צו מסחר, כדי צו פאַרדינען אויף פרנסה, ער האָט אויס־גענוצט זיין ידיעה אין פאַבריקאַציע לויטן נוסח לאָדזש. ער האָט שטאַרק מצליח געווען. אָבער בלויז „מאַכען ביזנעס" איז נישט געווען גענוג פאַר מאיר שמעון רייכמאַן. ער האָט אויפן אַרגענטינער באָדען גענומען בויען אידישקייט און אויפשטעלען אַן אגודת ישראל. צוזאַמען מיט ר' איסר מזל ע"ה האָט ער געאַרבעט פאַרן „היכל התורה". ער האָט אַוועקגעלייגט גרויסע כחות פאַרן „בית יעקב". איך האָב, ביי מיין באַזוך אין אַרגענטינע מיט בערך צוואַנציג יאָר צוריק, געזעען די גרויסע דערגרייכונגען פון דר. רייכמאַן אויפן געביט פון רעליגיעזען חינוך און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פאַר אגודת ישראל. דערביי האָט ער זיך דערוואָרבען געוואַלטיגען אָנזעען אין אַלע קרייזען.

אַבער אים האָט געצויגען קיין ארץ־ישראל. און אַזוי האָט ער, מיט אייניגע יאָר צוריק, איבערגעלאָזט אַלע שיינקייטען פון דרום־אַמעריקע און זיך באַזעצט אין תל־אביב. ער האָט דעמאָלט אַליין מקיים געווען דעם אויפרוף פון דער „ועדת התעמולה שאצל הסתדרות צעירי אגודת ישראל בלודז" און געוואָרען אַ „פיאָנער און קעמפער פאַר אַ תורה'דיג ארץ־ישראל". אין הייליגען לאַנד האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין אַלטער פראָפעסיע און איז געוואָרען אַן „עורך־דין". דערביי געווען אַ מגיד־שיעור, אַן עסקן אין שענסטען זין פון וואָרט. זייענדיג אַ גערער חסיד פון זיין קינדהייט אָן, האָט ער געפונען זיין פלאַץ אין דעם פרעכטיג אַנטוויקעלטען גערער חסידות אין מדינת ישראל.

אַ האַרץ האָט ער געהאַט ממש פון ריין גאָלד. ווער עס איז געווען אין נויט, האָט ביי אים געפונען הילף. צדקה בסתר איז געווען זיין אידעאַל.

ביז דאָס גאָלדענע, קרישטאָל־ריינע האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען. עס איז אַוועק אַ לאָדזשער אידישער פירער פון גרויסען פאַרנעם אין עולם העליון און מסתמא איז ער דאָרט ממשיך זיין פונקציע אַלס שליח־ציבור.

געשעענישען

בילד פון ישיבה אין לאַגער פעלדאַפינג (דייטשלאַנד) נאָך דער באַפרייאונג אויפ'ן נאָמען פון הרב לעווין זצ״ל.

זעכציג יאָר אגודת ישראל

1.

די געשיכטע פון אגודת ישראל וועט אַמאָל זיין אַ קלאַסישער דאָקומענט פון דעם עקזיסטענץ־קאַמף, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געפירט אין דער שווערסטער תקופה זינט דעם חורבן בית שני.

אויף דער דאָזיגער תקופה וועט מען באַנוצען, ווי אויף פיל אַנדערע אין דער אידישער געשיכטע, דאָס וואָרט פון דער תורה: „זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור, שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך" (דברים ל"ב, ז'). מיט רעכט וועט דאָס ווערען באַצויגען צו דער אגודת ישראל, ווייל אין דער גמרא (שבת כ"ג) לערנט ר' נחמי' אַרויס פון דאָזיגען פסוק, אַז מען דאַרף ביים צינדען די חנוכה־ליכט מאַכען אַ ברכה „וצונו להדליק נר של חנוכה". חז"ל פרעגען: „והיכן ציונו?" זאָגט ר' נחמי', אַז דער מקור פון „ציונו" איז דער פסוק „שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך". ווייזט אויס, אַז ווען אַמאָל זיינען די יונים אַריין אין היכל און האָבען מטמא געווען אַלע שמנים און בית חשמונאי האָט געקעמפט מיט די מתיוונים, איז אַרויס אַ פסק הלכה, אַז מען דאַרף צינדען די חנוכה־ליכט. דאָס איז אין דער בחינה פון „קדשנו במצותיו וצונו".

מיט זעכציג יאָר צוריק איז פאַרגעקומען, אַז די גדולי הדור האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין קאַטאָוויץ און אויסגעפונען, אַז עס איז נישט מער דאָ ווי איין „פך שמן", וואָס קען באַלייכטען דעם וועג פון אידישען פאָלק. דער „פך שמן" איז געווען די אגודת ישראל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם בריסקער רב ר' חיים סאָלאָווייטשיק, הגאון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי, דעם גערער רבי'ן ר' אברהם מרדכי אַלטער, דעם מינסקער גדול ר' אליעזר ראַבינאָוויטש, דעם טעלזער ראש־ישיבה ר' אליעזר גאָרדאָן, דעם גאון ר' יצחק אייזיק הלוי, מורנו ר' יעקב ראָזענהיים און אַנדערע וועג־ווייזער פון אידישען פאָלק.

זיי האָבען אויפגענומען דעם קאַמף מיט די מאָדערנע „מתיוונים" און געוויזען, ווי אַזוי מען קען מטהר זיין דאָס אידישע לעבען. זיי האָבען פאַרזיכערט די עקזיסטענץ פון אידענטום. און דעריבער וועט מען אויף דער געשיכטע פון אגודת ישראל זאָגען מיט רעכט: „זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור, שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך". פון דער דאָזיגער געשיכטע וועלען קומענדיגע דורות לערנען ווי אָנצוהאַלטען די אייביגע פלאַם פון אידישקייט.

2.

קוקענדיג היינט צוריק אויף די זעכציג יאָר פון אגודת ישראל, קענען מיר לייכט פעסטשטעלען, אַז איינע פון די הויפּט־זכויות, וואָס דאַרפען פאַרשריבען ווערען אויף איר חשבון, איז: אַז זי האָט געמאַכט דעם רעליגיעזען איד זעלבסטשטענדיג. זי האָט אים אַרויסגענומען פון די אפּוטרופּסות פון אַנדערע.

מיט זעכציג יאָר צוריק איז דער רעליגיעזער איד געווען ווי אַ מינדעריאָריג קינד, וואָס אַנדערע דאַרפען אים פירען ביי דער האַנט. דער רעליגיעזער ציבור איז געווען דער רוב פון אידישען פאָלק, אָבער די הנהגה איז געווען אין די הענט פון אַנדערע, פון נישט־רעליגיעזען מיעוט. ווען מען האָט געדאַרפט שיקען אידישע פאַרטרעטער אין די פאַר־לאַמענטען, אין די מוניציפּאַלע קערפּערשאַפטען, אַלס פאַרטרעטער פון אידען לגבי דער נישט־אידישער וועלט, זיינען אין איבערוויגענדען רוב נישט־רעליגיעזע אידען געווען די שליחים פון כלל־ישראל. אפילו אין די אידישע קהילות זיינען די פירער געווען אַ סך מאָל נישט־רעליגיעזע מענשען. עפּעס אַ מאָדנע מינדערווערטיגקייטס־געפיל האָט געהערשט ביי די אָרטאָדאָקסישע מאַסען, קען מען אָנפאַרטרויען אַ רעליגיעזען עסקן, אַז ער זאָל זיין מיטגליד אין „רייכסראַט" אין ווין אָדער אין דער „דומע" אין פּעטערבורג? די גדולי התורה האָבען דאָס געזעען און באַדויערט. טיילמאָל, אין גאָר זעלטענע פאַלן, איז איינער פון די גדולים אַליין, ווי נחשון בן עמינדב אין זיין צייט, אַריינגעשפּרונגען אין ים פון דער פּאָליטיק. אַזוי איז דער קראָקעווער רב, רבי שמעון סופר, געוואָרען אַן „אַבגעאָרדענטער" אין עסטרייכישען פּאַרלאַמענט. אָבער דאָס זיינען

געוועז אויסנאַמס־פאַלען. די פרייע עלעמענטען האָבען פאַרנומען די מזרח־וואַנט אין דער אידישער וועלט.

איז געקומען די אגודת ישראל און האָט דאָס געענדערט. ביים רעליגיעזען איד האָט זיך אויפגעוועקט דאָס געפיל פון זעלבסט־ווירדע. ניין, נישט נאָר מען קען אָנפאַרטרויען אַ רעליגיעזען איד, אַז ער זאָל פאַרטרעטען דעם כלל־ישראל כלפי חוץ, נאָר מען דאַרף אַזוי טאָן! דאָס האָט געלערנט די אגודת ישראל און דאָס האָט זיך באַלד טיף איינגע־וואַרצעלט אין די אידישע מאַסען. ווען עס זיינען געקומען וואַלען צו די פאַרלאַמענטען אין פאַרשיידענע לענדער נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען רעליגיעזע אידען דאָרט אַריין מיט שטורם: אין פוילען איז עס געוועזען הרב פערלמוטער פון וואַרשע, הרב האַלפערן פון לאָדזש, מיין פאָטער דערריישער רב, הרב שפירא פון לובלין, ר׳ אלי׳ קירשברוין, ר׳ לייבל מינצבערג, ר׳ אשר מענדעלסאָן, ר׳ יעקב טראָקענהיים און אַ סך אַנדערע, וואָס זיינען געזעסען אין סיים און סענאַט און געבראַכט כבוד דעם כלל ישראל. אין ליטע איז דער פאָנעוועזשער רב, הרב כהנעמאַן, געוועזען דער אידישער פאַרטרעטער אין סיים. אין רומעניע — הרב צירלזאָן פון קישינעוו. אין לעטלאַנד ר׳ מרדכי דובין. אַלע זיינען זיי געגאַנגען צו די וואַלען אונטערן דגל פון אגודת ישראל — און געוויזען, אַז זיי קענען פונקט אַזוי — און אפשר בעסער — פאַר־טרעטען אַלע אינטערעסען פון כלל ישראל. אין די מוניציפּאַליטעטען איז אויך אַזוי געווען, און די אידישע קהילות זיינען אַריין אין די הענט פון רעליגיעזע פירער.

מען קען זאָגן, אַז די אגודת ישראל האָט דאָ גענומען אַ מוסר פון אַ תפילה אין הייליגסטען טאָג פון יאָר, אין יום־כיפּור. נאָענט צו ווידוי, ווען אידען דערגרייכען איינעם פון די געהויבענסטע מאָמענטען אין דער תפילה, זאָגען זיי „אלקינו ואלקי אבותינו, סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו, כי אנו עמך ואתה אלקינו, אנו בניך ואתה אבינו, אנו עבדיך ואתה אדוננו, אנו קהליך ואתה חלקנו...״ פרעגט זיך אַ פראַגע: וואָס מיינט דער אויסדרוק „ואתה חלקנו״? מילא, עס איז פאַרשטענדליך, ווען מען זאָגט ביי „אנו עמך״ — „אתה אלקינו״, אָדער ביי „אנו בניך״ — „אתה אבינו״, אָדער ביי „אנו עבדיך״ — „אתה אדונינו״, אָבער ביי „אנו קהליך״ — וואָס איז דער פשט פון „אתה חלקנו״?

דאַכט זיך אַז דאָ ליגט אַ טיפער געדאַנק, וואָס די אגודת ישראל האָט

אים פאַרווירקליכט אין לעבען. ווען עס איז דאָ אַ „קהל״, אַ ציבור, און ער דאַרף האָבען אַ פירער, דאַרף דער דאָזיגער פירער נישט זיין קיין פרעמדער. ניין, ער מוז זיין „חלקנו״ פון „קהל״. דער רעליגיעזער ציבור דאַרף האָבען אַ מנהיג משלו, „מקרב אחיך״ תשים עליך מלך!

אָט דעם מוסר־השכל האָט אגודת ישראל געגעבען דעם כלל ישראל און זי האָט דאָס פאַרווירקליכט אין די זעכציג יאָר פון איר עקזיסטענץ.

3.

אַ צווייטען מוסר האָט אגודת ישראל געלערנט דעם אידישען פאָלק — אַז די אַנטשיידונג אין אַלע פראַגען, וואָס שטייען אויפן סדר היום, געהערט צו דער תורה. אונזער ציבור קען נאָר דאַמאָלס זיין זיכער, אַז ער ווערט ריכטיג געפירט, אויב די וועגווייזער זיינען גדולי התורה.

אָט דער דאָזיגער יסוד איז געווען שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט ביז צום באַווייזען זיך פון דער אגודת ישראל אין דער אידישער גאַס. אויב מען האָט רעספעקטירט די תורה־אויטאָריטעטען, איז עס געווען אַלס מענשען, אַלס יחידים. אָבער די תורה אַלס אינסטאַנץ איז נישט געווען אַנערקענט. ערשט די אגודת ישראל האָט געשאַפען אַ תורה־אינסטאַנץ אין דער „מועצת גדולי התורה״, וועלכע האָט דאָס אַנטשיידענע וואָרט אין אַלע ענינים.

במשך זעכציג יאָר האָט די אגודת ישראל מקדש השם געווען דורכן ווייזען דער גאַנצער וועלט, אַז אַ תורה־אינסטאַנץ דאַרף דיקטירען דעם וועג פון כלל ישראל. ווער געדענקט נישט, ווי גאַנץ ישראל האָט געוואַרט מיט דער גרעסטער שפאַנונג אויף אַ באַשלוס פון מועצת גדולי התורה, צי קען די אגודת ישראל נעמען אַנטייל אין דער רעגירונג פון ישראל? ווער געדענקט נישט דעם קידוש השם, ווען דער מיניסטער מצד אגודת ישראל, הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין זצ״ל, האָט אַנידערגעלייגט זיין מאַנדאַט אין דער רעגירונג, ווייל די מועצת גדולי התורה האָט אַזוי געהייסען? איז נאָך געווען אַזאַ עפענטליכער דרך־ארץ פאַר דער תורה אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע? היינט, ווען מען רעדט אַזויפיל וועגען דעם, אַז רעליגיעזע אידען טאָרען נישט פאַרבלייבען אין דער רעגירונג, ווייל עס איז געגען אַ פסק פון רבנות הראשית (אָדער „חוות

דעת״ פון גדולי תורה!), קען מען גוט פאַרשטיין דעם העראָאיזם פון אַ מנהיג ישראל, ווען מען האָט נישט געדאַרפט זאָגן אַ צווייטן מאָל, אַז ער דאַרף אַוועקגיין פון דער רעגירונג; אַן איבערקלערען, אָן באַטראַכטען די קאָנסעקווענצען — איז ער אַוועק און אָנגעשריבען זיין דעמיסיע־בריוו!

מיר דוכט זיך ווידער, אַז דאָ האָט די אגודת ישראל פאַרטייטשט אַ פסוק פון דער תורה און געגעבען צו פאַרשטיין אַ פשט אין רש״י. אין פרשת חוקת ווערט דערציילט וועגען דעם חטא פון משה ואהרן, וועלכע האָבען געשלאָגען דעם סלע, אַנשטאָט צו אים צו רעדען. דערביי ווערט געזאָגט: „יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בני ישראל״. און רש״י זאָגט: „אילו דברתם אל הסלע והוציא, הייתי מקודש לעיני העדה ואומרים, מה זה שאינו מדבר ואינו שומע ואינו צריך לפרנסה לקיים דבורו של אלקים — קל וחומר אנו״. פרעגט זיך, אַז מען שלאָגט אַ סלע און ער גיט אַרויס וואַסער — איז עס נישט אַ קידוש השם? ווער נאָך קען דאָס באַווייזען? די גאַנצע מאָדערנע טעכניק, מיט אַלע אירע קונצען, האָט דאָך נישט באַוויזען אַרויסצוברענגען וואַסער פון אַ סלע. אפילו נישט מיט קיין אַטאָם־באָמבע קען מען אַרויסנעמען וואַסער פון אַ שטיין. טאָ וואָס איז דער קידוש השם געווען קלענער דאַמאָלס, ווען משה ואהרן האָבען געשלאָגען דעם סלע?

אָבער דער מוסר־השכל איז אַ טאָפּעלטער. ערשטענס: אַז מיט שלאָגען קומט קיינמאָל נישט פאָר אַ קידוש־השם. און צווייטענס: אַז ביי אידען דאַרף אַנטשיידען דער קול, די שטימע פון דער תורה און פון די גדולי התורה. משה ואהרן — דאָס איז געווען די ערשטע מועצת גדולי התורה. זייער שטימע איז געווען דער אַנטשיידענער פאַקטאָר. אויב זיי וואָלטען געווען גערעדט צו אַ שטיין און ער וואָלט דאָך געווען געפאָלגט — דאַן וואָלט דאָס אידישע פאָלק, במשך אַלע דורות, געווען געוואוסט, אַז די שטימע פון די גדולי התורה דאַרף מכריע זיין אין אַלע ענינים.

אָט דעם פּרינציפּ האָט אגודת ישראל פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט. במשך זעכציג יאָר האָט פון די אגודיסטישע כנסיות געשאָלט הויך דאָס וואָרט: „משה ידבר!״ משה — די מועצת גדולי התורה — זאָל רעדען! נישט געווען קיין איין מאָמענט, ווען די אגודת ישראל זאָל האָבען געצווייפעלט אין דער ריכטיגקייט פון דעם פּרינציפּ. אָן אַפּנויגונגען איז זי געגאַנגען אין דעם וועג.

4.

האָט אָבער די אגודת ישראל במשך זעכציג יאָר פון איר עקסיזטענץ תמיד געוויזען דעם וועג דעם אידישען פאָלק?

מוז מען זאָגען, אַז עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען די אגודת ישראל האָט נישט אויסגעפירט איר הייליגע שליחות. עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען מען האָט נישט געהערט איר שטימע. און דעריבער איז זי געוואָרען קריטיזירט. טיילמאָל איז די קריטיק געווען אומבאַרעכטיגט, אָבער טיילמאָל איז זי געווען באַרעכטיגט.

מיר ווילען עס איצט, ביים זעכציג־יאָריגען יובל פון דער באַוועגונג, פאַרענטפערן מיט אַ וואָרט פון מיין פאָטער, דער ריישער רב זצ״ל, וועלכער האָט אַליין פאַרנומען איינע פון די העכסטע פאָזיציעס אין דער אַלוועלטליכער אגודת ישראל, אָנהויבענדיג פון דער ערשטער כנסי׳ גדולה, און אין דער פוילישער אגודת ישראל נאָך פריער.

עס שטייט אין דער תורה: „ויהי כי זקן יצחק ותכהינה עיניו מראות״. זאָגט דער מדרש אויף דעם: „מאי מראות? מכח אותה ראי׳ שעקד אברהם אבינו את יצחק בנו על גבי המזבח, תלה עיניו במרום והביט בשכינה, וכיון שהזקין כהו עיניו״. האָט עס מיין פאָטער דערקלערט אַזוי: עס זיינען פאַראַן גרויסע, הייליגע מענשען, וואָס קוקען כסדר אין דער שכינה. זייערע אויגען זיינען אַזוי פאַרקוקט אין דער שכינה, אַז זיי דערזעען גאָר נישט די נידעריגקייטען פון דער וועלט. יצחק׳ס הייליגע אויגען האָבען דעריבער נישט געזעען די פאַרשטעלטקייט פון עשו׳ן, וועלכער האָט באַהאַלטען זיינע אמת׳דיגע כאַראַקטערצוגען אונטערן דעק־מאַנטעל פון יראה. „ותכהינה עיניו״... פאַרוואָס? ווייל: „תלה עיניו במרום והביט בשכינה״...

איך וויל דאָס אָנווענדען אויף דער אגודת ישראל. אויך זי, די הייליגע באַוועגונג פון ר׳ יעקב ראָזענהיים און ר׳ יצחק אייזיק הלוי, פון די גאוני וצדיקי הדור, קוקט טיילמאָל נאָר אין דער שכינה. במשך זעכציג יאָר האָט זי געקוקט אין דער שכינה, זי האָט געווען „תולה עיני׳ במרום והביטה בשכינה״. דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואָס טיילמאָל האָט זי נישט דערזעען די רמאות פון עשו׳ן. טיילמאָל האָט זי נישט געלאָזט הערען איר שטימע, ווען מען האָט זי דוקא געדאַרפט הערען. אָבער די

סיבה איז געווען, ווייל — זי האָט תולה געווען „עיני׳ במרום״ און „הביטה בשכינה״!

אויב מען פאַרשטייט דאָס — איז עס נישט קיין גנאי, נאָר אַ שבח פאַר דער אגודת ישראל. די ברכה פון יצחק׳ן איז סוף־סוף, טראָץ דעם „ותכהינה עיניו מראות״, אָנגעקומען אויפן ריכטיגען אַדרעס — צו יעקב׳ן.

אויך די ברכה פון דער אגודת ישראל איז במשך זעכציג יאָר, פון תרע״ב ביז צום היינטיגען טאָג, אָנגעקומען צום אידישען פאָלק.

לגיונו של מלך

עשר שנים עברו מיום שנתאספה הכנסיה הגדולה הרביעית — ושוב אנו נמצאים בירושלים עיר הקודש ופותחים את הכנסיה הגדולה החמישית.

„כדאי היא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו", נאמר על מטה לוי במדבר סיני. אגודת ישראל, מיום הוסדה בקטוביץ לפני חמשים ושתים שנה, עד היום הזה, היא בבחינת לגיון של מלך מלכי המלכים שנמנה לבדו ושהופקד על משכן העדות ועל כל כליו ועל כל אשר לו (במדבר א׳, מ"ח־נ׳).

עכשיו זו הפעם החמישית שאגודת ישראל, הלגיון של מלך, נקראת לספירה. ובהזדמנות זאת, לפי דברי רבי אלעזר בן עזרי׳, „בכיה ושירה יש כאן". בודאי כן הוא. בכל ספירה יש, קודם כל, בכיה. אנו רואים מי חסר. מי שהשתתף בכנסיות הקודמות מחפש כאן את רועי ישראל שהיו נוכחים בווינא בתרפ"ג ותרפ"ט, במרינבד בתרצ"ז וגם בירושלים בתשי"ד. אנו מחפשים את מנהיגינו, ארזי הלבנון ואדירי התורה, שעזבו אותנו כי לקח אותם אלקים. אבל לא רק את מנהיגינו אלה אין אנו מוצאים כאן. איפה הוא הציבור החרדי הגדול שבשמו באו צירי שלש הכנסיות הגדולות הראשונות? איפה הן רבבות אלפי ישראל שבאירופה? איפה הם יהודי פולין, ליטא, רומניה ולטביה, סלובקיה ואוסטריה? ברגע זה, כשמחשבותינו פונות אליהם, אל הקדושים שעלו על המוקד בזמן השואה, אנו בוכים. דמעות יורדות מעינינו, כי עולם חשך בעדינו. „פלגי מים תרד עיני על שבר בת עמי, עיני נגרה ולא תדמה מאין הפוגות" (איכה ג׳).

בחיבה ובהערצה מיוחדת אנו חושבים כעת גם על איש אחד, שאמנם בחמלת ד׳ עלינו ניצל מהשואה ושאיננו אתנו בכנסיה הגדולה החמישית, רק בשביל מצב בריאותו הרופף, הגם שעמד בראש כל הכנסיות הגדולות הקודמות — הוא מורנו הרב ר׳ יעקב רוזנהיים, האדריכל הנפלא של אגודת ישראל שנשא אותה על שכמו משך שנים רבות כאשר ישא האומן את היונק. ואנו שולחים לו את ברכתנו הלבבית שד׳ יחדש כנשר נעוריו

ועוד נזכה לראותו פעיל ועומד בראש אגודת ישראל עד ביאת הגואל — אכי״ר.

יחד עם הבכיה על העדר מנהיגינו שהיו אתנו בכנסיות הגדולות הקודמות ועל אבדן קדושינו שנהרגו על ידי עם עמורה בזמן השואה האחרונה — יש גם שירה כאן.

בכנסיה הגדולה החמישית, שאנו פותחים אותה עתה, יישמע קול של שירת היהדות החרדית העולמית המאורגנת באגודת ישראל, קול של גבורה, קול של חיים תוססים, קול של ישיבות העוסקות בתורת ד׳ יומם ולילה, קול של מחנות נוער, צעירי ופרחי אגודת ישראל, העומדים הכן לקדש שם שמים, קול של פועלים הנאמנים לד׳ — סימפוניה נפלאה ונהדרה, שאולי התכוון לה רבי יהודה הלוי ב„כוזרי״ (מאמר ב׳ סימן ע) כשאמר ש„הנגונים אינם צריכים אל המשקל בדבור״ כי „יכולים לנגן בהודו לד׳ כי טוב בנגון לעושה נפלאות גדולות״. כן, בשירת אגודת ישראל אפשר לנגן את „הודו לה׳ כי טוב״ — בנגון של „לעושה נפלאות גדולות״! כי אם ד׳ הראה לנו נפלאות גדולות והקים אותנו, אחרי החורבן האחרון, ובנה את ביתנו והאיר את אור התורה מחדש — נוכל לשיר באותו הנגון „הודו לד׳ כי טוב״!

אני מדבר בשם הסניף האמריקאי של אגודת ישראל העולמית וחושבני שמיליוני יהודי אמריקה מדברים מתוך גרוני כשאני מביא לידי ביטוי את שמחתנו לרגלי העליה הנפלאה של יהדות התורה על אדמת אמריקה. עשרות של מוסדי התורה וישיבות גבוהות נבנו באמריקה בשנים האחרונות. התורה שגלתה מאירופה מצאה קן לה גם באמריקה. אחרי מרכזי התורה בבבל, בספרד, בצרפת, באשכנז, בפולין, בליטא, ברוסיה, הגיע התור על אמריקה שגם בה יקום מרכז תורני. מאות ואלפי בנים ובנות ישראל מקבלים כיום חינוך תורני באמריקה. מספרם עולה מידי שנה בשנה. אמנם, מספר גדול מאד של יהודי אמריקה לא זכה עוד לאור התורה, אבל מה שנעשה בשדה החינוך באמריקה בשנים האחרונות, ההתקדמות הגדולה במצב ובמספר הישיבות, מוסדות „בית יעקב״ וכדומה, — כל זה ממלא אותנו בבטחון שבקרוב ישתנה עוד יותר לטובה היחס והפרופורצי׳ בין יהדות התורה ויהדות החופשית באמריקה.

בדברי בשם הסניף האמריקאי של אגודת ישראל העולמית אינני יכול להתאפק מלהביע את רגשי לבבינו בגלל העדרה של יהדות רוסיה בכנסיה גדולה זו. אנו יודעים שעוד ישנם בארץ זו רבבות יהודים חרדים על דבר

ד׳. עוד מרננים במוסקבה ובהמון ערים אחרות שברוסיה לקל חי, עוד צמאים שם לדבר ד׳ אלפי ישראל שברוח הם גם מיוצגים בכנסי׳ הגדולה החמישית. אשתקד, כשאגודת ישראל העולמית קראה לועידה של רבני ומנהיגי הקיבוצים היהודיים באירופה, והתאספנו בציריך — שלח לנו הרב הראשי של מוסקבה ברכה חמה לועידתנו. אנו מתפללים לד׳ שנוכל עוד להדק את הקשר שבין אגודת ישראל העולמית ובין יהדות רוסיה ושנזכה לראות בהצלתה בקרוב.

הכנסיה הגדולה החמישית מתאספת בארץ ישראל. זאת היא הפעם השניה שהכנסי׳ הגדולה נקראה לירושלים עיר הקודש. וזה הסימן הכי מובהק שהיהדות החרדית העולמית היא אתכם, אחינו שבארץ הקודש ובמדינת ישראל! באנו הנה — כדי לחזק את ידיכם במאבקכם למען הרמת קרן התורה ולמען בסס את המדינה על דתנו.

אנו יודעים שבארצנו הקדושה עלה כחה של היהדות החרדית בכלל ושל אגודת ישראל בפרט. אנו יודעים שמוסדות התורה כאן מתרבים, ברוך השם, והשפעתם הולכת וגדלה. אבל יחד עם זה יודעים אנו גם על הנסיון הגדול שד׳ מנסה אתכם. אם בחסד ד׳ עלינו זכינו, אחרי החורבן הנורא של מלחמת עולם השניה, אחרי אבדן של ששת מיליונים יהודים בכבשונות של אוישוויץ, טרבלינקה, בלזץ, דאכוי ומיידנק, קמה מדינת ישראל עם ממשלה יהודית, עם שלטון יהודי, — אפשר היה לקוות שרוח ד׳ תפעם את הממשלה הזאת, שהיא תקדש את ד׳ בבנותה את המדינה על היסוד האיתן והאמיץ של התורה. ולא רק הממשלה — אלא כל העם השוכן בציון צריך היה להכיר שעל אדמת הקודש יכולה להתקיים רק מדינת הקודש.

לצערנו, לא כן הוא. מאבק עצום נמשך במשך כל זמן קיומה של מדינת ישראל על צביונה. היהדות החרדית בכלל ואגודת ישראל בפרט נלחמת בלי הרף שהתורה תהיה החוקה של מדינת ישראל ושכל העולם יראה כי שם ד׳ נקרא עליה. במאבק זה אגודת ישראל העולמית היא אתכם. נוכחותנו כאן בפעם שנית, בכנסי׳ הגדולה החמישית כברביעית, היא סימן שאין כח בעולם שיפריד בינינו ובין היהודים החרדים על דבר ד׳ במדינת ישראל. אנו חזית אחת: ירושלים, ניו יורק ולונדון. אנו מרגישים בניו יורק ובלונדון כל דבר, כקטן כגדול, שנעשה בירושלים.

ואליכם, אחינו בישראל שאינכם עוד במחנה אגודת ישראל ולא במחנה החרדי בכלל, אלא שאתם נלחמים אתנו כשאנו דורשים את שלטון

התורה במדינה — אנו מושיטים את ידינו לשלום. אנו קוראים לכם שתשובו למקור ישראל.

יש דבר נפלא שאמר אותו המגיד הקדוש מקוזניץ, זכרונו לברכה, הוא באר את הגמרא בחולין צ״א שעוסקת במלחמת יעקב עם אותו האיש שנאבק אתו „עד עלות השחר״ (בראשית ל״ב). ואומרת הגמרא כאשר אמר לו האיש: „שלחני כי עלה השחר״ — אמר לו יעקב: „גנב אתה או קוביוסטוס אתה שמתיירא מן השחר?״ — אז אמר לו: „מלאך אני ומיום שנבראתי לא הגיע זמני לומר שירה עד עכשיו״.

והמגיד מקוזיניץ מבאר מהו ענין השירה של מלאך שנלחם עם יעקב אבינו. כי „תכלית בריאת יצר הרע בעולם שיסית את האדם לחטא — והאדם ילחם כנגדו ולא ישמע לעצתו״. התכלית היא — שלא ינצח המסית אלא שהוא ינוצח. אז — כשהוא מנוצח — הוא אומר שירה. אז הוא „פעל להשלים האדם״. מיום בריאת שמים — אומר הלאה המגיד מקוזיניץ — לא נמצא איש כיעקב הולך תמים ויושב אהלים שילחם עם יצר הרע ויאבק עמו ויוכל לו. לכן הכיר היצר הרע שאחרי המלחמה עם יעקב, כאשר היצר הרע נוצח במלחמה, תגיע זמנו לומר שירה!

ואותו הדבר נאמר ליהודים שנלחמים אתנו. דעו שמעולם לא היה עוד ארגון כאגודת ישראל שילחם למענכם בתום לבבו, למען קדושת השם יתברך. מעולם לא היה עוד ארגון כאגודת ישראל שגדולי התורה עמדו בראשו והוא מוכן למסור את נפשו על ערקתא דמסאנא שתיפקד עליו. אם אתם נלחמים עם אגודת ישראל — מילא, יהי לכם אשר לכם, אבל בסופה של מלחמה זו תצטרכו לומר שירה כאשר תנוצחו, כאשר „יעלה השחר״, כאשר יתרומם קרן התורה וקרן אגודת ישראל. לא רק אנו, אלא גם אתם תאמרו אז שירה!

ומי יתן שנזכה לרגע זה במהרה בימינו אמן.

(נאום בפתיחת הכנסי׳ הגדולה החמישית בירושלים, תשכ״ה)

צעהן יאָר נאָכ'ן וואַרשאווער געטאָ־אויפשטאַנד

צעהן יאָהר זיינען פאַרביי זינט אַ קליין הייפעל פון געפייניגטע, פאַר־פאָלגטע און אונטערדריקטע אידען האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פון אויפשטאַנד געגען די נאַצי מערדער, וואָס זיינען דאַמאָלס געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון זייער מיליטערישער מאַכט. אָהן יעדער אויסזיכט אויף אַ נצחון איז די גרופּע געטאָ־מערטירער צוגעטראָטען צום קאַמף. קיינער פון זיי האָט אפילו נישט געקענט חלומ'ען דערפון, אַז עס וועט זיך איינגעבען צו ברעכען דעם שונא.

היינט, צעהן יאָהר נאָך דעם געשעעניש, שטייען מיר מיט טיפסטער באַוואונדערונג און דרך־ארץ לגבי דער אומפאַרגלייכליכער גבורת־הנפש פון די וואַרשאווער געטאָ־קעמפער. די וועלט, וואָס האָט מיט צעהן יאָר צוריק קוים דערהערט דאָס געשריי פון דער וואַרשאווער געטאָ, הויבט אייגענטליך ערשט אַן איצט צו באַנעמען די גרויסקייט פון דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין וואַרשא אין חודש אפּריל, 1943. דאַמאָלס האָט די וועלט, ליידער, גלייכגילטיג צוגעקוקט צום אויסמאָרדען פון מיליאָנען אומשולדיגע אידען. היינט האָט זי פאַר זיך דעם טעסטאַמענט פון די מערטירער, וועלכען זי דאַרף ענדליך פאַרשטיין. און אויך מיר, די פאַר־בליבענע ברידער און שוועסטער פון די אומגעקומענע, וועלכע לעבען נאָך ווי אין אַ טראַנס, וועלכע זעהען פאַר זיך כסדר אין גייסט אונזערע אַוועקגעריסענע ליבסטע און טייערסטע, האָבען אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַ חשבון־הנפש.

וואָס דאַרף די וועלט לערנען פון וואַרשאווער געטאָ־אויפשטאַנד?

די וועלט מוז שוין אַמאָל צוקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אידען זיינען נישט הפקר, אַז אידיש בלוט קען נישט מעהר פאַרגאָסן ווערען אין שטראָמען בלויז דערפאַר ווייל עס איז אידיש בלוט! ניין, נישט קוקענדיק דאַרויף, ווי שטאַרק אַ רעגירונג זאָל זיך פיהלען, מוז דאָך אַמאָל אָנער־קענט ווערען, אַז יעדער מענטש האָט אַ רעכט צו לעבען! אָט אין דער

באַציאונג קען מען באַטראַכטען דעם וואַרשאווער געטאָ־אויפשטאַנד ווי אַן אויפרייס פון דער אַטאָם־באָמבע פון מענשליכען געוויסען. שטאַרק און מעכטיג איז געווען די נאַצי־דיקטאַטור, אָבער זי האָט דאָך געפּלאַצט אונטער׳ן דרוק, וואָס איז געגען איהר מאָביליזירט געוואָרען דורך דער גאַנצער פרייער וועלט. דאָס איז אַ מוסר־השכל פאַר יעדער אַנדערער דיקטאַטור, וואָס זאָגט „אני ואפסי עוד״, ווי דאָס אַמאָליגע אשור, בבל, רוים, אָדער ווי היטלער־דייטשלאַנד אין אונזער צייט. די וואַרשאווער געטאָ־העלדען שרייען מיט אַ מעכטיג קול אין זייער טעסטאַמענט צו דער וועלט: הענד אַוועק פון די אידען! לאָזט זיי צו רוה, מעהרט נישט קיין אומשולדיגע קרבנות דורך מאָרד, טעראָר, שקלאַפען־אַרבייט צי דעפּאָר־טאַציעס! עס וועט זיך מעהר נישט איינגעבען קיין אוישוויץ, מאַידאַנעק אָדער טרעבלינקא! ניין, מיליאָנען אידען וועלען מעהר נישט אונטערגיין ווייל עס וועט זיך אַזוי פאַרגלוסטען אַ דיקטאַטאָר, אָהן אונטערשייד צי דער דיקטאַטאָר געפינט זיך אין מערב אָדער אין מזרח, צי ער זיצט אין בערלין אָדער טויזענטער מייל אַוועק, צי ער איז אַ יורש פון די גערמאַ־נישע וואַנדאַלען אָדער פון די ווילדע האָרדעס פון דזשינגיסכאַן!

וואָס באַדייט פאַר אונז אידען אַליין דער וואַרשאווער געטאָ־אויפ־שטאַנד?

אויך פאַר אונז איז ער, ווען מיר פאַרטיפען זיך אויף אַ ווייל אין דער געוואַלטיגער געשעעניש, אַ מין גייסטיגע אַטאָם־באָמבע.

מיר דאַרפען זיך פאַרגעגענווערטיגען, אַז דער געטאָ־אויפשטאַנד און די גבורת־הנפש, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין איהם, זיינען נישט געקומען פון זיך אַליין. זיי זיינען געווען דער פּועל־יוצא פון אַ פּסיכאָלאָגישער צוגריי־טונג, פון אַ גייסטיגען איבערגאַנג, וואָס איז פאַרגעקומען ביי די רעשטלעך פון פּוילישען אידענטום אין געטאָ. וועגען דעם איז היינט כדאי אַ פּאָר ווערטער צו זאָגען.

דער איד, וואָס איז אַזוי ברוטאַל דערנידעריגט און פאַרפאָלגט געוואָרען דורך דער נאַצי־בעסטיע, וועלכער האָט פאַרלאָרען כלפּי־חוץ יעדע מענשליכע ווירדע, איז אָבער אינערליך געלייטערט און דער־הויבען געוואָרען. אין געטאָ זיינען פאַרשוואונדען, אונטער׳ן דרוק פון די נאַצי־סאַטראַפּען, די אַלגעמיין אַנערקענטע געזעצליכע און מאָראַלישע סטאַנדאַרדס. עס האָט זיך געמעהרט גניבה און גזילה, מענשען זיינען ווילד געוואָרען זעהענדיג ווי זייערע קינדער שטאַרבען זיי אַוועק פון

הונגער אויף זייערע הענט, אָדער ווי זיי ווערען צוגענומען צום טויט דורך די נאַצישע הענקער. מתים זיינען געלעגען אין די גאַסען און עס האָט זיך קיינער וועגען זיי נישט געקימערט. אָבער גלייכצייטיג מיט דער דאָזיגער שרעקליכער ירידה האָט זיך ביים געטאָ־מענש אויסגעבילדעט און אויסגעפורעמט אַ נייע פסיכיק — אַ געפיהל, וואָס האָט מיט זיך מיט־געריסען מיט'ן כח פון אַ ניאַגארא־פאַל און וואָס האָט זיי געשטאַרקט אין זייער פאַרצווייפלונג: דאָס געפיהל איז געווען, אַז עס איז דאָך פאַראַן אַ העכערער כח פון די נאַצי־בעסטיע, אַ כח, וואָס וועט העלפען נעמען נקמה, אַ כח, וואָס וועט סוף־סוף צוברעכען דעם מערדער־באַדריקער — גאָט!

די ווערטער: „ג־ט וועט העלפען" — האָבען אין געטאָ באַקומען אַ נייעם, לעבעדיגען און דערפרישענדען קלאַנג.

נישט בלויז די פאַרבליבענע רעליגיעזע אידען אין די געטאָס האָבען זיך געשטאַרקט מיט זייער בטחון אויף ג־ט. זיי זיינען, נאַטירליך, געווען די ערשטע טרעגער פון דאָזיגען געדאַנק. זיי האָבען איהם איבער־געגעבען די אַנדערע. זיי האָבען גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד, ווייל די אידישע רעליגיע הייסט קעמפען מיט אַ באַדריקער. די אידישע טראַדיציע הייסט נישט אַפּלאָזען די הענד און זיך לאָזען שעכטען אָהן ווידערשטאַנד בשעת אַ גרופּע פון מערדער וויל אונז אויסראָטען. זאָל דאָס איין מאָל פעסטגעשטעלט ווערען און זאָל דאָס ערקלערען, פאַר וואָס דער גאון ר' מנחם זעמבע האָט געשטיצט די אויפשטאַנד־צוגרייטונגען אין וואַרשא, פאַר וואָס אַזאַ לויטערע און אידעאַלע רעליגיעזע פּערזענליכקייט, ווי מיין אומפאַרגעסליכער פריינד ר' אליעזר גרשון פרידענזאָן האָט (לויט די נייעסע אויסגעפונענע באַ־ריכטען) געהאָלפען אַקטיוו צוגרייטען דעם אויפשטאַנד. אין די צייטען פון די קרייץ־צוגען האָבען אידען שוין אויסגעבילדעט דעם געהעריגען צוגאַנג צום דאָזיגען פּראָבלעם. אין די תשובות פון איינעם פון אונזערע גרויסע מערטירער פון 13־טען יאָרהונדערט, דעם באַרימטען ר' מאיר פון ראָטענבורג, וועלכער איז געשטאָרבען אין דער תפיסה און איז דורך לאַנגע יאָהרען נישט געקומען לקבר ישראל, געפינט זיך אַ קאַטע־גאָרישער פּסק, וואָס שטאַמט נאָך פון זיין גרויסען רבי'ן ר' אליעזר בן יואל הלוי, באַקאַנט אַלס „ראבי"ה", אַדרעסירט צו די אידען פון בעהם, אַז זיי זאָלען קעמפען אים שבת מיט וואָפען אין דער האַנד, אפילו ווען מען

קומט זיי בלויז צוצונעמען זייער פאַרמעגען, ווייל „כששוללים אז הם כמו כן הורגים", ווען די רויבער קומען בלויז נאָכ'ן פאַרמעגען דאַן מאַרדען זיי אויך...

700 יאָהר נאָכ'ן ראבי"ה און נאָכ'ן מהר"ם מראָטענבורג האָט ר' מנחם זעמבע בעת דעם וואַרשאווער אויפשטאַנד פראַקטיש באַקרעפטיגט דעם דאָזיגען פסק. עס איז נישט געווען קיין תהום צווישן זיי און די העלדישע געטאָ־קעמפער.

מערקווירדיג, ווי אין די לידער, וואָס אנאָנימע אָדער אפילו בכלל נישט־רעליגיעזע דיכטער האָבען געזונגען אין די געטאָס, איז געקומען צום אויסדרוק דער גלויבען אין ג־ט.

אַ דיכטערין מיט'ן נאָמען רבקה קוויאטקאָווסקא האָט אין יאָהר 1942 פאַרפאַסט אַ ליד, וואָס רופט זיך: „אַ תפילה פון אַ געטאָ־איד". אָט זיינען די ערשטע סטראָפען פון דאָזיגען וואונדערבאַרען געדיכט:

„גרויסער ג־ט
וואָס האָט געקאָנט
פון די לערקייט
באַשאַפען די וועלט!
פון אַלע באַשעפענישען
מיך דערהויבען!
צו דער הויכקייט —
פון אַ גלויבען...
געבענטשט
מיט דעם נאָמען
מענש!
הער אויס מיין געבעט...

איך בין אַ געטאָ־איד —
פאַרטריבען, איינזאַם און מיד
מיין האַרץ איז צעריסען און לער,
איך האָב קיין תפילות מער,
הער אויס מיין איינציג געבעט...
און נעם פון מיר צו
פון מענש דעם נאָמען!
נעם פון מיר צו
די פאַרפייניגטע נשמה,
עס זאָל זי נישט פרעסען,
נישט נאָגען דער אומעט!

נעם פון מיר צו
דאָס באַנעמען פון מיין אויער,
איך זאָל נישט הערען דאָס געוויין
פון יעדער געטאָ־מויער!
נעם פון מיר צו מיין בליק,
איך זאָל נישט זעהען
די דראָטען, די בריק!
ווי מיינע ברידער ווערען געטריבען, געיאָגט,
ווי מיר פאַלען, ווי מיר זינקען פון טאָג צו טאָג".

אַזוי האָט זי אויסגעֿטענה'עט מיט ג־ט די צובראָכענע נשמה פון אַ געטאָ־פרוי, וואָס האָט מעהר נישט געקענט צוקוקען זיך צום מורא'דיגן בילד פון געטאָ־לעבען. אַן אַנדערער דיכטער האָט איבערגעגעבען די געפיהלען פון אַ איד, וואָס איז אונטער'ן דרוק פון די געשעעענישען און פון די געטאָ־אומשטענדען געוואָרען אַ גנב. דער דאָזיגער איד איז קיינ־מאָל קיין גנב נישט געוועזן און ער רעדט אַזוי צו ג־ט:

„מיין קערפער פון די לעבער שיינט
דער הונגער איז מיין טאַטע,
איך בין אַ געטאָ־כאַפּער היינט,
אַ גנב מיט אַ געלער לאַטע.
פאַרטאָג... מען פיהרט שוין פריש ברויט,
אַ גרויסען, פולען וואָגען,
און עס קלעמט דאָס האַרץ פון הונגער, נויט,
די אויגען וויינען, קלאָגען.
טאָ הער מיך אויס, ג־ט,
וואָס דו ביזט אין די הימלען:
כ'בין קיינמאָל קיין גנב נישט געוועזן,
נאָר זע ווי מען פרעסט,
ווען די צווייטע שימלען
און שעלטען דעם גורל דעם בייזען.

טאָ הער מיך אויס, ג־ט,
וואָס דו ביזט ביי מיר טייער, —
איך וויל נאָך פון לעבען געניסען,
טאָ גיב מיר הענט פלינקע
און אויגען ווי פייער,
כ'זאָל קענען מיר פאַרשאַפען דעם ביסען.

מען כאַפּט, מען שלאָגט מיך פאַר׳ן ברויט
מיט׳ן קאַנטשיק און מיט׳ן שטעקען, —
וואָס מיר לעבען? וואָס מיר טויט?
מיך קען שוין גאָרנישט שרעקען!

ביינאַכט... אַט גייט אַ יונגע פּאָר,
עס דוכט זיך, מיך זעהט קיינער.
אַ שפּרונג אַ כאַפּ, זיי שרייען... נאָר
אַ ביס גלייך מיט די ציינער!

איז דאַנק איך דיר, ג־ט, פאַר די פינסטערע נעכט,
וואָס דו האָסט דעם מענשען געגעבען,
ווען אַלע צום שלאָפען באַקומען דאָס רעכט —
פאַר מיר הויבט זיך ערשט אָן דאָס לעבען.

טאָ זיי מיר, ג־ט, מוחל,
די שווערסטע פון די זינד,
די וועלט האָט מיך פון ג־ט פאַרטריבען, —
אַ גנב אינ׳ם געטאָ —
אַן אויסוואורף
צווישען מענשען און חיות פאַרבליבען!״

און ווי אַ סך־הכל פון די ערשיטערנדע געפיהלען קלינגט דאָס פאָלקס־ליד, וואָס איז געזונגען געוואָרען אין וואַרשאווער געטאָ:

„אויב נישט קיין אמונה
אין ג־ט ברוך הוא,
וואָס־זשע טויג מיר אַלץ,
וואָס איך טהו?

אויב נישט קיין בטחון
אין זיין גאולה —
לוינט נישט צו לעבען
אַ רגע אפילו!״

דער גלויבען אין ג־ט האָט די געטאָ־קעמפער און די געטאָ־מערטירער געגעבען די איינציגע מעגליכע טרייסט. פאַרלאָזען פון דער גאַנצער וועלט, אויסגעליפערט דער ברוטאַלער חיה אין מענשען־געשטאַלט, וואָס האָט ביי זיי געצאַפּט זייער בלוט און פרובירט זיי צו צוברעכען גייסטיג נאָך איידער עס איז אויסגעלאָשען געוואָרען זייער לעבענס־ליכט, האָבען די אידען דאָך נאָך געזעהען פאַר זיך אַ וויזיע פון דער צוקונפט און אַזוי געזונגען:

„קומען וועלען אָבער גוטע צייטען,
וועט דאָס מזל אויף זיך בייטען,
ווייען וועלען ווערען לינדער,
עס וועלען ווידער וואַקסען קינדער!
קינדער וועלען שפּילען, רוישען
אויף די קברים פון די קדושים!..."

די האָפנונג פון די געטאָ־מענשען איז געווען דאָס קליינע קינד. מען האָט אַלץ געטאָן, כדי כאָטש אַ צאָהל אידישע קינדער זאָל איבערלעבען. מען האָט זיי אַוועקגעגעבען צו די שכנים, באַהאַלטען וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, כדי אַמאָל זאָלען זיי זיך נאָך קענען שפּילען און רוישען...

אָבער די קינדער האָבען געדאַרפט, לויט'ן הייליגסטען וואונש פון די מערטירער בלייבען אידען. נאָר אַזוי האָט מען געזעהען אין געטאָ דעם אויפגעהענדיגען מאָרגען פון דער פרייהייט.

היינט, צעהן יאָהר נאָכ'ן העראָאישען אויפשטאַנד, איז לײדער נאָך אַ טיפער וואָלקען פאַרצויגען אויף דער פרייהייטס־וויזיע פון די געטאָ־אידען. מיר ווייסען נישט אַמאָל וואו עס זיינען אַהינגעקומען די אידישע קינדער אין פּוילען, די לעצטע רעשטלעך פון אַמאָל אַזוי בליהענדען ישוב. די, וואָס האָבען געהאָלפען אונזערע קינדער צו איבערלעבען, וואָס מיר זיינען זיי דאַנקבאַר דערפאַר, האָבען אָבער נישט מקיים געווען דעם לעצטען וואונש פון די אומגעקומענע קדושים. די קינדער זיינען נישט איבערגעגעבען געוואָרען פאַר'ן טויט פון די קדושים, כדי זיי זאָלען אַנט־פרעמדעט ווערען פון אידענטום. ניין! נישט דאָס איז געווען דער טעסטאַמענט פון די געטאָ־אידען!

ווי גרויזאַם איז דער פאַקט, וואָס היינט, צעהן יאָהר נאָכ'ן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, שטייען מיר לגבי אַ נישט־ערפילטער פאָדערונג פון צוריקגעבען אונז די אידישע קינדער, וועלכע זיינען פאַרשוואונדען אין דער מלחמה־צייט! אונזערע קינדער ווערען געקידנעפּט אפילו געגען דעם באַשלוס פון אַ געריכט, און דאָס טאָן מענשען, וואָס פאַרטרעטען כלומר'שט אויך אַ רעליגיע. מיר פרעגען זיי: איז נאָך ווייניג אידיש בלוט פאַרגאָסען געוואָרען? ווער גיט אייך דאָס רעכט צוצונעמען ביי די קדושים פון די געטאָס זייער לעצטע ירושה? ווי ווייט מעג מען גיין, כדי אָנצוזעטיגען די תאוה פון נשמה־כאַפּעריי? איז אפילו די מורא'דיגסטע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער וועלט־געשיכטע, דער מאָרד פון זעקס מיליאָן אומשולדיגע מענשען בלויז צוליב זייער רעלי־

גיעזער און נאַציאָנאַליער אָפּשטאַמנג, נישט גענוג, כדי אונז צו באַשיצען פון די אַנגריפען אויף אונזערע פאַרבליבענעז קינדער?
אין די לעצטע טעג זיינען מיר געווען עדות פון אַן אַנדער געשעעניש, וואָס זאָגט קלאָר, אַז די וויזיע פון אַ בעסערען מאָרגען איז נאָך גאָר נישט נאָהענט. דער קאַנצלער פון אַזוי־גערופענעם נייעם דייטשלאַנד איז אָראָפּגעקומען קיין אַמעריקע און געהאַט די דרייסטקייט צו פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל באַגנאַדיגען די פאַראורטיילטע נאַצי־פאַר־ברעכער. נאָך איז דאָס בלוט פון די ערמאָרדעטע קרבנות זייערע נישט פאַרטרוקענט, נאָך הילכט אין די אויערען פון דער וועלט דער יאָמער פון געפייניגטע אידישע קינדער, נאָך זעהט זיך דער רויך פון די אויוועֶנס, וואו מען האָט פאַרגאַזט די מיליאָנען קרבנות — און שוין אַפּעלירט מען נאָך רחמים פאַר די מערדער! ווי נידריג איז געזונקען דאָס דאָזיקע פאָלק, ווען עס קען זיך אפילו נישט אָפּזונדערען פון דער קליינער צאָהל פאַראורטיילטע פאַרברעכער־קאַניבאַלען, און דורכצופירען ביי זיך אַ גרינדליבערע רייניגונג! האָפענטליך וועט די פרייע וועלט וויסען וויאַזוי צו רעאַגירען אויף דעם שענדליכען פאַרלאַנג.
עס זיינען פאַראַן מערקווירדיגע און דערביי פיל־זאָגענדיגע קאָ־אינצידענטען אין דער געשיכטע. היינט איז דער צעהן־יאָריגער געדענק־טאָג פון וואַרשאווער געטאָ־אויפשטאַנד און מאָרגען וועט ווערען פינף יאָהר זינט עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען מדינת ישראל. קיין צווייפעל, אַז עס באַשטייט עפּעס אַ מיסטישער פאָדעם, וואָס פאַרבינדטביידע געשעענישען. די פאָהן פון וואַרשאווער געטאָ־אויפשטאַנד איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרען אויף די באַריקאַדען פון ירושלים, ווען אַ הייפעל אידען האָט זיך פאַרטיידיגט געגען אַ קאָלאָסאַלע אַראַבישע איבערמאַכט. די גבורת־הנפש פון אַפּריל 1943 האָט אויפגעלעבט פינף יאָר שפּעטער אין די קאַמפען ביי תל־אביב צו אויפ׳ן וועג אין דרום און אין נגב.
די פאָהן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד פלאַטערט ווייטער. זי איז אפשר אַמאָל אונזיכטבער, אָבער זי איז אייביג, דאָס איז די פאָהן פון אַלטען אידישען פאָלק, וואָס האָט פאַרקינדעט דער וועלט דעם גלויבען אין ג־ט און וואָס געהט ווייטער, געקרעפטיגט דורך דעם דאָזיגען גלויבען, אין די צוקונפט.

(רעדע ביי דער געדענק־פאַרזאַמלונג אין האָנטער־קאָלעדזש אין ניו־יאָרק, דעם 19־טען אַפּריל 1953)

ווען שוואַרצע וואָלקענס
האָבען באַדעקט דעם האָריזאָנט...

זכרונות וועגען דער „אידישער שטימע" (תש"ג — תש"ה)

1.

אַמאָל פלעגט מען שרייבען זכרונות וועגען געשעעענישען, וועלכע זיינען געווען פון אונז שוין אָפגערוקט מיט אַ סך יאָרען. היינט, דוכט זיך, לויפט די צייט שנעלער און אַ מרחק פון צוואַנציג יאָר איז גענוג גרויס, כדי צו וועלען אויפפרישען און דערהאַלטען פאַר דער צוקונפט דאָס, וואָס איז דעמאָלט געטאָן געוואָרען.

איך מיין די „אידישע שטימע", וואָס איז באַנייט געוואָרען אין ניו־יאָרק אין חודש כסלו תש"ג. דאָס איז געווען ממש אַ העראָאישע אַרבעט אַרויסצוגעבען אַ חודש׳דיגען אָרגאַן פון דער אגודת ישראל אין אַמעריקע במשך די סאַמע קריטישסטע יאָרען פון דער לעצטער מלחמה, ווען „עולם חשך בעדנו", ווען יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע ידיעות פון חורבן און אונטערגאַנג. די „אידישע שטימע" האָט דעמאָלט געוועקט און געשטורעמט. זי איז געווען דער שופר, וואָס איז זיך צעגאַנגען ווייט אין דער וועלט און אויף אַ ווירדיגען אופן מכריז געווען די פאָסטולאַטען פון אָרגאַניזירטען רעליגיעזען ציבור. נישט איינמאָל זיינען די אַרטיקלען אין דער „אידישע שטימע" פון יענער תקופה געשריבען געוואָרען ממש מיט בלוט און מיט טרערען אין די אויגען. נישט איינמאָל האָט עס געקאָסט אַן אַ שיעור איבערווינדונג, כדי צו קענען שרייבען מיטן איינהאַלטען פון געוויסע פאָרמען, ווען מיר האָבען געזעען, אַז אידיש בלוט רינט ווי וואַסער און די אידישע „פירערשאַפט" אין אַמעריקע איז גלייגילטיג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז „כלו כל הקיצין" — און מיר האָבען נישט געהאַט מער ווי די פען אין דער האַנט, טאָ ווי קען מען זיין איינגעהאַלטען?

ווען איך בלעטער איצט די נומערען פון דער „אידישע שטימע״ פון כסלו תש״ג ביז סיון תש״ה, דערמאָנען זיך מיר יענע לאַנגע שטונדען, וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט אין דער רעדאַקציע, בעת וועלכע עס זיינען געפלאַנט געוואָרען די שטורעמדיגע אַרטיקלען. עס איז געווען אַ מורא׳דיגע צייט! די נומערען זאָגען עדות אויף דעם, וואָס האָט זיך אָפגעשפילט אין די נשמות פון די שרייבער. אויף דער ערשטער זייט פון ערשטען נומער געפינען זיך דריי אַרטיקלען: „די תורה — אונזער פעסטונג״ פון הרב אליעזר סילווער, „אַ פאַלק פון אבלים״ פון י. מ. פירסטענבערג, און „די קאַטאַסטראָפע פון אייראָפעאישען אידענטום און איר אָפקלאַנג אין אַמעריקע״ פון שרייבער פון די דאָזיגע שורות. אויף דער צווייטער זייט: „הקדוש הרב ר׳ טובי׳ הורביץ״ פון הר״ב מאיר שוואַרצמאַן, און „דער סאַנאָקער רב דערמאָרדעט פון די נאַציס״ פון הרב ז. אייכענשטיין. און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער.

דער ערשטער עדיטאָריעל, וואָס איז געווען אונטערגעשריבען קאָלעקטיוו פון הרב ז. אייכענשטיין, י.מ. פירסטענבערג און הרב א.ז. הכהן ראַנד, האָט געהאַט אַ קעפעל: „די אידישע שטימע דערשיינט ווידער!״ די דריי רעדאַקטאָרען האָבען געמאָלדען דער עפענטליכקייט, אַז די „אידישע שטימע״ דערשיינט ווידער „כדי צו דערמאָנען די אַמעריקאַנער אידען, אַז ניט נאָר דאַרפען מיר זאָרגען פאַר דער פיזישער רעטונג פון אונזערע ברידער אין אייראָפע, „נאָר אויך פאַר דער גייסטיגער אויפלעבונג פון אַמעריקאַנער אידענטום״. און ווייטער האָבען זיי געשריבען: „אויפן אַמעריקאַנער אידענטום ליגט איצט דער חוב צו בויען אידישע פאָזיציעס. כדי צו אָרגאַניזירען דאָס אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישע אידענטום פאַר דער דערפילונג פון דער אויפגאַבע, איז נויטיג, אַז די תורה־אידען זאָלען זיך אַליין באַפרייען פון דער אפוטרופסות פון די נביאי הבעל און פון די פוסחים על שתי הסעיפים״.

דאָס רעוואָלוציאָנערע לשון איז געווען ניי און פאַרכאַפּט די אימאַגינאַציע פון די לייענער. באַלד איז די „אידישע שטימע״ געוואָרען אַ פאָפולערער אָרגאַן. יעדען חודש האָט מען געדרוקט מער עקזעמפלאַרען. די ניי־אָנגעקומענע רעליגיעזע אידען, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרייט אומבאַהאָלפען, האָבען דערהערט אַ שטימע פון דערמונטערונג, עס איז געוואָרען אַ ביסעל לעבעדיגער אין דער מחנה.

2.

די רוח החיה פון דער „אידישע שטימע״ איז געווען ר׳ איטשע מאיר פירסטענבערג ע״ה, א איד מיט זעלטענעם ברען, מיט חסידישער התלהבות, וואס האט אוועקגעווארפען אלע פריוואטע געשעפטען ווען מען האט געדארפט צוזאמענשטעלען געלט פאר דער „אידישע שטימע״ און פארן אפיס פון דער אגודת ישראל, וואס האט געטאן א וואונדערבארע הצלה און הילף־ארבעט. ר׳ איטשע מאיר פירסטענבערג האט געוויזען וואונדער ביים צוזאמענשטעלען די געלטער. דארט, וואו קיינער האט אפילו נישט גערעכענט, אז מען קען באקומען א פרוטה, האט פירסטענבערג ארויסגעשלעפט גרויסע געלטער. און ווען ער האט שוין געהאט געדעקט דעם נומער, האט ער זיך גענומען אליין צום שרייבען. ער האט געשפריצט מיט פייער. ער האט אנגעקלאגט. ער האט מוטיג, א סך מאל איבערמוטיג, געפאדערט. מען האט אים קוים געקענט איינהאלטען. ער האט געברויזט, געפלאמט.

דער צווייטער מיט־רעדאקטאר פון דער „אידישע שטימע״, הרב זיידע אייכענשטיין, ע״ה, איז געווען א ליבליכער תמיד שמייכעלדיגער איד, מיט וועמען עס איז געווען א תענוג צו ארבעטען. ער האט זייער א סך געהאלפען אין דער ארגאניזאציע פון דער ארבעט. ער האט זיך פארנומען מיט דער טעכנישער זייט פון דער צייטונג, מיט דער אדמיניסטראציע, אבער ער האט אויך קיינמאל ניט פארפעהלט אנצושרייבען אן אקטועלען ארטיקעל.

ביידע רעדאקטארען זיינען שוין אויפן עולם האמת. דער דריטער, יבדל לחיים, הרב אשר זאלקע ראנד, האט געשריבען עדיטאריעלס און אפטמאל באהאנדעלט ארץ־ישראל׳דיגע פראבלעמען. עס איז געווען א וואונדערבארע טריא, פול מיט מסירת־נפש, ענערגיע און הארץ.

ביי דער זייט איז געשטאנען א איד, וואס האט געשפרודעלט מיט אומפארגלייכליכער ליבשאפט פאר תורה און הצלת ישראל — הגאון רבי אליעזר סילווער פון סינסינעטי. ער פלעגט אין יענע טעג זיין כמעט מער אין ניו־יארק ווי אין סינסינעטי. ער האט נישט געוואוסט פון קיין טאג און קיין נאכט ווען עס האט זיך געהאנדעלט צו ראטעווען איין איד און א קל וחומר ווען מען האט גערעדט פון כלל! הרב סילווער האט אונטערגעשטעלט זיין פלייצע, סיי פינאנסיעל און סיי מיטן גאנצען

פרעסטיזש זיינעם אין דער אַרבעט פון דער אַמעריקאַנער אגודת ישראל און פון דער „אידישע שטימע". איז ער גראַד געווען אין סינסינעטי און מען האָט געדאַרפט באַשטימען דעם טאָן פון אַ געוויסען אַרטיקעל — האָט מען באַלד געקלונגען אויפן טעלעפאָן צו הרב סילווער. „כל הדבר הגדול יביאו אליו" — און באַלד איז דער ענין געווען אַנטשידען.

אין מיינע הענט איז געלעגען די ליטעראַרישע פאָרם פון דער „אידישע שטימע". מיר פלעגען זיך דעמאָלט טרעפען יעדען טאָג אין אָפיס פון דער אַמעריקאַנער אגודת ישראל, וואָס איז גלייכצייטיג געווען דער זיץ־אָרט פון דער רעדאַקציע פון דער „אידישע שטימע". אין „בראָדוועי סענטראַל האָטעל", 12 אַזייגער בייטאָג, האָט זיך יעדען טאָג אָנגעהויבען די באַראַטונג פון רעדאַקציע־קאָלעגיום. עס איז געווען אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט. די איינציגע שוועריגקייט איז געווען ווען איך האָב געוואָלט אַ ביסעל מילדער מאַכען אַן אויסדרוק אין פירסטענבערג׳ס אַרטיקעל. ער האָט געבעטען רחמים, עס איז אים געגאַנגען ממש אין לעבען, אַז עס זאָל זיין אַזוי פייערדיג, ווי זיין פייערדיגע נשמה האָט געפילט...

אָבער דאָס איז אים נישט געווען גענוג. אָפט האָט ער געמאָנט, אַז מען זאָל אין די אַרטיקלען פון אַנדערע שרייבער דעם טאָן שאַרפער מאַכען. און מען קען איצט אויסזאָגען אַ רעדאַקציע סוד: ער האָט טיילמאָל אויך דאָס אויסגעפירט און אַ „רואיגער" שרייבער האָט פלוצים דערזעען אין זיין אַרטיקעל, ווען עס איז געדרוקט געוואָרען, אַן אויסדרוק, וועלכען ער האָט נישט געברויכט. דאָס איז געווען דער „פירסטענבערג־טאָן", אָדער בעסער געזאָגט, דער פירסטענבערג־חותם, וועלכער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ „פאַרעווען" אַרטיקעל.

3.

אַ באַזונדער קאַפיטעל אין דער רעדאַקציע־אַרבעט פון דער „אידישע שטימע" זיינען געווען די אַרטיקלען פון מורנו הרב ר׳ יעקב ראָזענהיים.

דער דאָזיגער גרויסער פירער פון אַלוועלטליכען רעליגיעזען אידענטום האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַמעריקע און האָט פון זיין אָפיס אָנגעפירט מיט דער אינטענסיווער הצלה־אַרבעט. גלייכצייטיג האָט

זיין טיף־אַנאַליזירענדיג אויג געזעען די קומענדיגע ענדערונג אין אידישען ציבור־לעבען. ער האָט אָנגעהויבען, פון צווייטען נומער פון דער באַנייטער „אידישע שטימע״, צו באַלייכטען די אַקטועלע פּראָבלעמען אין אַרטיקלען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ געוואַלטיגען רושם צווישען די לייענער.

ר׳ יעקב ראָזענהיים פלעגט זיינע אַרטיקלען שרייבען אין דייטש און איך האָב זיי איבערזעצט אויף אידיש. דאָס זיינען געווען אמת׳דיגע פּערעל פון דער אידישער פּובליציסטיק. דער אַגודיסטישער שטאַטסמאַן האָט אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער, מיט אַן אָריגינעלער פילאָזאָפישער באַלייכטונג, באַהאַנדעלט אַזעלכע ענינים ווי: „די פראַגע פון אויס — און איינוואַנדערונג נאָך דער מלחמה״, „אידישע פאָדערונגען אין די ראַמען פון דער וועלט־פּאָליטיק״, וועגען „אַ רעאַליסטישער ארץ־ישראל פּאָליטיק״, וועגען „אינטערנאַציאָנאַלען שוץ פאַר דער שחיטה״, „צו דער פראַגע פון קאַמאַנוועלטה״, „דאָס אידישע ציבור־לעבען אין נייעם אייראָפּע״ א.א.וו.

ר׳ יעקב ראָזענהיים האָט אין אַ סעריע אַרטיקלען פּאָלעמיזירט מיט דר. יצחק ברייער. אין אַנדערע האָט ער געזאָגט זיין וואָרט וועגען דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָליטיק אין שייכות מיט דער דעמאָלט אָרגאַניזירטער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ״. טיילמאָל איז ער אַריבערגעגאַנגען צו פעליעטאָניסטישע טעמעס. עס איז געווען אַ שלל פון טיפען געדאַנק, געשריבען אין דעם ספּעציפישען ראָזענהיים־סטיל, וואָס קיינער קען נישט נאָכמאַכען. מיר פלעגען אין דער רעדאַקציע פון דער „אידישע שטימע״ נישט איינמאָל קאָמענטירען, אַז עס איז כדאי געווען צו באַנייען דעם אָרגאַן שוין צוליב דעם, וואָס דאָס האָט גורם געווען, אַז ר׳ יעקב ראָזענהיים זאָל יעדען חודש שרייבען וועגען אַן אַקטועלער טעמע...עס איז באמת אַ שאָד, וואָס ביז היינט זיינען די אַרטיקלען פון ר׳ יעקב ראָזענהיים אין דער באַנייטער „אידישע שטימע״ נאָך נישט אַרויס אַלס באַזונדער בוך.

וואָגיקע אַרטיקלען פאַר דער „אידישע שטימע״ האָט געשריבען הרב ר׳ אלי׳ מאיר בלאָך פון טעלז־קליוולאַנד, ז״ל. מיט אייזערנער לאָגיק האָט ער געזאָגט זיין תורה־וואָרט און אָנגעצייכענט די אגודה־אַרבעט. זיינע אַרטיקלען זיינען געווען אַ גרויס געווינס פאַר דעם אָרגאַן פון אגודת ישראל.

און ווער קען אויסרעכענען אַלע שרייבער, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען במשך די צוויי און האַלב יאָר אין דער „אידישע שטימע״! עס האָבען זיך באַטייליגט אַלע יונגע און אַלטע שרייבער פון אַגודיסטישען ציבור.

ווייל די רעדאַקציע האָט געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַר נאָך אַ „קליינֿיקייט״: זי האָט געצאַלט פאַר דער אַרבעט. הגם עס איז קיינמאָל נישט געווען גענוג געלט און מען האָט געמוזט אַ היפּשען טייל פון די הוצאות דעקען פון זאַמלונגען, אָבער דאָך האָט מען געצאָלט אויטאָרען־האָנאָראַר. עס איז געווען אַ ווירדיגע, זעלטען פּראַקטיצירטע באַציאונג צו די מיטאַרבעטער, וואָס האָט זיי צוגעצויגען.

אין דער געשיכטע פון דער אַגודיסטישער פּרעסע, וואָס וועט אַמאָל געשריבען ווערען, דאַרף דעריבער די „אידישע שטימע״ פון די יאָרען תש״ג — תש״ה נישט ווערען פאַרגעסען. זי האָט ערליך געדינט דער אגודת ישראל און דעם גאַנצען רעליגיעזען ציבור. מער נאָך: זי האָט דערהויבען דעם כבוד פון דער באַוועגונג אין דעם שווערסטען פּעריאָד פון איר עקזיסטענץ.

אויף די חורבות פון פוילישען אידענטום

1.

„אני הגבר ראה עני בשבט עברתו״.

אַט די ווערטער פון ירמי׳ הנביא קלינגען אין די אויערן ווען איך גיי שרייבען וועגען מיין נסיעה קיין פוילען.

מער ווי דריי־און־דרייסיג יאָר זיינען אַדורך זינט איך האָב פאַרלאָזט דעם פאַרבענרייכען קיבוץ פון אידען אין פוילען. במשך דער צייט האָב איך כסדר געטראַכט וועגען דעם פוילישען אידענטום און וואָס האָב איך געזעען אין מיין פאַנטאַזיע? אַ רוישיג לעבען, אַ בליענדע יוגענט, אַ גיגאַנטישען קיבוץ. דאָס האָב איך איבערגעלאָזט מיט 33 יאָר צוריק. אַ „שרתי במדינות״, אַ „רבתי עם״, וואָס האָט נישט געהאַט אירס גלייכען אין דער גאַנצער וועלט.

ווי אַ מידער וואַנדערער אין דער מדבר דערזעט אַמאָל אַ „פאַטאַמאָרגאַנאַ״ פאַר זיינע אויגען, ווי עס בלישטשען אַמאָל פרעכטיגע אַבער פיקטיווע שלעסער אין מדבר־זאַמד, אַזוי האָט געאַרבייט אויך אונזער פאַנטאַזיע במשך די 33 יאָר. עפעס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבען, אַז נישטאָ מער דאָס אידישע וואַרשאַ, לאָדז, קראָקאָ.

אַבער ווען איך האָב באַטראַכטען דעם באָדען, וואו מיט 33 יאָר צוריק האָבען געלעבט מער ווי דריי מיליאָן אידען, איז מיט איין מאָל די „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ״ צורינען געוואָרען. און ווידער זיינען געקומען די „איכה״־טענער אויפן געדאַנק:

„אותי נהג ויולך חושך ולא אור״.

ווי ירמי׳ הנביא, ווען ער איז געזעסען אויף די חורבות פון ירושלים, אַזוי פילט יעדער, וואָס קומט צו די חורבות פון פוילישען אידענטום. עס איז חושך, בלויז פינסטערקייט. „ולא אור״ — קיין שפור פון ליכט.

פלוצים זעען די אויגען גאָר נישט. פלוצים הערען די אויערן נישט וואָס מען רעדט. עס דוכט זיך, ווי די וועלט וואָלט געהאַלטען אין

איינגעזונקען ווערן. די כוחות גייען אויס. ממש איר שטייט ביים סאַמע ברעג פון אַפּגרונט. אַט, דוכט זיך, פאַלט אַלץ. איר וואַקעלט זיך. און דאָס איז — די ווירקליכקייט.

2.

וואַרשע.

די מעטראָפּאָליע פון פוילישען אידענטום, די פעסטונג פון חסידות, דער צענטער פון תורה, די רעזידענץ פון אידישען וויסען, דער פייערדיגער ווולקאַן פון אונזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק — איז רעדוצירט צו דער פאַרמאַכטער נאָזשיק׳ס שול אויף טוואַרדאַ 6. נישט לאַנג צוריק האָט נאָך אויף דער שול געהאַנגען אַ צעטעל: „צו דער בעקעריי״, ווייל דער עיקר איז געווען צו ווייזען דעם עולם וואו מען גייט אין דער בעקעריי. ווער מען אינטערעסירט די איינציגע פאַרבליבענע שול?

נעבען דער שול געפינט זיך, אין אַ דערבייאיגער געביידע, די „קהילה״. זי ווערט גערופען: „ועד הקהלות הקדושות בפולין״. דאָס איז די צענטראַלע קהילה. אין פוילען זיינען היינט נאָך פאַראַן 19 אידישע קהילות: אין ביעלסקאָ־ביאַלאַ, ביטאָם, טשענסטאָכאָוו, דזיערזשאָניאָוו, גליוויץ, קאַטאָוויץ, קראָקע, לעגניץ, לאָדז, לובלין, סאָסנאָוויעץ, שווידניץ, שטשעצין, טאַרנאָוו, וואַלבזשיך, וואַרשע, ווראָצלאַוו, זגאָזשעלעץ און זשאַרי. בראש שטייט אַ איד, וואָס איז געוויילט פון די לאָקאַלע פירער.

בשעת איך בין געווען אין וואַרשע איז דער ראש־הקהל נאָר וואָס געהאַט אַוועק פון פוילען. ער האָט איבערגעלאָזט אַ תהו־ובהו, וואָס לאָזט זיך שווער איבערגעבען. אָבער דאָס געפיל צווישען אידען איז געווען אַ יום־טוב׳דיגס: מען איז ענדליך פּטור געוואָרען פון אַ תקיף, וואָס האָט מקצר ימים געווען די אידען. אַ סך האָבען זיך נאָך נישט געוואָלט גלויבען, אַז ער איז אַוועק באמת.

די כשר׳ע קיך פאַר אָרימע אידען איז געווען פאַרמאַכט.

דער בית־החיים אויף אָקאָפּאָוואַ גאַס איז דער איינציגער עדות פון דער אַמאָליגער פּראַכט פון וואַרשע. רבנים, גאונים, צדיקים, דאַזאַרעס, גבירים, שרייבער, סתם עמך, האָבען דאָ געפונען זייער אייביגע רוה. אייביגע רוה? ניין, אויך דאָס האָט נישט דערלאָזט דער אַוועקגעלאָפענער

ראש־הקהל. ער האָט קורץ פאַר זיין פאַרלאָזען וואַרשע אַפּגעמאַכט מיט דער וואַרשעווער מוניציפּאַליטעט, אַז ער גיט איר איבער דעם אידישען בית־החיים. דער דאָקומענט ליגט איצט פאַר מיר און ער רעדט מיט אַ מורא'דיגער שפּראַך: די אידישע קהילה איז נישט מער דער בעל־בית פון אידישען בית החיים! דעם 10טען אַפּריל 1973 האָט דער ראש־הקהל אַוועקגעגעבען דעם גרעסטען, דעם איינציגען אוצר, וואָס איז פאַרבליבען פאַר די אידען אין וואַרשע פון די אַלטע צייטען, דער שטאָט וואַרשע!

זייענדיג מוותר אויפן רעכט צו פאַרוואַלטען דאָס בית־החיים, האָט ער גלייכצייטיג געגעבען זיין הסכמה אויף איבערגעבען טיילען פון אים „פאַר שטאָטישע אינוועסטיציעס". דער דאָקומענט פון שמאַך און בזיון דערמאָנט אויסדריקליך, אַז די גאַס ביים בית החיים (היינט הייסט זי אַניעלעוויטש גאַס) דאַרף ווערען פאַרלענגערט ביז צו דער אָקאָפּאָוואַ גאַס און צו דעם צוועק דאַרף ווערען ליקווידירט דער דרום'דיגער טייל פון בית־החיים.

אַזוי האָט גוזר געווען דער ראש־הקהל. ווי מען האָט מיר דערקלערט, דאַרפען בערך פינף טויזענט קברים ווערען באַנוצט אויף דער פאַרלענגערונג פון דער גאַס. איך האָב שוין געזען אויף אומצאָליגע מצבות נומערן, וואָס זיינען אָנגעצייכענט מיט רויטער פאַרב: דאָס זיינען די טויט־דעקרעטען פאַר די קברים, אויף וועלכע עס שטייען די מצבות. אָט־אָט וועט מען אַוועקפירען די מצבות, אויסגראָבען די עצמות און זיי אַריינשיטען אין אַ מאַסען גרוב. אַזוי האָט גע'פסק'ענט דער געוועזענער וואַרשעווער ראש הקהל...

עס איז כדאי צו איבערגעבען, אַז דער נייער אָנפירער פון „ועד הקהלות" האָט תיכף צוריקגעצויגען די נידערטרעכטיגע הסכמה פון זיין פאָרגענגער. וואָס וועט איצט געשעען, איז שווער צו זאָגען. די רויטע נומערן זיינען דערווייל נאָך פאַראַן אויף טויזענטער מצבות. עס וועט נאָך קאָסטען אָן אַ שיעור מי און אַרבייט מבטל צו זיין די גזירה, וואָס אַ איד האָט אַליין, בשאט נפש, אַרויפבאַשוואוירען אויפן געגשער בית־החיים אין וואַרשע*.

---

*) ביים דרוקען דאָס דאָזיגע בוך איז שוין קלאָר, אַז די פאַראָרדנונג וועגען אַוועקנעמען אַ טייל פון בית־החיים אין וואַרשא איז בטל געוואָרען.

3.

לאָדז.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך זיך נישט געפונען אין לאָדז, מיין שטאָבליען וואוין־פּלאַץ. במשך איניגע טעג נאָך די ערשטע אַטאַקעס פון די דייטשען אין סעפּטעמבער 1939, האָב איך געוואַרט אויף אַ באַן־פאַרבינדונג מיט לאָדז, כדי צוריקצוקומען צו דער מעטראָפּאָליע פון פאַבריקען און גלייכצייטיג דעם מקום־משכן פון חסיד׳ישער איידעלקייט, וואָס האָט מיר געהאַט געגעבען דעם מאַנדאַט זי צו פאַרטרעטען אין שטאָט־ראַט. דאָס איז מיר נישט געלונגען אין 1939; צוליב דעם האָב איך געהאַט דעם כבוד צו ווערען באַגריסט, אין 1973, אַלס לאָדזער ראַטמאַן דורך דעם היינטיגען שטאָט־פּרעזידענט.

אָבער וואו זיינען מיינע ווײלער פון דער באָלוט געגענט אין לאָדז?

נישטאָ קיין זכר פון זיי. נישטאָ קיין זכר פון די איבער צוויי הונדערט טויזענט אידען פון לאָדז. פאַרשוואונדען איז די גרויסע מאַסע פון גערער, אַלעקסאַנדערער, סאָכאַטשעווער, סטריקעווער און אַזויפיל אַנדערע חסידים, די הונדערטער שטיבלעך, די ווילקער און וואָלינער שוהל, די אידישע אַרבייטערשאַפט, די בליענדע אגודת ישראל, דער געבוירען־פּלאַץ פון דער „פּועלי אגודת ישראל" באַוועגונג, דער לעבענס־נערוו פון „בית יעקב", דער זיץ־אָרט פון אַ גרויסער אידישער פּרעסע און צאָלרייכע ליטעראַטור־אָרגאַנען.

דער שטאָט־פּרעזידענט (היינט הייסט ער: „דער פאָרזיצער פון לאָדזער נאַציאָנאַל־ראַט") האָט, אין זיין באַגריסונג, גערעדט פון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט זיך קאָלאָסאַל אויסגעבויט און וועט באַלד צוקומען צו אַ מיליאָן איינוואוינער. האָב איך אים איבערגעהאַקט: „אָבער וואָס איז מיט דער פאַר־מלחמה׳דיגער אידישער שטאָט, מיט מיין לאָדז?"

אויף דעם האָט ער קיין ענטפער נישט געהאַט. פון יענער שטאָט איז פאַרבליבען — דאָס בית־החיים. און אויך אויף דעם איז געווען אַ קטרוג. דער פּרעזידענט האָט זיך באַקלאָגט, אַז אויפן אידישען בית הקברות איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו עס ליגען באַגראָבען עטליכע נישט־אידישע קינדער, וואָס די נאַציס האָבען דערמאָרדערט. די קרובים, וועלכע קומען היינט באַזוכען די קברים, זאָלען האָבען שוועריגקייטען מצד דער אידישער קהילה ביים זאָגען די געהעריגע תפילות. איך האָב דעם פּרעזידענט

מצבה פון הגאון ר׳ אלי׳ חיים מייזעל, זצ״ל

מאַזולעאום פון דער פאַזנאַנסקי משפחה

ערקלערט, אַז דאָס איז זיכער אַ בלבול. אידען וואָלטען דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. און איך האָב אים געבעטען, אַז איינער פון זיינע אָפטיילונגס־שעפען זאָל מיט מיר מיטפאָרען צום בית־החיים און מיר וועלען דאָס צוזאַמען אויספאָרשען.

פאַרשטייט זיך, אַז דער שומר פון בית הקברות, אַ פּאָליאַק, האָט קאַטעגאָריש געלייקענט! נאָך נישט פאָרגעקומען אַזאַ פאַל, האָט ער דערקלערט, אַז נישט־אידישע קרובים פון די היטלעריסטישע קרבנות זאָלען האָבען געהאַט שוועריגקייטען ביים באַזוכען די קברים. אַזעלכע נישט־געשטויגענע מעשיות ווערען פאַרשפּרייט, כדי צו שטעלען אין סכנה דעם לאָדזער בית־עולם.

די פּרעכטיקע מאוזאָלעאומס פון די רייכע לאָדזער אידען, די פּאָזנאַנסקי׳ס אַן אַנדערע מיליאָנערען, שטייען אויפן בית החיים און דערציילען, אַז נישט אַזוי לאַנג צוריק איז פון לאָדז אויסגעגאַנגען אונבעשרייבליכע צדקה. מיט די נעמען, וואָס איר זעט דאָ, זיינען פאַרבונדען גרויסע שפּיטאָלען, יתומים־הייזער, מוסדות־חסד, וואָס האָבען ממש נישט געהאַט זייערס גלייכען. אַלץ וואָס איז פאַרבליבען — זיינען די מצבות.

איך בין צוגעגאַנגען צום קבר פון גרויסען לאָדזער רב, ר׳ אלי׳ חיים מייזעל ז״ל, און שטיל מתפלל געווען. ווען נאָך אַמאָל אויפשיינען אַ ליכט־שטראַל איבער דער שטאָט, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל חכמה און מסירת נפש געפירט? ווען נאָך זיין אַ „מאָרגען" פאַר לאָדז, וואָס האָט אַזאַ פּרעכטיגען עבר און, ליידער, נישט קיין „היינט"?

4.

קראָקע.

די „ירושלים דפולין" פאַרמאָגט היינט צוויי שוהלען: די רמ״א שוהל און דעם אַמאָליגען טעמפּעל אויף מיאַדאָווא גאַס, וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שוהל.

דער שבת, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קראָקע, איז געווען בעצם צוגעפּאַסט צו אַזאַ וויזיט. מען האָט געבענשט ראש חודש אב. עס איז געווען אין מיטען פון די „ג׳ דפורענותא". אין דער קליינער אָבער, ווי



אַלטע שוהל פון דרויסען נאָך אַ רענאָוואַציע

רמ״א שוהל פון אינווייניג

מצבה פון רמ״א

מצבה פון ר׳ יואל סירקיש

מצבות פון הגאון ר׳ העשל און הגאון בעל מגיני שלמה

מצבה פון הגאון ר׳ יו״ט ליפמאַן העלער, בעל תוספות יום טוב

די הויכע שוהל פון דרויסען



דרום וואַנט פון דער הויכער שוהל (נאָך דער רענאָוואַציע



פראַגמענט פון דער דרום וואַנט



טייל פון זעלבען פראַגמענט

תמיד, שיינער רמ״א שוהל, האָבען געדאַוועגט בערך דריי מנינים אידען. דער גייסט פון רמ״א האָט געשוועבט איבער דער שוהל; וואו ער האָט געדאַוונט, טאָר זיך קיינער נישט אַוועקזעצען, זאָגט אַ טאַועל איבער זיין זיץ. דאָס מיינט, אַז ער געפינט זיך כסדר אין שוהל.

די אַלטע, צובראָכענע אידען פון קראָקע האָבען עס אפשר נישט געשפירט אַזוי שטאַרק, ווי איך. ווען מען איז פאַרטיג געוואָרען מיט קריאת התורה און ראש־חודש־בענטשען, האָב איך געזאָגט אַ פּאָר ווערטער צום עולם. איך האָב אָנגעוויזען אויפן היסטאָרישען פאַקט, אַז די משפחה פון רמ״א איז געווען פון די געציילטע רייכע משפחות אין קראָקע און ממילא פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט זי אויפגעבויט דוקא אַזאַ קליינע שוהל? האָט זי דען נישט געהאַט גענוג געלט צו בויען אַ סך גרעסערען מקום־קדוש? נאָר ווייזט אויס, אַז אין יענער צייט איז דער אידישער ישוב אין קראָקע נאָך געווען אַ קליינער. מען האָט נישט געברויכט קיין גרעסערע שוהל.

זאָל דאָס זיין אַ סימבאָל אויך פאַר היינטיגע קראָקעווער אידען. זיי זיינען — האָב איך געזאָגט — ווייטער קליין אין צאָל, צוזאַמענגעשרומפען, אַ קליינער ברוכטייל פון דעם וואָס איז אַמאָל געווען. אָבער עס קען זיך נאָך ענדערען. נאָך שבת חזון קומט שבת נחמו. אין מזרח פון פוילען וואוינען נאָך אידען.- פאַרוואָס זאָלען זיי זיך נישט רירען פון זייער אָרט און קומען קיין קראָקע?

נישט שווער געווען צו דערקענען אויף די פנים׳ער פון די צוהערער, אַז דאָס טרייסט־וואָרט האָט זיי גענומען.

אָבער נאָכן דאַוונען — האָב איך געדאַרפט האָבען אַ טרייסט. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די אַנדערע שוהלען, וואָס זיינען מער קיין שוהלען נישט, און — „אוי לעינים שראו כל אלה!״

די „אַלטע שוהל״ איז אַ מוזעאום. זי איז „אויפגעפרישט״, „באַנייט״, „רענאָווירט״ — רופט עס ווי איר ווילט, אָבער אַוועק פון איר דער גייסט פון די גאונים וקדושים, וואָס האָבען דאָ אויסגעגאָסען זייער האַרץ פאַר השם יתברך. דער אָרון קודש איז פוסט. די בימה שטייט אין דער מיטען, אַרומגעצוימט מיטן אייזערנעם גדר, אָבער מען לייענט נישט מער די תורה! אין דער אַמאָליגער עזרת נשים און אין פאַליש שטייען טישלעך מיט עקספאָנאַטען. אויף די ווענט — אידישע בילדער. אַ מוזעאום „כדת וכדין״... מיר קומט דאָס בלוט אין פנים: דאָס איז די „אַלטע שוהל״ אין

קראָקע, וואו אידען האָבען במשך הונדערטער יאָרען מתפלל געווען? דאָ איז געשטאַנען ר׳ יעקב פאָלאַק, דער רמ״א, דער ב״ח, דער „פני יהושע״, דער „תוספות יום טוב״, דער גאון ר׳ העשיל — און היינט וואָס איז פון דעם געוואָרען?

אָבער באַלד זעט מען נאָך עפּעס אַ סך ערגערס. מיר קומען צו דער „הויכער שוהל״. זי איז געוואָרען אַ וואַרשטאַט, וואו מען פאַרריכט פאַרשיידענע סקולפּטורען, צלמים פון קלויסטערס און קירכען. אויף די ווענט זעט מען העברעאישע אויפשריפטען, ווייל ווען מען האָט די חורבה פון דער „הויכער שוהל״ אַביסעל אויפגעריכט, כדי דער וואַרשטאַט זאָל קענען אַרבייטען, זיינען פלוצים אַרויסגעקומען די אויפשריפטען אויף די ווענט.

אַביסעל ווייטער שטייען די שוהל פון ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס און נאָך אַנדערע מקומות קדושים. דאָרט קען מען בכלל נישט אַריינקומען. זיי זיינען אָנגעפילט מיט סחורות. „שועלים הולכים בהם״...

אַ שטיקעל טרייסט איז וואָס דער בית הקברות ביי דער רמ״א שוהל איז פאַרבליבען נישט באַרירט. די הונדערטער מצבות שטייען און מען קען נאָך איבערלייענען די אויפשריפטען. אויף דער מיאדאווא־גאַס שטייט נאָך די מקוה. עפּעס אַ פונק טליעט נאָך אין קראָקע.

מען גייט אַרויס אין גאַס און מ׳זעט אַלטע הייזער פון די צייטען פון קעניג קאַזימיר דעם גרויסען. ער האָט אידען געגעבען רעכט און פּריווילעגיעס. ער האָט אויפגעבויט פוילען. פונקט 600 יאָר זיינען שוין פאַרביי פון יענעם איידעלען מלך. אידען האָבען דורך דער צייט מיט־געבויט קראָקע און אויפגעשטעלט דאָ די „ירושלים דפולין״. וואָס איז פון דעם אַלעם געוואָרען?

אין די אויערן זשומען נאָך די ווערטער פון דער הפטורה, וואָס מען האָט אָקאָרשט געזאָגט אין דער רמ״א שוהל: „שמעו דבר ד׳ בית יעקב וכל משפחות ישראל... שומו שמים על זאת... העבד ישראל אם יליד בית הוא, מדוע היה לבז?״

5.

ריישע.

צווישען די „ערים ואמהות בישראל״ האָט ריישע געשפּילט אַ גרויסע

ראַל. פון די עלטסטע קהילות אין פוילען, געהאַט אַ גאָלדענע קייט פון רבנים, צווישען זיי דער „ברכת הזבח״, דער „שבות יעקב״, דער „ברכת רצה״ — ביז צום לעצטען ריישער רב, וואָס האָט באַשיינט דעם נאָמען ריישע אין דער גאַנצער אידישער וועלט, מיין פאָטער, זכר צדיק וקדוש לברכה.

ווער קען באַשרייבען די שיינקייט און דערהויבענקייט פון ריישע אין די לעצטע דרייסיג יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אויפן כסא הרבנות זיינען געזעסען ר׳ נתן און ר׳ אהרן לעווין זצ״ל?

און ווער קען אויסדריקען אין ווערטער דאָס געפיל, ווען איך האָב נאָך 33 יאָר ווידער באַטראָטען ריישע און — געפונען אַ פרעמדע שטאָט. קיינער האָט מיך נישט דערקענט און איך האָב קיינעם נישט דערקענט. דאָס הויז, אין וועלכען מיר האָבען אַמאָל געוואוינט איז געווען פאַרמאַכט. אידען זיינען אַהין נישט געגאַנגען, ווייל עס זיינען קיין אידען אין ריישע נישטאָ. אַלץ אַרום דער אַמאָליגער בית־דין־שטוב איז געווען פרעמד. אויפגעקומען אַ נייע וועלט.

איך בין געגאַנגען זוכען באַקאַנטע — אויפן בית־החיים. געווען אין ריישע גאַנץ אַלטע בית־החיים׳ס אין מיטען שטאָט, אָבער זיי זיינען פאַרשוואונדען ווען די דייטשע „קולטורטרעגער״ האָבען באַזעצט ריישע. דאָרט האָבען זיי פאַרזאַמעלט די אידען ווען מען האָט זיי געשיקט צום טויט. דער גרויסער בית־החיים איז מחוץ לעיר. ער איז פאַרבליבען, אָבער אין מוראַ׳דיגען צושטאַנד. מצבות אומגעוואָרפענע, גראָז אויסגעוואַקסכן כמעט אַ מעטער הויך.

איך האָב זיך געלאָזט גייען איבערען בית־החיים, זוכענדיג מצבות פון קרובים און באַקאַנטע. געפונען האָב איך די מצבה פון מיין זיידען, הגאון ר׳ נתן זצ״ל, און דער ביי די מצבות פון בלאָזעווער רבין ר׳ צבי אלימלך זצ״ל און זיין זון דעם ריבאָטיטשער רב, ר׳ יהושע זצ״ל. די דריי קברים זיינען געבליבען נישט באַרירט. נישטאָ דער אוהל איבער זייערע קברים, אָבער די מצבות שטייען.

זיי זיינען געווען גרויסע גוטע פריינט ביים לעבען. איצט איז קלאָר געוואָרען, אַז „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״. זיי האָבען איבערגעשטאַנען דעם אַנגריף פון די דייטשען, ימח שמם, וועלכע האָבען געוואָלט פאַרשוועכען די אידישע בית־החיימס. זיי רוען ווייטער בקירוב מקום. די דריי מצבות זיינען אַן אייביגער מאָנומענט, אַז „דורש דמים



צבה פון הגאון ר׳ נתן לעווין זצ״ל אין רישא

אותם זכר לא שכח צעקת ענוים". אַ פאַרבייגייענדיגער פאַלאַק, וועלכער האָט מיך געזען אַרומגייען צווישען די קברים, האָט מיר דערציילט, אַז די קולות פון די אידען, וועלכע די דייטשען האָבען געבראַכט אויפן בית־החיים לעבעדיגערהייט און דאָ געשאָסען און באַגראָבען, זיינען געגאַנגען „עד לב השמים". דאָס איז זיכער די „צעקת ענוים", וואָס דוד המלך האָט דערמאָנט!

היינט איז אַלץ אַזוי שטיל אין ריישע. ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען די צוויי פרעכטיגע שוהלען, אין וועלכע מיין פאָטער זצ"ל פלעגט האַלטען זיינע מייסטער־דרשות, און זיי געפונען פאַרמאַכטע און פאַרשלאָסענע (עס איז געווען אין אַ זונטאָג און דאַמאָלסט זיינען זיי געשלאָסען, ווייל עס געפינען זיך דאָרט עפעס אַרכיוועז און אַנדערע ביוראָס), האָב איך דערשפירט כמעט אַ דערלייכטערונג אין מיין ענדלאָזען צער: מיינע אויגען האָבען נישט געמוזט זעען די פאַרשוועכונג פון קודש־הקדשים... איך האָב גענוג געהאַט דאָס, וואָס מיינע אויגען האָבען געזען אין די קראָקעווער שוהלען!

6.

גער.

זיין אין וואַרשע און נישט אַרויספאָרען קיין גער — איז אוממעגליך. טויזענטער אידען פלעגען פאָרען קיין גער יעדען ערב שבת און ערב יום טוב, כדי צו זען דעם גערער רבי"ן, ר' אברהם מרדכי זצ"ל. אין גער האָבען זיי געפונען גייסטיגע הילף. פון גער פלעגט אַ איד צוריק פאָרען אַ געשטאַרקטער, אַ דערהויבענער. אין גער האָט אַ איד געשעפט מוט און כח.

בין איך געפאָרען קיין גער, כדי צו באַנייען די אַלטע טראַדיציע. זאָל אין יאָר תשל"ג כאָטש איין איד פאָרען פון וואַרשע קיין גער.

איך בין נישט געפאָרען, ווי אידען אַמאָל, מיט דער „קאָלייקע" (באַן), נאָר מיט אַ אויטאָמאָביל, און בין, קודם כל, פאַרפאָרען צום בית־החיים, וואו עס ליגען דער בעל „חידושי הרי"ם" און בעל „שפת אמת", זכרונם לברכה.

אַרום דעם פעלד איז דאָ אַ שטאַרקער גדר. די טיר איז געווען



דאס בית המדרש אין גער — היינט אַ סחורה מאַגאַזין

דער קבר פון בעל חידושי הרי״ם זצ״ל און בעל שפת אמת

פאַרשלאָסען און איך האָב נישט געהאַט קיין שליסעל, כדי צו עפענען דאָס פאַרזשאַווערטע שלאָס. סוף־סוף האָט מיר אַ שכן געוויזען אַ לאָך אין גדר און איך בין אַריינגעקומען אויפן בית־החיים.

קינדער האָבען זיך געשפילט דרויסען. ווען איך בין געווען אינעווייניג, אויפן בית־החיים, האָבען זיי אָנגעהויבען וויינען און געזאָגט צום אויטאָמאָביל דרייווער, וואָס האָט אויף מיר געוואָרט: „שלאַנגען געפינען זיך אויפן פעלד, וואָס בייסען, ווען מען קומט דאָרט אַריין!״

אָבער איך בין אַרויס בשלום. קיין שלאַנגען האָבען מיך נישט געביסען. איך האָב געפונען די קברים פון „חידושי הרי״ם״ און „שפת אמת״ אין מיטען פון גרויסען פעלד. איך האָב געפילט, אַז אַ גייסט פון קדושה וטהרה נעמט אַרום דעם בית־עלמין. נחשים ועקרבים האָבען דאָרט קיין שליטה נישט געהאַט, לויט דער באַקאַנטער גמרא אין שבת כ״ב וועגען יוסף הצדיק.

איך האָב שפעטער באַזוכט דעם גערער הויף, וואו דער רבי האָט געוואוינט און אויפגענומען די חסידים. היינט געפינען זיך פאַרשיידענע סחורות אין דעם אַמאָליגען בית־מדרש און די דירות זיינען באַוואוינט פון אָרטיגע מענשען, נישט קיין אידען.

פוסט און עלענד איז געווען דער גרויסער פלאַץ פאַרן בית־מדרש.

7.

לאַנצוט.

נישט ווייט פון פרעכטיגען פאַלאַץ פון די פאָטאָצקיס שטייט די אַלטע לאַנצוטער שוהל, אין וועלכער איך האָב, אין מיין יוגענט, אייניגע מאָל גערעדט פאַר גרויסע מאַסען אידען. היינט איז די שוהל פאַרמאַכט. איך האָב נישט געקענט אַריינקומען און עס איז אויך נישט געווען פאַר וועמען צו רעדען.

אויפן אַלטען לאַנצוטער בית־החיים רוהט דער גרויסער צדיק, רבי נפתלי צבי פון ראָפשיץ. ער רוהט דאָרט שוין באַלד 150 יאָר. אויפן דאָזיגען בית־החיים האָט זיך באַזונדער געהאַט פאַרלייגט דער לאָקאַלער בירגערמייסטער און אים געוואָלט דוקא מאַכען פאַר אַ מאַרק־פלאַץ. יאָרען לאַנג האָבען מיר געקעמפט געגען דעם שרעקליכען פאַרלאַנג פון

לאַנצוטער בירגערמייסטער. די וואַרשעווער מאַכט־אָרגאַנען האָבען אַרויסגעוויזען פאַרשטענדעניש פאַר דער בקשה פון די גרויסע חסידישע רביים אין אַמעריקע און נישט דערלאָזט צום חילול הקודש.

איך האָב באַזוכט דעם בית־החיים און פעסטגעשטעלט, אַז ער איז נישט באַרירט געוואָרען. ווייזט אויס, אַז אויפן דאָזיגען בית־החיים איז מקויים געוואָרען דאָס וואָרט פון ראָפשיצער צדיק זצ״ל אין זיין ספר „זרע קודש״. ער האָט געזאָגט, אַז ווייל אידען היטען אָפ די חוקי ד׳ וואָס האָבען נישט קיין טעם, קומט זיי פון השם יתברך, אַז ער זאָל מיט זיי טאָן צדקה אויך אָן אַ טעם. דער בית החיים איז אין מיטען שטאָט און דער לאַנצוטער בירגערמייסטער האָט אָנגעוואָנדען אַלץ לעגאַלע מיטלען, כדי צו איבערצייגען די רעגירונג, אַז דער פאַרלאַנג וואָס איז געוואָרען געשטיצט דורכן שטאָט־ראָט, דאַרף ווערען אויסגעפירט. אָבער ממש אָן אַ טעם איז דער פאַרלאַנג געוואָרען אָפּגעוואָרפען.

ווען אַ פּאָלאַק, וואָס איך האָב אים געטראָפען אין שכנות פון בית החיים, האָט מיר דערציילט די מעשה, מסיח לפי תומו, אַז וואַרשע האָט אָפּגעוואָרפען אָן אַ טעם דעם פאַרלאַנג פון בירגערמייסטער, האָב איך געטראַכט: „כמה גדולים דברי חכמים!״ דער ראָפשיצער רב האָט זיך אַליין אָם בעסטען פאַרטיידיגט זיין קבר.

8.

אוישוויץ.

עס איז מיר נישט געבליבען פאַרשפאַרט צו זעען דעם שרעקליכען אָרט, וואו אַזויפיל אידען האָבען אויסגעהויכט זייערע נשמות קדושות.

בעת מיין נסיעה איבער פוילען האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט אין אָשוויענצים, וואָס די דייטשע רוצחים האָבען משנה־שם געווען אויף „אוישוויץ״.

איך האָב דאָרט געזען די באַראַקען, וואָס זיינען אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיגען דראָט, דורך וועלכען עס פלעגט דורכגיין אַ שטאַרקער עלעקטרישער שטראָם. איך האָב געזען די „טויט־וואַנט״, ביי וועלכער מען האָט געשאָסען די אומשולדיגע מענשען. איך האָב געזען די תליות,

אַריינגאַנג צום לאַגער אין אוישוויץ

קרעמאַטאַריום אין אוישוויץ

איוף וועלכע מען האָט געהאָנגען די מענשען. עס שטייען נאָך די קאַלך־אויוועגס, אין וועלכע מען האָט פאַרברענט די טויטע גופים.

אין דערבייאיגען בזשעזינקע פלעגען די באַנען אָפּשטעלען צענדליגער טויזענטער אידען און מען פלעגט זיי פירען אין די באַראַקען. פון אונטער גלאָז־ווענט זעט מען די הויפענס שיך, האָר, אַנדערע זאַכען, וואָס די רוצחים האָבען אַוועקגענומען ביי זייערע קרבנות. מען זעט די פאַרבלוטיגטע טליתים, תפילין. אַ מורא, אַ ציטער נעמט אַדורך. מען גייט פון קאַמער צו קאַמער, פון איין פלאַץ צום צווייטען, וואו די רציחות, די בעסטיאַליטעטען האָבען זיך אָפּגעשפּילט.

די אויגען ווערען פלוצים פאַרוואַנדעלט אין אַ מקור פון טרערען און פון האַרץ רייסט זיך אַרויס אַ געשריי:

אבינו מלכנו, עשה למען הרוגים על שם קדשך.
אבינו מלכנו, עשה למען טבוחים על יחודך.
אבינו מלכנו, עשה למען באי באש ובמים על קדוש שמך.
אבינו מלכנו, נקום נקמת דם עבדיך השפוך!

די דריי לובלין׳ס

(איינדרוקען פון אַ נסיעה קיין לובלין אין זומער תשל״ד)

1.

די ערשטע איז די היסטאָרישע אידישע לובלין, די שטאָט פון ר׳ שלום שכנא, מהרש״ל, ר׳ שלמה ר׳ לייבוש״ס, מהר״ם, ר׳ העשיל, ר׳ שמחה הכהן ראפּאַפּאָרט ר׳ עזריאל „דער אייזערנער קאָפּ״, ר׳ יעקב יצחק הורוויץ דער „חוזה״ און אַנדערע ארזי הלבנון. די לובלין פון „ועד ארבע ארצות״, וואָס האָט זיך פאַרשריבען אין דער אידישער געשיכטע מיט גאָלדענע אותיות אַלס די „ירושלים דפולין״ און די קרוין פון דער אידישער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט כמעט נישט איר גלייכען אין די



בנין פון ישיבת חכמי לובלין

יאָרהונדערטער פון דער וואַנדערונג פון אונזער פאָלק איבער אַלע גלות־לענדער.

די צווייטע לובלין איז די שטאָט פון ר׳ מאיר שפירא און „ישיבת חכמי לובלין״. צווישןביידע וועלט־מלחמות האָט לובלין זיך פלוצים אַרויסגערוקט אויפן פראַנט. די אידישע וועלט האָט דערזעען אין לובלין דעם אויפגייענדיגען שטערן פון דער תורה. עפּעס אַ נייע ליכט האָט אויפגעשיינט אין לובלין. די אידישע יוגענט אין פּוילען האָט געחלומ׳ט וועגן לובלין. אַריינצוקומען אין לובלינער ישיבה איז געוואָרען אַן אידעאַל.

און די דריטע לובלין איז די היינטיגע. לובלין אָן אידען. לובלין אָן אַ זכר פון אידישקייט, וואו עס שטייען נאָך די בית־החיים׳ס, אָבער קיינער קימערט זיך נישט וועגן זיי. אַ פּאָר אַלטע מצבות זיינען נאָך פאַרבליבען, קוים צו דערקענען. עס וואַקסט אַרום זיי און כמעט איבער זיי ווילד גראָז, וואָס פאַרדעקט די אויפשריפטען אויף די מצבות. דאָס איז אַלץ.

2.

אין מיין לעבען האָט לובלין געשפּילט אַ גרויסע ראָל. יאָרען לאַנג האָב איך געפאָרשט די היסטאָרישע לובלין, די געשטאַלטען פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, דעם „ועד ארבע ארצות״. איך האָב פּרובירט צו דערגיין פאַרוואָס די מצבה פון מהר״ם האָט זיך נישט געפונען אין לובלין, פאַרוואָס דער מהר״ם און מהרש״א ווערען אין איין צייט באַצייכענט אַלס לובלינער רבנים. איך האָב פאַרבראַכט לאַנגע שטונדען איבער די כתבי־יד פון די גרויסע גאונים, וואָס איך האָב געפונען אין דער באָדלעיאַן־ביבליאָטעק אין אָקספאָרד. איך האָב אַמאָל באַקומען אַ דאָקומענט, וואָס האָט צונישט געמאַכט די טעאָריע, אַז דער „ועד ארבע ארצות״ האָט שוין עקזיסטירט אין יאָר 1540, אין די צייטען פון ר׳ שלום שכנא. דער דאָקומענט, אויף לאַטייניש, איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין מיין בוך וועגן חרם אין ליטע. דאָרט האָב איך אויפגעוויזען, אַז ר׳ שלום שכנא האָט געהאַט צו טאָן מיטן פּוילישען מלך זיגמונד דעם ערשטען, אָבער דעמאָלט איז נאָך קיין „ועד ארבע ארצות״ נישט געווען. לאַנגע יאָרען פון מיין לעבען האָב איך געווידמעט אַט דער אַלטער לובלין פון אידישער מאַיעסטעט, פון גלאַנץ און פּראַכט.

דאָס איז געווען אַ גייסטיגע פאַרבינדונג מיט לובלין במשך יאָרען. יאָרען פון מי און מאַטערניש, יאָרען פון פאָרשונג, יאָרען פון „בינו שנות דור ודור״.

און דאַן איז געקומען די צווייטע לובלין. איך בין געפאָרען צו דער עפענונג פון „ישיבת חכמי לובלין״ מיט מיין אומפאַרגעסליכען פאָטער זצ״ל, ווען עס האָט פאַרבונדען אַ האַרציגע פריינטשאַפט מיט ר׳ מאיר שפירא.ביידע זיינען געזעסען אין פוילישען סיים און געפירט די פויליש־אידישע תורה־וועלט. ביידע זיינען געווען יונג, מוטיג, ענערגיש. ביידע האָבען געטראָגען די פאַן פון דער „אגודת ישראל״ אין פוילען. און ווען עס איז געקומען די צייט, ווען ר׳ מאיר שפירא האָט געזאָלט עפענען די טויערן פון זיין ישיבה פאַר דער עליטע פון דער רעליגיעזער יוגענט אין פוילען, איז מיין פאָטער זצ״ל געווען איינער פון די געהויבענע געסט. איך געדענק ווי ר׳ מאיר שפירא איז געקומען באַגריסען מיין פאָטער אין זיין אכסניא ביי ר׳ הירשל זילבערשאַץ און ביידע זיינען אַוועק צום טשאָרטקאָווער רבי׳ן זצ״ל. איך בין מיטגעפאָרען און עס שטייט מיר פאַר די אויגען דאָס בילד ווי דער אַלטער טשאָרטקאָווער איז געזעסען מיט די צוויי פירער פון פוילישען אידענטום און „כתואר פני המלך״ געשטראַלט. אין יענעם מאָמענט האָט מען געקענט זען מלכות ביי אידען.

איך אַליין האָב דעמאָלט מיטגעבראַכט פאַר ר׳ מאיר שפירא אַ קליינע אַרבעט. ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים ברענגען צו דער עפענונג פון „ישיבת חכמי לובלין״ אַ באַשרייבונג אויף פויליש פון בית המקדש. אין אַ ספּעציעלען צימער האָט ר׳ מאיר שפירא געהאַט אויפגעשטעלט אַ מאָדעל פון „בית המקדש״ און מען האָט גערדאַרפט ווייזען דעם מאָדעל די גרויסע פוילישע ווירדענטרעגער, וואָס זיינען געווען איינגעלאַדען צו דער פייערליכער חנוכת הבית. כדי זיי זאָלען פאַרשטיין וואָס דאָס איז, האָט מען זיי געמוזט געבען אַ באַשרייבונג אויף פויליש און דאָס האָט מיר ר׳ מאיר שפירא איבערגעגעבן. עס איז געוואָרען אָפּגעדרוקט און פאַרטיילט אין טאָג פון דער עפענונג.

דערנאָך האָב איך געזען די לובלינער ישיבה אין איר גאַנצער פראַכט, ווען איינמאָל שפּעט ביינאַכט איז מיין פאָטער זצ״ל צוגעפאָרען אויף אַ וויזיט אין ישיבה. דאָס איז שוין געווען אייניגע יאָר נאָך דער עפענונג. מיין פאָטער האָט גערעדט אויף אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג אין לובלין. ר׳ מאיר שפירא איז דעמאָלט שוין נישט געווען אין סיים. ער האָט

זיך געהאַט צוריקגעצויגען פון דער פאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט, כדי זיך קענען אינגאַנצען ווידמען דער ישיבה. מיין פאָטער האָט נאַטירליך אָנגעזאָגט אַ וויזיט אין ישיבה נאָך דער פאַרזאַמלונג און ר׳ מאיר שפירא האָט אויף אים געוואַרט מיט דער גאַנצער ישיבה. מיטגעקומען איז נאָך אַ אידישער פאַרלאַמענטאַרירער, אַ אידישער סענאַטאָר, אַן איידעלע פערזענליכקייט, דער באַנקיר רפאל שערעשאַווסקי. איך געדענק דאָס בילד פון יענער נאַכט. נאָך אַ האַרציגען שמועס האָט ר׳ מאיר שפירא אונז אַריינגעפירט אין גרויסען לערן־זאַל פון דער ישיבה, וואו ער האָט פייערליך באַגריסט מיין פאָטער זצ״ל. מיין פאָטער האָט געזאָגט אַ דבר תורה אויף זיין פרעכטיגען שטייגער. עס איז געוואָרען גאָר שפעט. דער אויטאָ האָט געוואַרט און מיר זיינען צוריקגעפאָרען קיין וואַרשע.

און נאָך איין מאָמענט געדענק איך פון יענער לובלין. דאָס איז געוועזן די לווי׳ פון הרב שפירא. ווען די קאַטאַסטראָפע איז געשען און דאָס פוילישע אידענטום האָט באַוויינט איינעם פון זיינע שענסטע זין, האָבען מיר זיך פאַרזאַמעלט פאַרן בנין פון דער ישיבה. עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערן די ווערטער פון מיין פאָטער זצ״ל אין זיין הספד: „אמר רבי מאיר, בזמן שאדם מצטער, שכינה מה הלשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי״ (סנהדרין מ״ו) ווען ר׳ מאיר אַליין וואָלט געדאַרפט איצט אונז עפעס זאָגען, וואָלט עס געזאָגט די שכינה — „קלני מראשי קלני מזרועי״, עס פעלט דער קאָפּ און עס פעלט די האַנט פון תורה־אידענטום!״ עס איז געבליבען אַ פאַר־יתומ׳טע לובלין. די צווייטע לובלין, וואָס איך האָב געקענט, האָט פאַרלוירען איר קרוין.

3.

ביים איבערגאַנג פון דער צווייטער צו דער דריטער לובלין, ממש ביים סאַמע סוף פון דער תקופה צווישעןביידע וועלט־מלחמות, איז מיר אויך אויסגעקומען צו זיין אין דער שטאָט.

דאָס איז געווען דער ערשטער שבת פון דער מלחמה, שבת סליחות תרצ״ט.

לובלין האָט געברענט. די דייטשע עראָפּלאַנען האָבען באָמבאַרדירט לובלין. פון אַלע זייטען האָבען פייער־צונגען אַרומגענומען די אַלטע

אידישע מעטראָפּאָליע, וועלכע איז געווען פאַרפולט נישט נאָר מיט אירע אייגענע איינוואוינער, נאָר אויך מיט טויזענטער און טויזענטער פרעמדע, וועלכע זיינען געלאָפן פון מערב־פוילען קיין מזרח.

די ישיבה איז שוין דעמאָלט געווען פאַרנומען דורך אַ מיליטערישען שפּיטאָל. איך בין אָנגעקומען פרייטאָג נאָכמיטאָג און צוגעפאָרען צו דער ישיבה, אָבער עס איז שוין דעמאָלט נישט געווען מעגליך אַריינצוקומען. פון דרויסען האָט נאָך געשיינט די אויפשריפט: „לכו בנים שמעו לי יראת ד׳ אלמדכם״. דער לובלינער רב האָט דאָס געהאַט אויסגעזוכט אַלס אויפשריפט פאַר דער פּרעכטיגער געביידע. אָבער אין יענעם סעפּטעמבער־פרייטאָג זיינען שוין נישט געווען קיין „בנים״ אין דער געביידע. איך האָב דעם שבת פאַרבראַכט אין אַ צימער אויף דער לובאַרטאָווער גאַס. ממש ווי אַ האַגעל זיינען אויף לובלין געפאַלען די דייטשע באָמבעס. אין אַ הויז דערנעבען, וואו עס האָט געוואוינט דער טריסקער רבי, איז אַ באָמבע געפאַלען, אָבער זי האָט זיך עפּעס אונטערגעגראָבען אונטערן הויז און נישט עקספּלאָדירט. אַ מופת! ווער האָט דעמאָלט געהאַט די מעגליכקייט צו טראַכטען וועגען דער ישיבה?

מוצאי שבת זיינען מיר אַוועק פון דער ברענענדער לובלין, זינט דעמאָלט האָב איך לובלין נישט מער געזען — ביז זומער תשל״ד.

4.

דאָס איז די דריטע לובלין. לובלין אָן אידען.

עס איז לייכט פאַרשטענדליך, אַז ווען איך בין געפאָרען פון וואַרשע קיין לובלין און דורכגעפאָרען מיטן אויטאָ די צאָלרייכע שטעטלעך און דאָרט נישט געטראָפען קיין אידען, האָב איך נישט געהאַט קיין אילוזיעס, אַז גראָד אין לובלין וועל איך נאָך טרעפען עפּעס שפּורען פון דער אַלטער הערליכקייט.

אָבער די פאַנטאַזיע האָט געשפּילט. נאָך אַזעלכע הערליכע זכרונות פון דער תקופה צווישען די צוויי וועלט־מלחמות — האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט גלויבען אַז אויך ישיבת חכמי לובלין איז חרוב געוואָרען...

איך בין צוגעפאָרען צו דער לובאַרטאָווער גאַס אין באַגלייטונג פון לובלינער ראש־הקהל מר. שלמה גאראן, און אָט זע איך פאַר זיך די

גאַנצע פּרעכטיגע געביידע וואָס הרב שפּירא האָט אויפגעבויט. עס פעלט גאָרנישט, נאָר די אויפשריפט „לכו בנים שמעו לי יראת ד׳ אלמדכם״ איז אויסגעמעקט.

מיר גייען אַריין אינעווייניג. היינט איז דאָרט אַן אָפּטיילונג פון אַ מעדיצינישער אַקאַדעמיע. איך בין אַריינגעגאַנגען אין זאַל וואו הרב שפּירא האָט געגעבען זיינע שיעורים. נישטאָ קיין זכר פון תורה. פּוסטקייט. די בענקלעך זיינען נישט פאַרנומען. וואו זייט איר תלמידים, וועלכע האָבען געקענט 200 בלאַט גמרא אויסווייניג ביים אַריינגיין אין דער ישיבה? וואָס איז דאָ פּאַסירט?

„שכבו לארץ חוצות נער וזקן, בתולותי ובחורי נפלו בחרב, הרגת ביום אפך, טבחת, לא חמלת!״ — ווילט זיך אויסשרייען. דער קאָפּ דרייט זיך, די אויגען ווערען פלוצים פאַרוואַנדעלט אין אַ קוואַל פון טרערען און די פיס האַלטען זיך ביי ברעכען. לאָמיר לויפען ווייט אַוועק, ווייל דאָס בילד איז נישט צו דערטראָגען.

איך בין אַ צעבראָכענער אָנגעקומען צום בית החיים, וואו מען האָט געלייגט צו זיין אייביגער רו דעם אומפאַרגעסליכען אַרכיטעקט פון ישיבת חכמי לובלין, און איך טראַכט ביי זיך: ווי לאַנג איז דערין וועץ ר׳ מאיר שפּירא האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט די פּלענער פון דער ישיבה? ער האָט אַלץ אַליין געהאַט דורכגעטראַכט: דאָ וועט זיין דער גרויסער לערן־זאַל, דאָ וועט זיין די ביבליאָטעק, דאָ וועלען די תלמידים פאַרברענגען זייערע טעג, דאָ וועט שטיין דער מאָדעל פון בית המקדש... איך געדענק אַזוי גענוי ווי הרב שפּירא האָט אונז נאָך פאַר דער עפענונג פון דער ישיבה אַלץ געוויזען אין די צוגעגרייטע פּלענער. היינט שטייט אַלץ ווי ער האָט עס פּלאַנירט, נאָר נישטאָ דער רבי און נישטאָ די תלמידים. טאָ אפשר וועט מען נאָך קענען עפּעס דערגיין ביי זיין קבר?

דער אוהל פון ר׳ מאיר שפּירא איז אָבער אויך ליידיג. נאָך דער מלחמה האָט מען זיינע עצמות אַוועקגעפירט קיין ארץ־ישראל. מערקווירדיג: אַרום דעם אוהל איז ווייניג וואָס ניצול געוואָרען. כמעט אַלע מצבות האָט די דייטשע פאַרברעכער־האַנט צעהאַקט און צעבראָכען. אָבער אויף ר׳ מאיר שפּירא׳ס קבר האָבען די נאַציס קיין שליטה נישט געהאַט. דער אוהל איז נישט געוואָרען באַרירט. ער איז נאָר היינט פאַרמאַכט. די אייזערנע טיר איז פאַרשלאָסען. וואו קען מען מתפלל זיין?

פון דער אַנדערער זייט פון בית החיים איז פאַראַן אַן אַנדער אוהל פון ר׳ צדוק הכהן. אויך דער אוהל איז היינט פאַרמאַכט, אָבער דאָרט זיינען, ווייזט אויס, נאָך פאַרבליבען די עצמות פון גרויסען צדיק און בעת מיר שטייען ביים אוהל רייסט זיך אַרויס אַ שטילע תפילה פון אַ טיף־פאַרוואונדעט האַרץ: „מכניסי רחמים הכניסו רחמינו לפני בעל הרחמים. משמיעי תפילה, השמיעו תפילתנו לפני שומע תפילה. משמיעי צעקה השמיעו צעקתנו לפני שומע צעקה. מכניסי דמעה, הכניסו דמעותינו לפני מלך מתרצה בדמעות...״

5.

די זעלבע געפילען נעמען אונז אַרום ווען מיר קומען צום עלטסטען אידישען בית החיים, וואו עס ליגט ר׳ שלום שכנא און דער מהרש״ל. דאָס איז דער זכר פון דער ערשטער לובלין, פון דער היסטאָרישער מאַמע פון פוילישען אידענטום. שווער געווען אַנצוקומען אויפן באַרג וואו דער הייליגער קבר פון ר׳ שלום שכנא שטייט נאָך. אָבער עס איז געווען כדאי די מי.

אָט איז די מצבה. די ערשטע ווערטער זיינען:

„האבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי׳ בית מלון לאיש אלקים קדוש ונורא אשר הרביץ בישראל תורה יותר מכל אשר הי׳ לפניו בדרי בתראה״.

וויפיל זאָגען אונז שוין די דאָזיגע ווערטער אויפן גרויסען שטיין!

„דאָ ליגט דער ג־טליכער מענש, וועלכער האָט פאַרשפרייט תורה ביי אידען — מער ווי ווער עס איז פאַר אים אין די לעצטע דורות״.

„נאסף אל עמיו ביום ו׳ ר״ח כסלו שי״ט״.

דאָ ליגט דער אידישער פירשט, דער נשיא בישראל, ר׳ שלום שכנא.

הונדערטער יאָרען זיינען שוין אַוועק זינט דער פטירה פון ר׳ שלום שכנא און זיכער איז נאָך נישט געווען קיין חורבן, וואָס זאָל זיין גלייך צו דעם, וואָס מיר זעען איצט פאַר אונזערע אויגען.

וועט ער צולאָזען, אַז זיין פאָלק זאָל ווייטער ווערען געפּלאָגט און דערנידעריגט?

ניין. ר׳ שלום שכנא וואַכט איבער דעם עם ישראל.

אויפ׳ן אַלטען בית החיים אין וואָרמס

דער אידישער ישוב אין וואָרמס האָט זיך, לויט אַ טראַדיציע, אָנגעהויבען נאָך פאַר׳ן חורבן הבית. במשך פון קנאַפּע צוויי טויזענט יאָר האָבען אידען געלעבט אין דער דאָזיגער אַלטער שטאָט ביים ריין. געלעבט און — געליטען. ווייל נישט געווען קיין איין צרה ביי אידן אין דייטשלאַנד אַז וואָרמס זאָל פון איר נישט ווערען באַטראָפען. ביים ערשטען קרייץ־צוג אין יאָר 1096 (תתנ״ו) האָבען הונדערטער אידען אין וואָרמס פאַרלוירען זייער לעבן על קידוש השם, און אַ זכר דערפון איז געבליבען אין די קינות פון תשעה באָב, וואו אין האַרץ־רייסענדען פּיוט פון ר׳ קלונימוס בן ר׳ יהודה „מי יתן ראשי מים ועיני מקור נוזלי״ ווערט געזאָגט:

„ובמר יגוני ועצבי יללי אחבירה
קהלות הקודש הריגתם היום בזכרה,
קהל וורמיישא בחונה
ובחורה...״
(אויף אידיש:
מיט אַ טיפן שמערץ און אומעט
וועל איך קלאָגן
אויף די הייליגע קהילות,
וואָס זייער אונטערגאַנג דער־
מאָן איך היינט:
וואָרמס, די אויספּרובירטע און
אויסגעוויילטע...״)

און דער פּייטן קלאָגט אויף אַ דאָפּעלטען חורבן פון וואָרמס, איינעם אין 23־טן טאָג פון חודש אייר, און דעם צווייטן אין חודש סיון, ווען ביים זינגען הלל האָבען די קדושים אויסגעהויכט די הייליגע נשמות.

וואָרמס איז נישט פאַרשוינט געוואָרען ביים צווייטען קרייץ־צוג אין יאָר 1146 און נישט ביים דריטען, אין יאָר 1196. צווישען איין חורבן און דעם נעקסטען האָבען אידען געבויט זייער קהילה פון־דאָס־ניי. די קיסרים



די ווידער אויפגעבויטע שוהל

די רש"י שטוהל



די פאַרבליבענע מקוה

דאָס קבר פון מהר״ם מראָטענבורג און פון זיין אויסלייזער ר׳ אלכסנדר ב״ר שלמה

די מצבה פון מהרי״ל

די מצבה פון הגאון ר׳ חיים יאיר בכרך זצ״ל

און די פויפסטען האָבן פון זיי געשינדען די הויט געריסען שטייערן, צוגענומען דאָס פאַרמעגען — אָבער די קהילה האָט כסדר אויפגעלעבט. ביי דער „שוואַרצער מגיפה" אין יאָר 1349 האָט מען אידען אין וואָרמס אָנגעקלאָגט, אַז זיי האָבן פאַרגיפטעט די וואַסערן און די קהילה איז געוואָרען אויסגעמאָרדעט אָן אַ געריכט. פיר הונדערט אידען האָבן זיך אַליין פאַרברענט אין די הייזער, כדי נישט צו ווערען געקווילט דורך די הענקער פאַר׳ן טויט. אָבער אין 1355 האָט קייזער קאַרל דער פערטער (דער זעלבער, וואָס האָט פאַרעפענטליכט די באַרימטע „גאָלדענע בולע" וועגען דעם אופן פון וויילן אַ רוימישען קייזער) איינגעלאַדען די אידען, אַז זיי זאָלען צוריקקומען קיין וואָרמס. און אַזוי איז געגאַנגען פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט ביז — עס איז געקומען די שוואַרצעסטע פון אַלע מגיפות אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, און אַ שד אין דער צורה פון אַ דייטש האָט איבערגענומען די מאַכט אין אייראָפּע און געמאַכט במשך פון 5 יאָר, פון 1939 ביז 1944 אַ תל פון אַלע אידישע קהילות. די אידישע וואָרמס איז דאַמאָלט אונטערגעגאַנגען. ווייזט אויס, אַז דאָס מאָל שוין אויף תמיד.

הגם עס איז דאָ אַ צייכען, אַז מען וויל די אידען ווייטער האָבען אין וואָרמס. די אַלטע שוהל, וואָס איז פאַרברענט געוואָרען אין דער „קריסטאַל־נאַכט" פון יאָר 1938, שטייט ווידער. זי איז צוריק אויפגעבויט געוואָרען נאָך דעם ווי די היטלער־מגיפה האָט זיך געענדיגט. די שטאָט וואָרמס און די רעגירונג ריינלאַנד־פפאַלץ האָבען געוואָלט „פאַרדעקען די שאַנד", און אויפ׳ן פלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען די אַלטע שוהל, אויפגעשטעלט אַ נייע, ממש אַ קאָפּיע פון דער אַלטער. חנוכה תשכ״ב האָט מען זי באַנייט. מען האָט זיך באַמיט צוריקצושטעלען — פון די פאַראַנענע אויפצייכנונגען און זכרונות — אַלץ, וואָס איז געשטאַנען זינט מער ווי 900 יאָר: די שוהל גופא, די אַזוי־גערופענע רש״י ישיבה, אַפילו די פאַרטיפונג אין דער אויסערליכער וואַנט, וואו עס האָט אַמאָל פאַסירט אַ נס מיט דער מוטער פון ר׳ יהודה החסיד וועלכע איז געווען שוואַנגער ווען עס איז אויף איר אָרויפגעפאָרען אַ פוהר מיט אַ צעווילדעוועט פערד און דאַמאָלס, זאָגט די לעגענדע, איז די וואַנט צוריקגעשפרונגען, כדי צו ראַטעווען די מוטער פון רבי יהודה החסיד (נפטר געוואָרען אין יאָר 1217).

אָבער די שוהל שטייט פוסט און פאַרמאַכט. נישטאָ קיין אידען אין

וואָרמס. ווען איך בין אָנגעקומען אויף דער אַלטער „אידן־גאַס״ און געוואַלט אַריינגיין, האָט מיר געמוזט עפענען די טיר אַ נישט־אידישע שכנ׳טע פון אַ דערבייאיקער הויז, ביי וועמען עס געפינען זיך די שליסעל צום טויער.

מיט׳ן אויפבויען די חרוב׳ע שוהל האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג זיכער געוואָלט ווי „איינלאַדען״ צוריק די אידען, אַז זיי זאָלען קומען קיין וואָרמס. דאָס איז, וואָס אַן אמת, אַ זשעסט, וואָס רעדט אפשר אַ שענערע שפּראַך ווי דער דעקרעט פון קייזער קאַרל דעם פערטען, וועלכער, האָט נאָר אין זין געהאַט די הכנסות פון אידישע שטייערן. אָבער עס איז אַ גרויסער ספק, צי אידען וועלען פון דעם מאַכן אַ געברויך.

איינס איז אָבער זיכער: אידן וועלען קומען קיין וואָרמס — אַלס באַזוכער. עס איז כדאי צו זען די אַלט־נייע שוהל, די מקוה (וועלכע שטייט אַזוי ווי מען האָט זי געמאַכט אין יאָר 1185, ווייל די דייטשען האָבען עפּעס, על פי נס, זי נישט צעשטערט), די באַרימטע „רש״י־שטוהל״ אין דער ישיבה־געביידע (אויף וועלכער רש״י איז אָבער קיינמאָל נישט געזעסען ווייל זי שטאַמט פון 17טען יאָרהונדערט!) עס נעמט ארום אַ געוואַלטיגער יראת־הכבוד און אַ יראת הרוממות, ווען מען זעט אָט די אַלט־נייע (אָדער בעסער געזאָגט: די באַנייטע) רעשטלעך פון אונזער פאַרגאַנגענהייט. די וואָרמסער שוהל איז כדאי אָנצוקוקען, און עס איז כדאי דאָס נאָכצוטאָן — אויפשטעלן אין אַנדערע שטעט קאָפּיעס פון אַלטען אידישן לעבען. זאָלען נאָך אַמאָל די קומענדיגע דורות זען ווי עס האָט אויסגעזען אַ אידיש „בית מקדש מעט״.

איין באַוואָרעניש האָב איך לגבי דער ניי־אויפגעבויטער שוהל אין וואָרמס. אַן אויפשריפט אויף דער מויער אין דער דייטשער שפּראַך זאָגט אַזוי: „די אַלטע שוהל איז געוואָרען אויפגעבויט אין יאָר 1034, באַנייט אין 1175, די עזרת נשים אין 1213, די רש״י־ישיבה אין 1624, די מקוה אין 1185. אין משך פון די ניין יאָרהונדערטער איז דער דאָזיגער בכבוד׳ער אָרט געוואָרען אָפט צעשטערט דורך שריפות און פאַרפאַלגונגען צולעצט אין יאָר 1938. אויף די אַלטע גרונד־מויערן איז די שוהל געוואָרען ווידער אויפגעבויט, און דעם 3טען דעצעמבער, 1961, איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית״.

דאָס איז אַלץ? דער מאָרד, דער וואַנדאַליזם, די משוגעת פון דער „קריסטאַל־נאַכט״, דער „דזשענאָסאַיד״ פון מיליאָנען אומשולדיגן אידן —

דאָס אַלץ האָט מען אַריינגענומען אין די פיר ווערטער, „צולעצט אין יאָר 1938 ?" הייסט עס, אַז די היטלער־וואַקכאַנאַליע ווערט פאַרגליכן צו די אַלטע „שריפות און פאַרפאָלגונגען?" ניין, בעסער געווען צו שווייגן! בעסער געווען גאָרנישט צו דערמאָנען די פאַרפאָלגונגען און שריפות. בעסער געווען צו שרייבן: „דאָ איז אַמאָל געשטאַנען די אַלטע שוהל פון די אידען אין וואָרמס". מען דאַרף נישט קיין פאַלשע היסטאָרישע לעקציעס. אויב יאָ היסטאָרישע רעמיניסצענצען — דאַן זאָלען זיי געבען אַן אויסדרוק צו דער אוממענשליכקייט, צו דער בעסטיאַליטעט, וואָס דייטשלאַנד איז באַגאַנגען:

* * *

פון דער שוהל בין איך געגאַנגען צום בית־החיים אין וואָרמס.

דאָס בית־החיים איז נישט געוואָרען פאַרניכטעט פון דער היטלער־בעסטיע. עס שטייט נישט־באַרירט, אַזוי ווי עס איז געווען אין אַלטע צייטען, ווען אידן האָבן געלעבט אין וואָרמס.

באַלד ביים אַריינגאַנג שטייען צווי מצבות: איינע פון ר' מאיר בן ר' ברוך, דעם „מהר"ם מראטענבורג", וואָס איז נפטר געוואָרען אין דער דייטשער תפיסה אין יאָר 1293 און איז געקומען לקבר ישראל ערשט אין 1307, ווען מען האָט אים אויסגעלייזט דורך די באַמיאונגען פון אַ פּרנס און גביר ר' אלכסנדר ווימפפען — און די צווייטע, פון אָט דעם אויסלייזער, וועלכער האָט פאַרלאַנגט, אַלס זיין שכר, צו ווערען באַגראָבען נעבען דעם גרויסען פוסק, וואָס האָט אַזויפיל געליטן פון די פאַרפאָלגונגען פון דייטשען מלך רודאָלף פאָן האַבסבורג.

די מצבה פון מהר"ם דערציילט, אַז דעם פערטען תמוז פון יאָר 1046 (1286) איז ער געוואָרען איינגעזעצט אין תפיסה און איז דאָרט נפטר געוואָרען דעם 19טען אייר 5053 „ולא ניתן לקבורה עד ארבע ימים לירח אדר שנת ששים ושבע לאלף הששי". קומט אויס, אַז פערצן יאָר איז דער ארון מיט'ן מהר"מ'ס געביין געשטאַנען ערגעץ אין דער דייטשער תפיסה און געוואַרט אויף קבורה. אַזאַ חסד האָט דער מלך דאָך נישט אָפגעזאָגט דעם אידישען מנהיג! פערצן יאָר האָט מען געוואַרט אויפ'ן אויסלייזגעלט, ביז עס איז געקומען ר' אלכסנדר ווימפפען און באַצאָלט פאַר דער דערלויבעניש קובר צו זיין דעם פוסק.

און די צווייטע מצבה דערציילט וועגן ר׳ אלכסנדר׳ן אזוי: „מלאו לבו והשם אנה לידו לעשות מצוה רבה ולפדות את מורינו רבינו מאיר בן הרב ר׳ ברוך מכלאו אשר היה תפוס אחרי מותו כמה שנים״. ער, ר׳ אלכסנדר (אָדער, ווי עס שטייט אויף דער מצבה, ר׳ אלכסנדרי), איז נפטר געוואָרען אום יום־כיפור פון יאָר 5068, ד.ה. אַ האַלב יאָר נאָך דעם ווי מהר״ם איז געקומען לקבר ישראל. עס איז אויך דערמאָנט אויף דער מצבה אַז דער פרנס האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים קובר זיין „בצידו״ פון מהר״ם.

שטעהענדיג ביי די צוויי קברים האָב איך געטראַכט: וועלכען „פאַרשריט״ האָט די וועלט געמאַכט במשך די 650 יאָר, וואָס טיילען אָפּ די מעשה מיט׳ן מהר״ם מראָטענבורג און ר׳ אלכסנדר ווימפפען פון דער היטלער־צייט... הונדערטער גאונים און צדיקים זיינען אומגעקומען אין תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — און קיין זכר איז נישטאָ פון זייערע הייליגע גופים. מהר״ם האָט וויינעגסטענס זוכה געווען צו באַגראָבען ווערען אויף אַ אידישען בית־החיים און ער רוהט צוזאַמען מיט זיין אויסלייזער. די „מאָדערנע״ וועלט, וואָס האָט איינגעזאַפּט נאָך 650 יאָר ציוויליזאַציע, האָט דעם חסד אויך אָפּגעזאָגט די אידישע קדושים!

דערביי דאַרף דערמאָנט ווערען, אַז רודאָלף פאָן האַבסבורג האָט געוואָלט דעם אידישען פירער „פאַרקויפען״ נאָך לעבעדיגערהייט. ער האָט אים געהאַלטען אין דער פעסטונג ענסיסהיים אין אַלזאַס, און געוואָרט אויפ׳ן אויסלייז־געלט. די אידען האָבן אים אָנגעבאָטען 20,000 מאַרק. דער געלט־גיריגער מלך האָט אָבער געוואָלט מער. האָט מען אָנגעפרעגט דעם געפאַנגענעם רב (צו ווען מען האָט געקענט צוקומען אין דער פעסטונג), צי מען מעג גיין העכער. זיין תשובה איז געווען: ניין! אויב מען וועט וויזען, אַז מען קען פאַר געפאַנגענע אידען באַקומען אַזויפיל געלט, וועט רודאָלף באַלד זיך נעמען צו אַנדערע רבנים. דעריבער איז ער געזעסען אין תפיסה און געשריבען דאָרט זיינע תשובות. זיין וואונדערבאַרער מוח האָט אים געדינט, און ער האָט פון זכרון גע׳פסק׳ענט שווערע שאלות. אין די „תשובות מיימוניות״ צום ספר נשים (סימן ל׳) געפינט זיך אַ תשובה פון אים, געשריבען אין „מגדל אינז־שהיים״ צו זיין תלמיד, דעם ראַ״ש, וועלכע ענדיגט זיך אַזוי: טופסי גיטין אין בידי ולא ספרי פסקים בארץ הנגב, וסבבתי כל אלה הדברים כאשר הראוני מן השמים״. ער האָט אַלץ געשריבען פון אויסענווייניג און

דעריבער צוגעגעבן: „ואם ימצא שהתוס׳ וספרי הפוסקים חולקים עלי בשום דבר דעתי מבוטלת להם, כי מה לעני יודע שיושב חושך צלמות ולא סדרים זה ג׳ שנים ומחצה״. און ער חתמ׳עט זיך אַזוי: „העני הנשכח מכל טובה אסקופה הנדרסת הנקרא בשכבר מאיר ב״ר ברוך זלה״ה״.

וויפיל הערצאַיזם ליגט אין די מעשים און ווערטער פון אידישן רעליגיעזן פירער מיט קנאַפע 700 יאָר צוריק! און ווי דערמאָנט עס אונז אין אונזערע צייטן, ווען דער פּראָבלעם פון „פדיון שבויים״ איז געווען אַזוי אַקטועל.

גייענדיג ווייטער צווישן די קברים, דערזע איך די מצבה פון מהרי״ל (ר׳ יעקב הלוי מולין), וועלכער איז געווען דער גרעסטער פוסק בנוגע מנהגים פון דייטשען אידענטום און איז נפטר געוואָרען אין יאָר קפ״ז (1427). אויך אין זיין תקופה איז אידיש בלוט געראָנען. אַ צייט האָט ער געלעבט אין עסטרייך וועלכע ער רופט אָן „ארץ הדמים״ אין זיינע תשובות. קען מען אָבער דאָס פאַרגלייכען מיט דעם „ארץ הדמים״ וואָס האָט אַרויסגעגעבען היטלער׳ן, ימח שמו?

ווייטער שטויס איך זיך אָן אין דער מצבה פון גרויסען מקובל ר׳ אליהו לואנץ, גערופן דער „בעל שם״ וואָס איז נפטר געוואָרען אין יאָר שצ״ו (1636). די מצבה זאָגט, אַז ער איז געווען אַן „אדם גדול״ און אַ ״יודע סודות נסתרים״. אָט דער תלמיד פון מהר״ל מפּראָג, וואָס האָט אין אים אפשר אַריינגעגעבען די קונץ פון פאַרשטיין אַלטע סודות, וואָלט אונז געקענט דערקלערן דעם סוד פון דערהאַלטען דאָס אַלטע בית־החיים טראָץ דער נאַציישער זאַווערוכע. אָבער דער קבר שווייגט.

נישט ווייט פון קבר פון ר׳ אליהו „בעל שם״ געפינט זיך די מצבה פון גרויסען גאון ר׳ חיים יאיר בכרך, דעם מחבר פון באַרימטן ספר „חות יאיר״, וואָס איז נפטר געוואָרען אין יאָר תס״ב (1701). די מצבה איז גוט דערהאַלטען. זי קלאָגט אויפ׳ן גרויסען ליכט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען מיט דער פטירה פון גאון, וועלכער „יאיר נתיב בחיבוריו ותשובותיו אשר השיב לכל נפש משכלת״. ער האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די רבנים פון פוילן און איז געוואָרען אָנערקענט פון זיי אַלס גדול הדור.

ווער קען אויסרעכענען אָדער איבערגעבען אַלץ, וואָס דער בית החיים אין וואָרמס דערציילט דעם באַזוכער! הונדערטער יאָרן פון אידישער געשיכטע זיינען פאַרזייט אין דעם הייליגען פעלד. איינגעבויגען שטייען אַ סך מצבות. מאַנכע זיינען האַלב איינגעזונקען אין דער ערד.

מאַנכע זיינען שוין ווי פאַרשלונגען פון די קברים. אידישע גרויסקייט, אַדעלקייט, קדושה, איז אָבער איבעראַל אויסגעשפּרייזט. אָט זעסטו פאַר זיך דעם שתדלן ר׳ יהודה לייב אופנהיים, וועלכער ליגט און שלאָפט זיין אייביגען שלאָף אַרומגערינגעלט פון אַנדערע מיטגלידער פון דער גרויסער אופנהיים־משפחה. אָט זעסטו פאַר זיך די גרויסע בעלי צדקה, די פירער פון אידישען ציבור, וועלכע האָבען אַוועקגעגעבען די שווער־פאַרהאַרעוועטע פאַרמעגענס פאַר׳ן כלל. אָט זעסטו „עמך״, סתם אידישע מענער און פרויען, וועמענס לעבען איז געווען פול מיט קדושה און טהרה.

די מצבות אויפ׳ן בית־עלמין אין וואָרמס רעדען צו אונז מיט אַזאַ פשוט׳ער שפּראַך: „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?״ איז נאָך דאָ אַזאַ פאָלק אין דער וועלט, ווי אידען, וואָס האָבען פאַרשפּרייט אַזויפיל ליכטיגקייט און זיינען געוואָרען באַלוינט מיט אַזוי פיל פינסטערניש? איז נאָך דאָ אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבען דער וועלט אַזויפיל מוסר, אַזויפיל שיינקייט און באַקומען אַלס שכר אַזויפיל גראָבקייט און אַזויפיל ביטערע יסורים?